STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11444

DOS YINGL FUN DER KROKHMALNE

Yankel Perelman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאנקל פערלמאַן

✲

דאָס יינגל פון דער קראָכמאַלנע

יאַנקל פערלמאַן

דאָס יינגל
פון דער קראָכמאַלנע

אַ כראָניק פון אַ לעבן

צווייטער טייל

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשל״א — 1971

Yankel Perelman

Dos Yingl fun der Krochmalne

(Le garçon de la rue Krochmalne)

©

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
“Hamenora” Publishing House, 24, Zangwill St. Tel-Aviv, Israel

Printed in Israel 1971 — נדפס בישראל תשל״א

דפוס ד. בן־נון, תל־אביב

אינהאלט

דאָס ייִנגל פון דער קראָכמאַלנע

קאַפּיטל 1 — אין „פּאַוויאַק" 7
קאַפּיטל 2 — אין יענע הייסע טעג 13
קאַפּיטל 3 — גלות־ליטע 35
קאַפּיטל 4 — יאַנקל וואַלגערט זיך אַרום . . . 47
קאַפּיטל 5 — צוריק אַהיים 55
קאַפּיטל 6 — די היים איז מער נישט קיין היים . . 58
קאַפּיטל 7 — אין דער וועלט אַריין 65
קאַפּיטל 8 — פּאַריזער גליקן... 75
קאַפּיטל 9 — די מלמה רוקט זיך אָן 88
קאַפּיטל 10 — אויף די וועגן פון פראַנקרייך . . . 94
קאַפּיטל 11 — אין דער „פרייער" זאָנע 99
קאַפּיטל 12 — אין אָקופּירטן פּאַריז 111
קאַפּיטל 13 — אויפן וועג צו דער שווייץ . . . 119
קאַפּיטל 14 — אויף דער שוועל פון האָפענונג . . . 124
קאַפּיטל 15 — די באַפרייאונג 134

ברײַנדעלע

(דערציילונג פון אַ פאַרגאַנגען לעבן)

קאַפּיטל 1 149
קאַפּיטל 2 159
קאַפּיטל 3 164
קאַפּיטל 4 169
קאַפּיטל 5 176
קאַפּיטל 6 185
קאַפּיטל 7 196
קאַפּיטל 8 203

קאפיטל איינס

אין „פּאַוויאַק"

נאָך קיין גאַנצע 18 יאָר איז יאַנקעלע „ממזר" נישט אַלט געווען, ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין וואַרשעווער „פּאַוויאַק". שוין אַ יאָר 11 אַוודאי, ווי ער איז געווען אַ בעקער־געזעל. ער איז אין תפיסה אויך נישט געווען קיין פאַרשלאָפענער. אויף דער פריי האָט ער זיך געחברט מיט די עלטערע געזעלן, די שטרייקערס, זיך שוין מער נישט געשראָקן פאַר די „שטאַרקע", איז געווען אין דער אָנפירונג פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, איז בייגעווען פיל געשלעגן אין די בעקערייען, אַפילו ביי דין־תורה'ס. נישט איינמאָל האָט ער אַריינגעכאַפּט אַ זייטיקן לייג, נאָר ער האָט זיך גאַנץ שיין אויסגעלאַכט. ווו מ'האָט אים נישט געזייעט, דאָרט איז ער געוואַקסן. אָבער דאָ, אין „פּאַוויאַק", איז ער געווען פון די קלענסטע, האָט געמוזט האַלטן ס'מויל, וואַשן די פּאָדלאָגע, רייבן מיט אַ בעזעם, קראַצן מיט די נעגל. ער האָט געקריגן קלעפּ פונעם עלטסטן אין דער צעלע, און יענער האָט נאָך געשריגן:

— זשידזשע לעניוכו... פּראַצאָוואַטש!... (יידישער פויליאַק... אַרבעטן!).

אויך די אַנדערע גנבים האָבן זיך געטשעפּעט צו אים. קיין גרויסער „פּאָליטישער" איז ער נישט געווען, קיין גנב אויך נישט. די צייט איז געווען זייער אַ שלעכטע. קיין צרות האָבן נישט געפעלט. די תפיסה — איבערגעפולט. אַ הונגער. געזעסן איז ער אין דער צעלע פון 7־טן „אַדזשיאַל", נומער 9.

איינמאָל האָט יאַנקל דערהאַלטן אַ וואַלוווקע מיט 2 ברויט, 3 געקאָכטע אייער, אַ ביסל טאַבאַק, 2 העמדער, אַ פּאָר גאַטקעס, 3 נאָז־טיכלעך, אַ שטיק פּוטער, אַ נאָדל מיט ביינוול. ווען ער האָט אַריינגעברענגט דאָס פּעקל, האָט אים איינער באַלד אונטער־געשטעלט אַ פיסל, אַז ער איז שיער נישט אומגעפאַלן. איז ער גלייך צוגעגאַנגען צום עלטסטן פון דער צעלע און אים אַוועקגע־געבן דאָס גאַנצע פּעקל. יענער האָט אים נאָך אַ פרעג־געטון:

— ווילסט גאָרנישט פון דעם פּעקל?

האָט אים יאַנקל געענטפערט, אַז עס געהער נישט צו אים, און וואָס ער וויל קען ער טון דערמיט. האָט יענער גלייך באַפוילן, אַז מ'זאָל מער נישט דערוועגן צו טשעפּען דעם יאַט. אַזוי איז יאַנקל געוואָרן „אַן אייגענער".

די ווייבער אין וואַרשע פלעגן זאָגן, אַז אין „פּאַוויאַק" איז אַ ברייטע טיר אַריינצוגיין און אַ שמאָלע טיר — אַרויסצוגיין. געזעסן זענען דאָרטן דער עיקר קליינע פאַרברעכער. די גרעסערע „העכט" פלעגט מען גלייך נאָך דער „ספּראַווע" איבערפירן אין אַנדערע תפיסות — קיין מאָקאָטאָוו, פרושקאָוו, פלאָצק, שעדלעץ. פאַר די קליינע „העכטלעך" איז געווען דער „פּאַוויאַק", אָדער אין אַרסענאַל. דאָס זענען מערסטנס געווען קעשענע־גנבים. מען פלעגט זיי רופן — מאַרעוויכער, שטוב גנבים, טאַלטל־גייערס, גנבים פון די וועגענער. זיי האָט מען גערופן — פּאַטאַש־ניקעס, בוידעם־גנבים; די, וואָס פלעגן אַרויסרייסן בייטלען פון די הענט — כאַפּערס. צווישן די קליינע גנבים זענען געווען אויך „נאַזשאַווניקעס", נאַכאַלניקעס, קאַמפּינאַטאָרן, אלפאַנסן. עס זענען געווען געשלעגן ביים קאָרטן־שפּילן, געשלעגן וועגן כלות. „דערעוויאַני ראַז" 2 — 3 מאַן, וואָס פלעגן זיך באַווייזן אויף די מערק מיט אַ טישעלע מיט 3 קאָרטן. איינער האָט אַכטונג געגעבן, צי ס'גייט נישט קיין סטאָיקאָווע; איינער פלעגט ווייזן דעם אַרומגעשטעלטן עולם, אַז ס'איז גרינג צו געווינען, ווען

מ׳טרעפט ווו ס׳ליגט די טויז. דער דריטער — כלומרשט אַ זייטיקער — האָט געשפּילט און כסדר געוווּנען...

די קליינע פאַרברעכער זענען אין „פּאַוויאַק" אָפּגעזעסן חדשים־לאַנג. מ׳האָט, זעט אויס, אין די הויכע פענצטער געהאַט פאַרגעסן אין זייערע „ספּראַוועס". אָפּגעזעסן אַ יאָר־אַנדערהאַלבן, איז ער אַרויס אויף דער פריי. אין „פּאַוויאַק" האָבן זיי זיך שוין געפילט ווי ביי זיך. זיי האָבן געהאָלפן ביים צעטיילן דאָס עסן. די צעלעס זענען געווען איבערפולט. אין די 8 „אָדזשיאַלן", 2 — פּאָר פּאָליטישע. עס זענען געווען געשלעגן צווישן זיי מיט די קרימינעלע. ס׳איז אין תפיסה געווען אַ קאַפּעלע, ווו מ׳האָט זונטיק געפירט אָפּריכטן די תפילות. ס׳איז אויך געווען אַ שולכל פאַר יידן. זונטיק אין דער פרי פלעגט דער וועכטער פרעגן ווער ס׳וויל גיין אין קאָשציאָל. פרייטיק פאַרנאַכט און שבת אין דער פרי — ווער ס׳וויל גיין אין שול. קיין הייסע דאַווענערס זענען זיי קיינס נישט געווען, נאָר מ׳איז געגאַנגען, צו דערוויסן זיך נייעס פון דרויסן, אַרויסשיקן געהיים אַ בריוול אויף דער פריי.

באַגינען איז שוין יעדער געשטאַנען מיט זיין מענאַשקע. מ׳האָט געטיילט קאַפע. זי איז געווען קאַלט, ביטערלעך; אַ פיידע ברויט אויפן גאַנצן טאָג. די טיילערס האָבן די באַקאַנטע גנבים גוט באַהאַנדלט. נאָך דער קאַפע איז געווען דער אַפּעל. ס׳איז אַריינגעקומען דער עלטסטער, האָט אַריינגעקוקט אין דער ליסטע און געזען, צי ס׳שטימט. באַלד דערנאָך האָט דער צעלע־עלטסטער איינגעטיילט די אַרבעט — קערן, ווישן די ווענט, רייבן און וואַשן די פּאָדלאָגע, אַרויסטראָגן דעם עמער. מען איז אַרויס אויף שפּאַציר, די הענט פון הינטן. מ׳האָט נישט געטאָרט אויסרעדן אַ וואָרט איינער מיטן אַנדערן; אָבער מען פלעגט זיך שטילערהייט איבערוווערטלען. אַז דער וועכטער האָט עס באַמערקט, איז מען גלייך אַוועק אין קאַרצער. דאָס איז געווען אַ קליינער, פינצטערער קעלער. מ׳האָט געקריגן אַ ליטער וואַסער

און די פּאַרציע ברויט אויפֿן גאַנצן טאָג. מ'איז אַרויס פֿון דאָרט האַלב־בלינד, אויסגעגנאָרעט, ווי אַ קוימען־קערער.

אין פּאַוויאַק איז געווען איינגעפֿירט, אַז איינער איז אַריינגעקומען, אַ פֿרישער, האָט מען אים גלייך געוויזן ווער ס'איז דער עלטסטער אין דער צעלע. ער האָט אים געמוזט אויסדערציילן פֿאַרוואָס ער זיצט, ווי אַזוי ער איז אַריינגעפֿאַלן, און יענער האָט באַלד געזען מיט וועמען ער האָט צו טון. איין מאָל איז אַריינגעקומען איינער, אַנטעק גורדזשיינסקי. מ'האָט באַלד געזען, אַז ער מוז זיין פֿון אַ דאָרף. ער האָט געטראָגן פּאַרבלאָטיקטע שטיוול, אַ צעריסענע בורקע. יאַנעק, דער עלטסטער, האָט אים גענומען אויספֿרעגן. האָט ער דערציילט, אַז ער קומט פֿון אַ דאָרף הינטער פּלינצק, אַז ער האָט געגנבעט ביי אַן אַנדערן פּויער קאַרטאָפֿל פֿון שייער, ביז מען איז דערגאַנגען, אַז דאָס איז ער. ער האָט שוין געהאַט אַרויסגעגנבעט ביי די 75 קערץ קאַרטאָפֿל. דער עלטסטער האָט אים באַלד פֿאַרזיכערט, אַז מאָרגן וועט ער גיין פֿריי. דאָס פּויערל איז געווען צופֿרידן און האָט אים צוגעזאָגט, אַז נאָר ווי ער וועט אַרויסקומען, וועט ער אים אַריינשיקן אַ וואַלוּווקע. ביינאַכט, ווען אַלע זענען שוין געלעגן איבערגעדעקט מיט די קאָצן, האָט דער צעלע־עלטסטער גענומען אַ שטיוול און אַריינגערעדט מיט אַ פֿאַרדומפּן קול, אַז מען רופֿט אים, אַנטעק. דאָס פּויערל האָט זיך געוואָלט אַ ריס טון פֿון געלעגער, אָבער די שכנים האָבן אים געזאָגט, אַז מען טאָר זיך נישט אויפֿהייבן. ער מוז ענטפֿערן ליגנדיקערהייט.

— גורדזשיינסקי אַנטעק! — האָט ער געענטפֿערט פֿון געלעגער.

— זאָלסט מאָרגן, 5 אַ זייגער אין דער פֿרי, רופֿן דעם וועכטער און ער וועט דיך באַפֿרייען...

אַנטעק איז שוין די נאַכט נישט געשלאָפֿן. אַרום 4 אַ זייגער האָט ער זיך אָנגעטון, גענומען וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך,

אוועקגעגעבן דעם עלטסטן אַ שטיק סאַלע, ווורשט, ברויט. דערנאָך איז ער צו צו דער טיר און גענומען קלאַפּן, אַז דער וועכטער זאָל אים אַרויסלאָזן — ער איז פריי... דער וועכטער פון יענער זייט, אין קאָרידאָר, האָט געשריגן, ס׳זאָל זיין שטיל. אָבער אַנטעק האָט אים איבערגעשריגן, ער זאָל עפענען, ווייל ער מוז שוין גיין צום נאַטשעלניק. ער האָט אָנגעמאַכט אַזאַ גראַטשקע, אַז אַלע צעלעס האָבן זיך אויפגעכאַפּט. ביז דער וועכטער האָט דעם אַנטעקן אַוועקגעפירט אין קאַרצער. צומאָרגנס האָט מען אים צוריקגעברענגט, אַן אויסגענאָרעטן, אַ געפּרוּוירע־נעם. אַזעלכע שטיקלעך האָט מען דאָ אַדורכגעפירט.

ווען דער דייטש איז אַריין קיין וואַרשע איז אין פּאַוויאַק נאָך ערגער געוואָרן. ביי די רוסן האָט מען נאָך געגעבן אַ ביסל געצוקערטע קאַפּע, אָבער ביי זיי האָט מען שוין אינגאַנצן קיין צוקער נישט אָנגעקוקט. די קאַפּע איז געווען — אַ ביסל ברודיק וואַסער. ביי די רוסן איז די זופּ געווען מיט גרויפּן, מיט אַ קאַרטאָפל, קרויט, מ׳פלעגט אַמאָל געפינען אַ סקוואַרקע, אָבער ביי די דייטשן איז די זופּ געווען שיטער, ס׳זענען אַרומגעשווומען אַ פּאָר פאַרפרוירענע קאַרטאָפל. אין די ערשטע טעג האָבן זיי פיל באַפרייט פון תפיסה, אָבער ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און די צעלעס האָבן זיך ווידער אָנגעפילט. ס׳איז ענג געוואָרן פון אַנדערע טיפּן — קליינהענדלער, אַפילו גרויסע סוחרים, וואַרטס־לייט, זשאַנדצעס, יידן מיט בערד און טלית־קטנס. די מערסטע — שמוגלערס, וואָס פלעגן ברענגען פון דער פּראָווינץ אַביסל שפּייז, פאַלשע באַנע־מאַכערס, בראָנפן־טרייבערס, געלט־טוישערס, שפּעקולאַנטן. דאָס עסן איז נישט געווען צו נעמען אין מויל אַריין. דאָס ברויט — אַ שטיק ליים. דער טיפוס האָט גענומען פּאַנעווען. מ׳האָט אַרויסגעפירט די געפּאַלענע אין די קיל־שטיבלעך. סוף 1916 האָט אין וואַרשע געהערשט דער טויט.

די ווייבער האָבן אָפּגעשפּאָרט פון ביסן און אַריינגעשיקט

וואַלוווקעס,אָבער וואָס איז שוין דאָרט, מ׳שטייינסגעזאָגט, געווען, אַז זיי זענען נעבעך אַליין דאָרט געשטאָרבן פון הונגער. כאָטש ס׳איז געווען אַזוי שלעכט, האָט יאַנקל צוויי מאָל אין דער וואָך באַקומען גרויסע וואַלוווקעס. ביי אים האָט מען נישט געדאַרפט כאַפּן, ווייל ער האָט אַלץ אַליין צעטיילט. ער איז געווען קראַנק, ער האָט געהאַט די שפּאַנקע. דער קאָפּ האָט אים וויי געטון. ס׳איז שוין געווען אָנהייב 1917. מ׳האָט שוין געהערט בעסערע נייעסן פון דער פריי. אין לאָדזש האָבן שוין געשטרייקט די וועבער, אין די פאַבריקן ביי גייערן, ביי שייבלערן, ביי פּאָזנאַנסקי. די פּ.פּ.ס. האָט אַדורכגעפירט גרויסע סאַבאָטאַזשן אומעטום. דער „בונד״ האָט אָנגעפירט מיט די שטרייקן אין וואַרשע, ביי די בעקערס, ביי די סטאָליערס. ס׳איז שוין דערגאַנגען, אַז דער דייטש האָט גרויסע מפּלות אויף די פראָנטן. אין די צעלעס האָט מען געהערט זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער. מ׳האָט אַרויסגע־האָנגען אַ רויטע פאָן. עס האָט זיך געמאַכט לעבעדיק.

קאפיטל צוויי

אין יענע הייסע טעג

ווען יאַנקל איז אַרויס פון פּאַוויאַק, האָבן אים שוין אָפּגע־וואַרט די פירער פון די בעקערס, מלך ציגלמאַן, שאַמעלע ראָט־שילד, דער בלינדער שמיל, פראָים בולץ, חיים לעצקע, האַרשל לאַטיק. דער ערשטער באַפעל איז געווען, מען זאָל גיין צו יאָסעלען אין רעסטאָראַן אויף דער סמאָטשע 26. דאָרטן פלעגט מען נאָך קריגן אַ גוטן שנאַפּס, גוט צוצובייסן. אָבער יאַנקל האָט נישט געקענט צופיל מיטהאַלטן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ שווינדזיכ־טיקער. האָט מען אים דערווייל אַוועקגעפירט צו חיים קאָזשע־ניצער אויף סטאַנציע, מלכהלע, זיין פרוי, זאָל אים אַביסל צוזען.

באַלד אין דער פרי האָט זי אים געגעבן אין בעט אַריין אַ גלאָז באַוואַרקע, ברויט מיט פּוטער, מאַרינירטע הערינג. ביי חיים קאָזשעניצער איז אַלעמאָל געווען וואָס צוצובייסן. צו אים זענען אַרויפגעקומען אַרבעטער, מ׳האָט אָפּגעהאַלטן זיצונגען. מ׳האָט אַרומגערעדט פאַרשידענע פּראָבלעמען. דאָרט איז אַרויפגעקומען מלך ציגלמאַן, דער בלינדער שמיל. דאָס זענען געווען פירער פון „בונד״. זיי זענען אויך געווען אין פאַרבינדונג מיט דער פּוילישער גאַס.

אַז ס׳איז ווער אַרויפגעקומען, האָט מען גלייך געגרייט צום טיש, ברויט מיט הערינג, אַ שנאַפּס. מען איז געזעסן, לאַנג דיס־קוטירט. ביי חיים קאָזשעניצער איז געווען אַ ליסטע פון אַלע בעקערייען אין וואַרשע: וואָליע, אָכאָטע, פּראַגע, פּעלצאָוויזנע,

מאַקאָטאָוו, שילעץ, פּאָוואָנזעק. חיים האָט געקענט יעדן בעקער באַזונדער, די בייגל־בעקערס, די לעקעך־בעקערס. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אויפן פּיעקעליק, ווייל זיין טאַטע, זיין זיידע און עלטער־זיידע זענען שוין געווען בעקערס. אַ גוטע נאַטור, האָט מענטשן געהאָלפן, דער עיקר פּראָווינצער אַרבעטער. זיין ווייב, מלכהלע איז געווען פאַר יעדן איינעם ווי אַ מאַמע. די ערשטע זאַך האָט זי געפרעגט, צי מען האָט שוין היינט עפּעס געגעסן. זי האָט אַרויסגענומען פון דער קאָמאָדע אַ העמד איבער־צובייטן. לייטן האָבן זי גערופן „מלכהלע די גבאיטע". אַזוי לאַנג, ביז מען איז איר נישט אָנגעטרעטן אויפן „אָדטשיסק", איז שוין יענעם נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. שעלטן האָט זי געקענט מיט אַזעלכע קללות, וואָס מ'האָט זיי נאָך קיינמאָל נישט געהערט. זי איז אָבער געווען אַ גרויסע באַלעבאָסטע. ריין איז ביי איר געווען, ווי ביים קייסער.

חיים, ווען ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַרבעטן, האָט ער געהאַט לעבן זיך אַ פּעקל „טורעצקע", זאַפּלקעס, אַוועקגעשטעלט אַ פלעשל בראָנפן. די בעקעריי האָט געמוזט זיין ריין, אויסגע־קערט. זיינס אַ וואָרט איז געווען געוויגן און געמאָסטן. ער האָט אויך נישט געליטן, אַז מ'האָט גערעדט גראָבע ווערטער.

די קריג איז געגאַנגען צו ענדע. פון טיף רוסלאַנד זענען אָנגע־קומען גאַנצע צוגן מיט געפּרוירענע דייטשן. די שפּיטעלער זענען געווען איבערגעפּאַקט. די פּאָליאַקן האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָפּגעשרויפט די שינעס, אַוועקגעלייגט דייטשן, געמאַכט סאַבאָ־טאַזש ווו זיי האָבן נאָר געקענט. די דייטשן האָבן זיך איבערגעטון אין ציוויל, מ'זאָל זיי נישט דערקענען. מ'האָט אומעטום געזען פיל קאַליקעס, אויף קולעס. אויף דער יידישער גאַס איז געווען לעבעדיק. דער „בונד" איז געשטאַנען אויבנאָן, צווישן יידישע אַרבעטער. אַפילו די ווילע יונגען האָבן זיך געלאָזט „אָרגאַניזירן". די בערזעס זענען געווען איבערגעפּאַקט. מ'האָט זיך גרופּירט

אויף דער לעשנע נומער 53, אויף קאַרמעליצקע, אויף קראַכמאַלנע, אויפן פשעיאַזד. דער בונד האָט אָרגאַניזירט די באַזונדערע פאַכן, אַז מען זאָל זיין געאייניקט. די יוגנט האָט געטראָגן רויטע שאַלי־קעס. מ׳האָט ערב דעם 1־טן מאי גענומען פאַרוואַרפן רויטע פענער אויף די עלעקטרישע דראָטן. אַפילו אויפן „פאָמניק” פון מלך זיגמונט האָט מען פאַרוואָרפן אַ רויטע פאָן. די פאָליציי האָט געמוזט ברענגען די „סטראַזש־קאָמאַנדע” אַרונטערצונעמען די פענער.

קיין דייטשן האָט מען מער נישט אָנגעזען. מ׳האָט שוין געהערט, אַז אויך דאָרט, אין דייטשלאַנד, איז נישט היימלעך. מיט איין מאָל האָט זיך געמאַכט אַ מהומה. מ׳האָט גענומען רעדן, אַז ס׳איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אַרבע־טער האָבן זיך גענומען קושן אויף די גאַסן. מ׳האָט זיך דערפילט באַפרייט פון די קייטן. איצט קומט אַ נייע עפּאָכע; גלייך מיט אַלעמען, אויס אַנטיסעמיטיזם. יידן וועלן גיין אַרבעטן אין די גרויסע פאַבריקן. מען וועט נישט הערן מער: „זשידזשי דאָ פאַלעסטיני”. אַפילו די פּ.פּ.ס. האָבן געטראָגן אין די קלאַפּעס רויטע אָפּצייכנס.

דערנאָך האָט מען שוין געהערט, אַז אין רוסלאַנד גייט עס נישט אַזוי גלאַטיק, אַז קערענסקי שטעלט זיך קעגן די באָלשע־וויקעס און מען שלאָגט זיך אויף די גאַסן. קיינער האָט דאָ גאָרנישט געקענט פאַרשטיין. מ׳פלעגט רעדן, אַז מען וויל דער־שטיקן די רעוואָלוציע. עפּעס מישט זיך דאָ אַלץ אויס — באָלשע־וויקעס, מענשעוויקעס, אַנאַרכיסטן... איינס האָט מען אָבער געוווּסט — אַז די אמתע רעוואָלוציאָנערן זענען די באָלשעוויקעס...

אויף פלאַץ וואַרעצקי איז פאָרגעקומען אַ מיטינג. מ׳האָט דאָרט געזען פיל באַקאַנטע פנימער. ס׳איז געווען אַזוי ענג, אַז מענטשן זענען צעקוועטשט געוואָרן פון שטופּעניש. מיט איין מאָל איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה. מ׳האָט גענומען לויפן פון אַלע

זייטן, אין זאַקסישן גאָרטן, אויף קרולעווסקע, אויף מאַרשאַל־קאָווסקע. יאַנקל איז דאָרט אויך געווען. וואָס עס האָט דערנאָך פּאַסירט מיט אים, האָט ער נישט געוווּסט, נאָר ווען ער איז געקומען צו זיך, איז אים נאָך אַמאָל נישט גוט געוואָרן. ער איז געלעגן אין שפּיטאָל אויף וואָלסקע. דער קאָפּ און די הענט — באַנדאַזשירט. געלעגן איז ער אויף דער ערד. אַז די קראַנקן־שוועסטער האָבן אים איבערגעבונדן דעם קאָפּ, האָט ער געמאַכט אַזעלכע געוואַלדן, אַז מ׳האָט אים געמוזט צוהאַלטן די הענט און די פיס. די לינקע האַנט איז געווען צעבראָכן. אין קאָפּ האָט ער געהאַט צוויי לעכער.

אין גאַס, אויף דער קראָכמאַלנע, האָט מען נישט געוווּסט ווו ער איז אַהינגעקומען. צו חיימען פלעגן אַרויפקומען די בעקערס און פרעגן:

— וואָס האָט געקענט געשען מיט יאַנקלען?

מ׳האָט אים געזוכט אין טשיסטע־שפּיטאָל, אין די צאַרקלען.

ערשט נאָך 9 וואָכן, האָבן זיך איינמאָל אין שפּיטאָל אריין אַראָפּגעיאָוועט פראָים בולץ און האַרשל לאַטיק. געשטאַנען זענען זיי פון דער ווייטנס. די „שוועסטער״ האָט נישט דערלויבט זיי זאָלן צוגיין נענטער. זיי האָבן מיטגעבערענגט לאַנדערינקעס, פּאַר־פּום, שמעקנדיקע זייף און אַ קעמעלע מיט אַ האַנטעך. זיי האָבן יאַנקלען דערציילט, אַז זיי האָבן זיך אומעטום נאָכגעפרעגט. זיי האָבן דערציילט, אַז די דייטשן זענען שוין נישטאָ, אַז עס איז דאָ אַרבעט אין פּאַך און מען גייט עפענען אַ פּאַראיין פון בעקערס.

ווען זיי זענען אַוועק, איז יאַנקל צוריקגעפאַלן צום קישן. אַ שוועסטער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים. ס׳האָט אים גע־זשומעט אין קאָפּ, געשטאָכן ווי מיט שפּיזן. ער האָט גענומען רייסן דאָס ליילעך. נאָכן איבערבינדן, איז אים אַביסל לייכטער געוואָרן, און ער איז איינגעשלאָפן. ער האָט זיך געבעסערט.

ס'איז אים צוגעקומען וואָג. די שוועסטער מאַריע האָט געפּסקנט, אַז יאַנקל וועט לאַנג לעבן.

ס'איז אַזוי לאַנגזאַם איבערגעלאָפן גאַנצע 9 חדשים. ער איז שוין אַרומגעגאַנגען, באַדינט די איבעריקע קראַנקע, אין זאַל. ער איז אַליין געוואָרן אַ שטיקל דאָקטער. אַז ער איז שוין אינגאַנצן געזונט געוואָרן, האָט מען אים געפרעגט צי ער וויל שוין אהיימגיין.

ערשט אין יוני 1918 איז ער אַרויס פון שפּיטאָל. די ביימער האָבן געבליט. דער הימל איז געווען בלוי. אין דער גאַס האָט מען געפילט עפּעס אַ פרישקייט. מענטשן זענען געלאָפן יעדער צו זיין באַשעפטיקונג. און יאַנקל האָט זיך געשלעפּט מיט אַ קליין פּעקעלע אונטערן אָרעם — נישט קיין היים, נישט קיין אַרבעט, נישט קיין גראָשן אין קעשענע. ווו גייט מען? יעדער מענטש האָט צו וועמען צו גיין — אַ שוועסטער, אַ ברודער. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז די גאַסן שאָקלען זיך. ער איז שטיינגעבליבן אויפן פּלאַץ קאַרצעלאַק, אַרומגעקוקט זיך. דורך כלאָדנע איז ער צוגעקומען ביז דער האַלע. ווייטער דער זעלבער טומל. מען לויפט, מען שמייעט. די ערשטע זאַך איז געווען אַריינצוגיין אויף קראָכ־מאַלנע און דאָרטן וועט ער זיכער טרעפן זיינע באַקאַנטע. די גאַס איז זיינע. ער איז דאָרטן דערצויגן געוואָרן. ער קען דאָרט יעדן שטיין.

ווי נאָר ער איז אַרויסגעקומען אויפן פּלעצל, איז די ערשטע וואָס ער האָט דערזען, געווען ריווע די קעכין. זי האָט געטון אַ פאַל אַרויף אויף אים און אים אָנגעהויבן צו קושן.

— יאַנקל, ווו ביסטו געווען ?... די קינדער האָבן זיך אויף דיר געפרעגט אפשר הונדערט מאָל... ביסט פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין. יאָך לאָז דיך נישט אָפּ. דו מוזסט מיט מיר אַרויפגיין אין שטוב...

און זי האָט אים גענומען שלעפּן ביי אַן אַרבל. זי האָט אים

געקושט מיט הויכע קושן, אַז ס׳האָט זיך אים אַזש פאַרדרייט דער קאָפּ. ס׳האָט זיך פון איר געפילט מיט ריישעכץ. די ריווע פלעגט שטיין הינטער דער האַלע און פאַרקויפן געקאָכטע עסנס. זי האָט געהאַט דריי טעכטער. ביי איר איז ער שוין געווען אויף סטאַנציע. ס׳איז געווען אַ ריינע דירה. די טעכטער האָבן זיך געשמינקעוועט, געפּוצט. זיי האָבן אָבער צוגעהאָלפן דער מאַמען אין מסחר, שיילן קאַרטאָפל, מייערן, ציבעלעס, פּיעטרושקע. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געשלעפּט וואַסער פון הויף.

ווען יאַנקל איז אַריינגעקומען, איז געוואָרן אַ גאַנצע גדולה. מ׳האָט אים גענומען באַשיטן מיט פראַגן. אַז זיי האָבן דערהערט, אַז ער קומט איצט אַרויס פון שפּיטאָל, האָבן זיי אים גלייך געמאַכט אַ ריין געלעגער, און יאַנקל האָט געמוזט צוזאָגן, אַז ער בלייבט שוין ביי זיי. ער איז טאַקע גלייך אַוועקגעפאַלן אין בעט אַריין.

ס׳איז אַריינגעקומען חיים תם און דערציילט, אַז לייזער בעקער האָט אים געזען אַריינגיין צו ריווען. מ׳האָט דערציילט אין דער בעקעריי, אַז יאַנקעלע ממזר איז ביי ריווען, איז ער באַלד אַריינגעקומען. יאַנקל האָט געבעטן לאהן, די יינגסטע טאָכטער, זי זאָל קיינעם מער נישט אַריינלאָזן. ער איז געווען אַזוי מיד, אַז ער איז באַלד איינגעשלאָפן.

צומאָרגנס אין דער פרי האָבן זיך גענומען אַריינשיטן די בעקער־געזעלן. דער ערשטער איז געווען פראָים בולץ.

— וואָס מאַכסטו, יאַנקל? — האָט ער אים אָפּגעשטעקט דריי פינגער.

עס זענען געקומען מלך ציגלמאַן, יאָסל פּיאַטעק, יאַרמע זעמבּ, דער בלינדער שמיל. ביי ריווען האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַראַיין. און אַז לאה האָט גענומען מאַכן געוואַלדן, מ׳זאָל דאָס יינגל לאָזן זיך אויסרוען, האָט מען איר געגעבן אַ שטופּ

אַוועק. יעדע מינוט האָט זיך די טיר געגעבן אַ פּראַל אויף. אַנדערע האָבן עפּעס געברענגט.

די לאַגע אין פּאַד איז נישט געווען קיין פרייגלדיקע. קיין בייגל־בעקער־סעקציע האָט מער נישט עקזיסטירט. זיי זענען אַלע געוואָרן ברויט־בעקער. ברויט איז נאָך געווען אויף באַנעס. די מערסטע האָבן געהערט צום בונד. די פרומע האָבן געשאָלטן די „שטרייקערס". די אַנאַרכיסטן האָבן אַרויסגערופן גראַטשקעס.

דער בלינדער שמיל, ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט ער דערלאַנגט יאַנקלען אַ גאַנץ פּעקל געלט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געלט? — האָט יאַנקל געפרעגט.

— פרעג נישט. ס'איז פאַר דיר. נעם צו.

יאַנקל האָט נישט געוואָלט נעמען, אָבער שמיל האָט זיך איינגעשפּאַרט. מיט דעם געלט האָט יאַנקל געקענט באַצאָלן ריווען פאַר דער סטאַנציע. שפּעטער האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דאָס האָט מען צווישן די בעקער־געזעלן געמאַכט אַ קאָלעקטע, כאָטש נישט אַלע האָבן, דעם אמת געזאָגט, געקענט געבן. זיי האָבן אַליין נישט געהאַט קיין שטיקל ברויט אין שטוב. אין פּאַד איז געווען ביטער. אַנדערע זענען געוואָרן טרעגער הינטער דער האַלע, אַרויסגעלאָזן זיך איבער דער מדינה.

דער זומער איז געווען זייער אַ הייסער. יאַנקל איז אַרויס אין גאַס, געטראָפן זיך מיט אַרבעטס־חברים, מ'האָט אַרומגערעדט די לאַגע אין פּאַד. דער פּאַרזיצער איז געווען שאַמעלע ראָטשילד, סעקרעטאַר — יאָסל ליפשיץ. די מערסטע פון דער פאַרוואַלטונג — בונדיסטן. דער איינציקער, וואָס האָט געהערט צו דער רויטער פראַקציע, איז געווען שאַמע ראָטשילד. דער פּאַראיין האָט זיך איצט געפונען אויף פּאַוויע נומער 8. אַז מען האָט גערופן אַ פאַרזאַמלונג, איז געווען פול געפּאַקט. פיל בעקערס זענען געקומען, אַרומגעוויקלט מיט אַ שטריק די לענדן, פאַרמעליקטע. אַנדערע זענען געקומען מיטן פּירקאַנטיקן קויש און אַוועקגע־

שטעלט אים אין אַ ווינקל. מ'האָט פונאַנדערגעטײלט פײער־אַבנטער. ס'איז געוואָרן אַן אויפלעבונג, אָבער ס'האָט סײ־ווי נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. מ'האָט שוין געקענט באַקן בײגל, לע־קעכער. נאָר אַזוי ווי מען האָט געמײנט, אַז אַ ליאַדע טאָג קומט די רעוואָלוציע, האָבן אַ סך בעקערס, וואָס האָבן געאַרבעט סטאַלע, באַוויליקט אַראָפּצוגעבן צוויי־דריי טעג אַ וואָך. עס האָבן זיך גענומען שאַפן רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן, איבערצו־נעמען די מאַכט. פון רוסלאַנד זענען אַראָפּגעקומען חברים און געפירט פּראָפּאַגאַנדע אַרײַנצוטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ. אַ סך בונדישע בעקערס זענען טאַקע געוואָרן רויטע.

דערווײל האָט זיך אויף דער פּוילישער גאַס געשאַפן אַ קעגנערישע פּראַקציע, באָיוווקעס, און דאָרט זענען אַרײַן ווילדע יונגען, גנבים, „נאַזשאָווניקעס". זײ האָבן געהערט צו די פּ.פּ.ס. און פלעגן באַפאַלן די רויטע מיט רעוואָלווערן. ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה פון פּילסודסקין מיט די באָלשעוועקעס. אין „סײם" איז געווען אַ גרויסער שטורעם, פיל זענען אַרויסגעטרעטן קעגן דער מלחמה מיט דער יונגער ראַטנמאַכט.

ס'האָט זיך אָנגערוקט דער 1־טער מאַי. מ'האָט געגרײט רויטע פענער. אומעטום האָט זיך געגרעשט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די יידישע גאַס זאָל גײן אין אַ באַזונדערע דעמאָנ־סטראַציע, דערנאָך אַרײַנגיסן זיך אין דער אַלגעמײנער מאַסע. גאַנץ וואַרשע איז געווען רויט. 6 פּאַרטאָג זענען שוין די גאַסן געווען פול מיט מענטשן. מאַמעס זענען געגאַנגען מיט קינדער אויף די הענט. ס'זענען מיטגעגאַנגען קראַנקע, לאָמע, אויף קוּלעס. פון פּשעיאַזד, פון כלאָדנע, פון גנאָינע האָבן זיך די יידישע גרופּעס צונויפגעגאָסן בײ דער לעשנע. ווען מ'איז געקומען בײ דער דזשיקע, איז נישט געווען מעגלעך צו רירן זיך פון אָרט. פון די פענצטער האָט מען אַרויסגעהאָנגען רויטע ציכלעך. פיל חברים האָבן געטראָגן רויטע שאַליקעס. מ'האָט דערצײלט וועגן אַ

געוויסן קאַראָלסקי,וואָס האָט געהאַלטן אַ פּייערדיקע רעדע אויף טלאָמאַצקע. ער איז געקומען פון רוסלאַנד; מ׳האָט אויך דער־ציילט וועגן וואַרשעווער וואַלקער־אַרבעטער הערש־מענדל, אַ גע־קומענער פון „דאָרט״, צו אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַריאַט נישט צו גיין שלאָגן זיך מיט די באָלשעוויקעס. אָבער פּילסודסקי האָט נישט געוואָלט אונטערהאַנדלען מיט לענינען וועגן אַ פרידן.

דערווייל האָט מען גענומען 21־יאָריקע צום מיליטער, דערנאָך האָט מען שוין גענומען 20־יאָריקע, אַפילו 19 און 18־יאָריקע. עס האָט זיך געמאַכט אַ גרויסע מהומה. עס איז אַרויס אַ דע־קרעט, אַז ווער עס וועט זיך „קריען״ (אויסבאַהאַלטן), וועט ער באַקומען טויט־שטראָף. יידן האָבן זיך גענומען אַרומבלאָנקען אין דער פּראָווינץ. פריער, ביי די רוסן, זענען געווען אַ סך, וואָס האָבן נישט געהאַט ביי זיך קיין דאָקומענט, און מ׳האָט קיינמאָל נישט געקענט וויסן וויפל איינער איז אַלט. ביי די דייטשן איז איינגעפירט געוואָרן, אַז יעדער איינער האָט געמוזט האָבן ביי זיך אַ פּאַס. דערפאַר איז דאָסמאָל געווען זייער שווער זיך צו „קריען״.

אויך יאַנקל האָט זיך גדאַרפט צושטעלן אין דער רעקרוטי־רונג־ביוראָ, אין פּ.ק.או. פּאַר אַ סאָלדאַט. צוגענומען האָט מען אַלעמען, אַפילו אַז איינער האָט געהאַט אַ פעלער. זעלטן ווער ס׳איז באַפרייט געוואָרן. האָט ער באַשלאָסן, אַז וואָס ס׳זאָל נישט זיין, ער גייט נישט אין מיליטער. אָבער אַ דערזערטיר דראָט טויט־שטראָף! האָט ער זיך דערפאַר געהיטן אַראָפּצוגיין אין גאַס. אין אַזאַ צייט קען מען אויך נישט האָבן קיין צוטרוי צו יעדן איינעם. די שרעק איז געווען זייער גרויס. ביי די רייכע האָט מען די זינדלעך אַרויסגעשמוגלט קיין אויסלאַנד. יאַנקל האָט נישט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה. וואָס הייבט מען אָן ווייטער צו טון? ווו גייט מען און ווו שטייט מען?

כאַפּט ער זיך אויף אין איינעם אַ פרימאָרגן און לאָזט זיך אין וועג אַריין. ער קלערט — קיין רוסלאַנד. איידער זיך שלאָגן

פאַר דער בורזשואַזיע, איז גלייכער צו שלאָגן זיך פאַרן פראָלע־טאַריאַט. ער איז פריער אַוועק צו מלך ציגלמאַן, ער זאָל אים מיטגעבן אַ בריוו. פּאָרזיכטיק איז ער אַריבער די קערבעדזש־בריק, קיין פּראַגע. פון דאָרט האָבן שוין געפירט די וועגן קיין מזרח. ער איז פאַרביי דערפער, שטעטלעך, ביז ער איז אָנגעקומען קיין מינסק־מאַזאָוויעצק. אַ היימלעך יידיש שטעטל. ער האָט זיך געכומען נאָכפרעגן ביי מענטשן ווו איז דאָ אַ בעקעריי. מ'האָט באַלד דערקענט אין אים, אַז ער איז נישט קיין היגער. ער איז אַ וואַרשעווער, האָט ער פאַרציילט, און דאַרף פאָרן קיין בריסק־לי־טאָווסק, ער האָט דאָרט זיין מוטער. נאָר אַזוי ווי ער האָט נישט קיין געלט, וויל ער אָפּאַרבעטן עטלעכע טעג אין אַ בעקעריי.

באַלד האָבן זיך געפונען וויבער, וואָס האָבן רחמנות געקריגן אויף אים. איינע האָט אים דערלאַנגט אַ שטיק ברויט, 2 עפּל. איינע האָט אַרויסגענומען 2 מאַרק און אים געגעבן. אין דער בעקעריי איז קיין אַרבעט נישט געווען, אָבער מיט קיין ליידיקע הענט האָט מען אים נישט אַוועקגעלאָזט, דערלאַנגט צו עסן אַ ביסל געקעכץ, און ער האָט שוין דאָרט איבערגענעכטיקט.

צומאָרגנס האָט ער זיך געוואָלט לאָזן ווייטער אין וועג אַריין, אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז אויף דער באַן זאָל נישט זיין קיין קאָנטראָל. האָט ער באַשלאָסן צו גיין צופוס. ער האָט מיטגענומען ברויט, אַ פלאַש וואַסער. די פיס שטאַרק אָפּגעריבן, האָט ער זיך קוים דערשלעפּט קיין קאַלושין. אַבי וואָס ווייטער פון וואַרשע! דאָ איז ער אויך לאַנג נישט געבליבן. אין שעדלעץ איז ער אַריין אין אַן אַפּטייק און געקויפט אַ מאַשטש צוצולייגן צו די בלאָזן אויף די פיס. די נאַכט איז ער געשלאָפן אין אַ בית־מדרש. עס זענען דאָרט געשלאָפן נאָך צוויי מאַן, מעגלעך אויך אַזעלכע לייט ווי ער, וואָס האָבן זיך „געקריעט". יאַנקל איז צופרידן געווען, אַז מען פרעגט אים גאָרנישט. ער איז געלעגן אין זיינע אייגענע ווונדן.

אויף אַ פעלד האָט ער איבערגעבונדן די באַנדאַזשן, אַרומגע־וואַשן זיך, אַריינגעשטעלט די פיס אין טייכל, און זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין. ער האָט אויפן וועג געפונען אַ גוטן סען־קאַטן שטעקן און האָט גאָר אויסגעזען ווי אַ פאַסטוך. אָבער דער רעכטער פוס איז אינגאַנצן געשוואָלן געוואָרן, דאָס געשווי־לעכץ איז פאַרלאָפן, רויט, אַז ער האָט געפילט דער קאָפּ נעמט אים שווינדלען. האָט ער זיך אַוועקגעוואָרפן הינטער די ביימלעך און איז איינגעשלאָפן. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען גוט פינצטער. ער האָט אָן אַפּעטיט געקייט אַ שטיקל ברויט, צוגעטרונקען מיט וואַסער. די לבנה האָט געשיינט. ס'האָט גע־בלאָזן אַ מחיהדיק ווינטל. די נאַכט האָט זיך געצויגן לאַנג. האָט ער באַקלערט, אַז אַפילו מען וועט אים כאַפּן, וועט ער זאָגן, אַז ער וויל נישט גיין שלאָגן זיך אויפן פראָנט, זאָל מען אים שיסן, הענגען. וואָס עס האָט צו זיין, זאָל זיין.

ער איז אַריין צו אַ פויער און האָט געבעטן מ'זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן. ער האָט געקריגן אַ שטיק ברויט, אַ שיסל מילך, און דער פויער האָט אים אַריינגעפירט אין דער סטאָדאָלע. יענער האָט אָבער פריער געפאָדערט ער זאָל אים לאָזן די דאָקומענטן. נאָך גוט, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך דעם דייטשן פאַס און דעם „ויטשאָנג אָסאָביסטי", ווייל אַנדערש האָט דער פויער אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין סטאָדאָלע. דאָרט איז ער געלעגן אין שרעק, טאָמער גייט דער פויער אים מסרן, אַז ביי אים ליגט אַ דעזערטיר. ער האָט אַרויסגעקוקט דורך די שפּאַרעס. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט.

אין דער פרי האָט ער זיך געקליבן ווייטער אין וועג אַריין. ער איז דווקא געווען אַ פיינער גוי, האָט אים צוריקגעגעבן די פּאַפּירן, האָט אים נאָך מיטגעגעבן אַ שטיק ברויט אין וועג אַריין. יאַנקל האָט אים דערפאַר זייער באַדאַנקט.

אַזוי איז ער צוריקגעקומען — קיין פּראַגע. 25 טעג האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט אין וועג.

אין וואַרשע זענען געווען „מאַכערס״, וואָס פלעגן צושטעלן פּאַפּירן, מאַכן אַ סך ייִנגער, אָדער אַ סך עלטער. ער איז אַוועק אויף קראָכמאַלנע נומער 19, צו משה קאַן, און יענער האָט אים געגעבן אַ מענטריקע, אַז ער איז — מלך קאַפּלאַן, געבוירן אין 1903. ער האָט זיך נאָך געדאַרפט איינחזרן, אַז דער פּאָטער הייסט שלאַמעק און די מוטער סאַראַ...

אַזוי איז יאַנקל „ממזר״ געוואָרן אַ — מלך קאַפּלאַן. זיינע ריכטיקע פּאַפּירן האָט ער באַהאַלטן, און גענומען זוכן אַ צווייטן „מאַכער״, וואָס זאָל אים אויסאַרבעטן אַ „דאָוויד אָסאָביסטי״ אויפן נייעם נאָמען. דאָס איז שוין אָבער געווען פאַרבונדן מיט אַ סך געלט. דערווייל האָט ער זיך דערוווּסט, אַז מען זוכט אים, דערפאַר וואָס ער האָט זיך נישט צוגעשטעלט צו דער קאָמיסיע. די ערשטע וואָס האָט אים איבערגעגעבן די נייעס איז געווען ריווע די קעכין. צו איר זענען געקומען 2 זשאַנדאַרן און זיך גענוי אויס־געפרעגט, ווי ער זעט אויס, ווו מען קען אים געפינען. מען האָט אים אויך געזוכט אויף טוואַרדע 24. עס זענען געקומען אַגענטן און זיך געפרעגט, צי עס אַרבעט דאָרט נישט אַ געוויסער יאַנקל פּערלמאַן. זייער ענטפער: מיר האָבן אים שוין לאַנג נישט געזען.

איז יאַנקלען געוואָרן קאַלאַמוטנע אויף דער נשמה. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין וואַרשע וועט מען אים אַ ליאַדע טאָג כאַפּן. מען מוז אַוועק, אָפּטראָגן זיך. אָבער ווי אַזוי? צו פאָרן דאַרף מען האָבן אַ סך געלט. דערווייל דאַרף מען זיך היטן, נישט אַריינצופאַלן. מ׳האָט אים גע׳עצהט אַוועקצופאָרן קיין לאָדזש. דאָרט איז אַ גרויסע שטאָט. מלך ציגלמאַן האָט אים מיטגעגעבן אַ קאָנטאַקט צו הערשקאָוויטשן, סעקרעטאַר פון לאָדזשער בעקער־פאַראיין, אַן אַלטער בונדיסט, און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

ביז קאָלושקי איז עס געגאַנגען גלאַטיק. ווייטער איז שוין געווען אַביסל שווערער. עס איז אים ווידער אויסגעקומען צו נעכטיקן אין סטאָדאָלעס ביי פויערים. איין מאָל, ווען ער איז אַריין בעטן איבערצונעכטיקן, האָט דער פויער אים גוט צעשלאָגן און גענומען שרייען:

— זלאָדזשעי... ביסט אַ גנב...

ווען נישט די פויערטע, וואָס האָט נישט געלאָזט, וואָלט אים דער פויער זיכער דערהרגעט. זי האָט אים מיט געוואַלד אַוועקגעשלעפט. ער איז אַוועק אַ צעממיתטער, און שוין מורא געהאַט אַריינצוגיין ערגעץ. מיט גרויסע צרות האָט ער זיך קוים דערשלעפט ביז לאָדזש. ער איז אַריין אין אַ יידישער שטוב, זיך אַרומגעוואַשן, ער זאָל אויסזען אַביסל לייטיש, און גענומען נאָכפרעגן זיך ווו מען גייט צום באַלוט. דאָרט, האָט ער געוווּסט, טרעפט מען פיל יידן. ביז ער האָט זיך דערפרעגט צו דער שול־גאַס. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אויף מרדכי־גבאי׳ס גאַס, און פעפער־געסל, שוואַרצע געסל, פראַנציסקאַנער, אויף יונה פילדערס פלאַץ. ער האָט געזען אַ מאַרק מיט פרוכטן, קצבים, הענדלער, טרעגער. אַרום יונה פילדערס פלאַץ — קליינע טיי־הייזלעך. אויפן זגערזשער פלאַץ פאַרקויפט מען ברויט, קאַרטאָפל, הינער אַפילו און גענדז.

דערפרעגט צום בעקער־פאַראיין האָט ער זיך ערשט אין אָוונט, אויף דער פאָלודניאָווע גאַס. ס׳איז געווען די בערזע פון דער נאָדל־בראַנזשע. ער איז אַרויף און געטראָפן דאָרט פיל יוגנט. לעבעדיק, רוישיק. ס׳איז געווען אַ בופעט. אין פאַראיין זענען אַרויפגעקומען נישט נאָר שניידער, נאָר אויך דינסטן, מאָלערס, בעקערס, וועבערס. יעדער האָט דאָרט געהאַט זיין סעקציע. אין לייען־זאַל איז געווען געפאַקט. מ׳האָט געטוישט ביכער, פאַרטון געווען אין צייטונגען, געשפילט אין שאַך, אין דאַמקע. מ׳האָט געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. דער לאָקאַל האָט געהערט צום

בונד. ס'איז געווען אַ קאַנטינע, ווו מ'האָט געטיילט פּראָדוקטן פאַר אַרבעטסלאַזע. ס'איז געווען די הילף, וואָס איז געקומען פון אַמעריקע. זיי האָבן געטיילט מעל, בוימל, טיי, קאַווע, צוקער גריפּן.

קודם האָט יאַנקל זיך געוואָנדן צו דער בעקער־סעקציע. דער סעקרעטאַר איז געקומען 8 אין אָוונט. עס זענען שוין דאָרט געווען עטלעכע חברים, וואָס האָבן געוואַרט. ווען ס'איז געקומען זיין ריי, האָט מען אים אַריינגערופן. דאָרט האָט ער געטראָפן דעם בלינדן צאַליע, הערשקאָוויטש, דעם סעקרעטאַר. יאַנקל האָט געזאָגט, אַז ער איז געקומען קיין לאָדזש און וויל קריגן עפּעס אַרבעט. האָט אים צאַליע באַלד געענטפערט:

— אין לאָדזש האָבן מיר אייגענע אַרבעטסלאָזע.

אָבער הערשקאָוויטש האָט אים געפרעגט, אַביסל ווייכער:

— צו וואָס פאַר אַ בראַנזשע געהערסטו?

— איך בין געווען אַ בייגל־בעקער, אָבער כ'קען גוט אַרבעטן ביי ברויט, זעמל. כ'בין שוין אין פאַך 12 יאָר.

האָט הערשקאָוויטש זיך געוווּנדערט:

— 12 יאָר?... ווי אַלט זענט איר דען, חבר?...

האָט אים יאַנקל געוויזן דעם בריוו פון מלך ציגלמאַן. געוויזן אים די קאַרטע, אַז ער איז מיטגליד פון פאַרן קריג, פון פאַראיין אויף מוראַנאָוו 34, אַז מ'האָט דאָרט געצאָלט 5 קאָפּיקעס אַ וואָך. מ'האָט אים באַפוילן אַרויסצוגיין און וואַרטן, ביז מ'וועט אים אַריינרופן. נאָכדעם האָט אים דער סעקרעטאַר אַריינגערופן און געבעטן אַנטשולדיקן, וואָס דער בלינדער צאַליע איז אים גראָב פאָרגעקומען, אים געגעבן די האַנט, געבעטן זיצן. ער האָט אים געהייסן וואַרטן, ביז ער וועט ענדיקן זיין אַרבעט; געהייסן אים נעמען דערווייל ביים בופעט עפּעס צוצובייסן, אויף זיין רעכענונג. יאַנקל האָט געבעטן אַ גלאָז טיי, ברויט מיט פוטער, אַ געדיכט איי. ער האָט זיך צוגעקוקט צו דער היימלעכקייט פון פאַראיין.

ס'איז אים צוריק געווען גוט. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז ער קען דאָ אַלעמען, כאָטש ער האָט קיינעם נישט געקענט.

דערנאָך איז ער מיטגעגאַנגען מיט הערשקאָוויטשן צו אים אַהיים, אויף דער וסכאָדניע גאַס. ער האָט דאָרט געגעסן וועטשע־רע, איבערגענעכטיקט. צומאָרגנס, נאָכן פרישטיק, האָט הערש־קאָוויטש לאַנג גערעדט מיט אים, אויסגעפרעגט וואָס עס הערט זיך אין וואַרשע.

— עס ווערט געפירט אַ שיינע אַרבעט — האָט יאַנקל דערציילט — דער „בונד" האָט אַ גרויסן איינפלוס אין די פאַראיינען, אָבער עס באַווייזן זיך איצט אומעטום רויטע פראַק־ציעס. זיי מאַכן צווישן־רופן אויף די פאַרזאַמלונגען, רייסן אויף די מיטינגען. עס ברעכן אויס געשלעגן. די אַגיטאַציע וואַקסט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ „קאָמבונד", עס רייסן זיך אָפּ פיל פון די פועלי ציון, פון די „פאַראייניקטע". אָבער די פּ.פּ.ס. זוכט מיט אַלע מיטלען צו סאַבאָטירן דעם אַרבעטער־ראַט. דער קאַמף איז זייער אַ שווערער. די פּ.פּ.ס. וויל שפּאַלטן די אַרבעטער־רייען, מיט זייערע פּאַטריאָטישע לאָזונגען...

הערשקאָוויטש האָט עס אַלץ אויסגעהערט מיט גרויס אינטע־רעס און צולעצט געזאָגט יאַנקלען, אַז ער זאָל גאָרנישט זאָרגן, ער וועט אַלץ טאָן, אַז ער זאָל קריגן אַרבעט אין לאָדזש. און ער איז טאַקע צומאָרגנס אַוועק אַרבעטן צו ברוך באַביאַזש, וסאָכאָד־ניע 16.

אָבער לאַנג איז ער דאָרט נישט פאַרבליבן. ס'איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק. נאָכן שטרייק, האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן ביי משה שולמאַן אין פעפער־געסל נומער 6. יאַנקל איז שוין אין לאָדזש געוואָרן אַן אייגענער. אָבער מיט די פּאַפּירן איז אַלץ געווען פּאַסקודנע. ער איז געווען אַ דעזערטיר, אין וואַרשע האָט מען אים אַרומגעזוכט, און קיינער האָט אים דאָ נישט געוואָלט אַריינעמען נישט געמאָלדן. ער האָט געמוזט שלאָפן אין דער

בעקריי. באַקן בייגל איז נאָך געווען אומלעגאַל, און די אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן נאָר ביינאַכט. אין דער פרי האָט אַלץ געמוזט זיין ריין געמאַכט, מ׳זאָל גאָרנישט דערקענען. מעל פלעגט מען קויפן ביי די שמוגלערס פון זגערזש, פון קאָנסטאַנטין, אָדער פון בזשעזשין.

אין פאַראיין פון דער נאָדל־בראַנזשע, ווו ער איז אַרויפגעקו־מען, האָט זיך יאַנקל באַקענט מיט פיל חברים. ער האָט דאָרט יעדן אָוונט געשפילט אַ דאָמינאָ, אָדער דאַמקע. דאָרט האָט זיך יאַנקל איינמאָל פאַרטרויט פאַר אַ חבר, אַז ער איז אַ דעזערטיר, אָן אַ פּיצל פּאַפּיר ביי דער נשמה. האָט אים יענער צוגעזאָגט איינצושאַפן אַן אַלטן רוסישן פּאַס, אַז ער איז פיל עלטער. ער האָט אים צוגעפּאַסט מיט אַ בעקער־געזעל. מ׳האָט אים גערופן דער שוואַרצער אַבראַם. מיטן פּרייז איז מען שנעל אַדורכ־געקומען. לויטן פּאַס האָט איצט יאַנקל געהייסן חיל דעלעפּסקי, געבוירן אין יאָר 1893. מיטן פאלשן פּאַס האָט ער געקריגן אַ סטאַנציע צום שלאָפן. ער איז אינגיכן אויך אַריין אין דער פאַרוואַלטונג פון בעקער־פאַראיין. אין דער פאַרוואַלטונג זענען געווען: משה לעמבערגער, די ברידער קאָזשעצ, דער שטומער יידל, צאַלע זשיטניצקי, דער סעקרעטאַר איז געווען — הערשקאָוויטש. אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו אַטאַקירן אַ בעקריי אויף בזשעזשינער 3, ביים שוואַרצן וואָלף. דאָרט האָבן געאַרבעט נישט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער. דער בעקער איז געווען זייער רייך, דאָס הויז האָט געהערט צו אים. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַריינגעמען קיין געזעל פון פאַראיין. דערפאַר איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען דאַרף דעם שוואַרצן וואָלף גוט אָנלערנען.

אַז עס איז געקומען ערב פּסח, — דאָס איז שוין געווען אין 1920, — האָבן זיך געטאָן אַ לאָז אַרויס אַ גאַנצע חברה און גענומען אַלץ איבערקערן, ברעכן די לאָפּעטעס, די טישן. דער

שוואַרצער וואָלף האָט באַלד צוויסן געגעבן די פּאָליציי, האָט פאַרשלאָסן דאָס טויער, און מ׳האָט נישט געקאָנט אַנטלויפן. עטלעכע זענען טאַקע אַרעסטירט געוואָרן, און, צום שלימזל, — יאַנקל צווישן זיי. מען האָט זיי אָפּגעפירט אויף ווידזעווסקע 136. דאָרט איז געווען דער אויספאָרשונגס־אַמט. נאָך עטלעכע טעג אויספאָרשן, האָט מען אַלעמען באַפרייט, — נאָר נישט יאַנקלען. מ׳האָט אים גענומען פאָרשן ווער ער איז, ווייל לויט זיין אויסזען האָבן זיי באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט — חיל דעלעפסקי. ער האָט באַדאַרפט אַלט זיין 28 יאָר, און ער האָט גאָר אויסגעזען פון אַ יאָר 19. ס׳האָבן זיך אויף אים געשאָטן קלעפּ פון אַלע זייטן; און ער האָט אַלץ געשריגן, אַז ער איז חיל דעלעפסקי. ווען די אַגענטן האָבן געזען, אַז זיי קענען גאָרנישט פון אים אַרויסקריגן, האָט מען אים אַ צעבלוטיקטן אַריינגעוואָרפן אין אַ צעלע. מ׳האָט אים געמיינטערט, געגאָסן אויף אים וואַסער. דערנאָך האָט מען אים אַריינגעפירט אין דער קאַנצעלאַריע און גענומען ווייטער פאָרשן. צו ענדע, גייט איינער פון די אַגענטן צו און זאָגט צו אים:

— מיר ווייסן, אַז אַלץ, וואָס דו דערציילסט איז ליגן... זאָג ווער דו ביסט, אויב נישט וועסטו פון אונדזערע הענט קיין לעבעדיקער נישט אַרויס.

— איך הייס חיל דעלעפסקי. איר קענט מיט מיר טאָן וואָס איר ווילט.

דעם קאָפּ אַרומגעבונדן מיט אַ שטיק העמד, איז יאַנקל ליגן געבליבן ביז אין דער פרי אין דער צעלע אויף דער ערד. באַגיינען, נאָך דער שוואַרצער קאַפע, קומט אַריין אַן אַגענט, צוזאַמען מיט אַ קליין יידל, און דער אַגענט פרעגט אים:

— דו דערקענסט דיין זון חיל?

דאָס יידל האָט זיך גוט איינגעקוקט אין יאַנקלען און גע־ענטפערט:

— איך ווייס נישט ווער ער איז.

— ווו וווינט דיין זון?

— מיין זון, חיל, וווינט אין זגערזש.

אַרום 4 נאָכמיטאָג קומט אַריין דער זעלבער אַגענט מיטן אמתן חיל דעלעפסקי, און ער פרעגט צי ער קען יאַנקלען. יענער קוקט זיך איין און הייבט די פלייצעס, אַז ער הייבט נישט אָן צו קענען אים. דער אַגענט לאָזט זיי איבער און פאַרשליסט הינ־טער זיך די טיר. דערנאָך קומט דער אַגענט ווידער אַריין און פרעגט יענעם:

— ווי קומט צו דעם הורג דיין פּאַס?

צוויי אַגענטן שלעפּן יאַנקלען אַרויס און זאָגן צו אים:

— ביי דיר איז געווען זיין טאַטע, דער ריכטיקער חיל דע־לעפסקי. איצט מוזסטו זאָגן ווער דו ביסט. האָסט 5 מינוט צייט.

ערשט דעמאָלט האָט יאַנקל געמוזט מודה זיין:

— איך הייס יאַנקל פּערלמאַן.

— ווו וווינסטו?

— אין וואַרשע.

— ווען ביסטו געקומען קיין לאָדזש?

— אייערנעכטן.

— ס'איז נישט ריכטיק. ביסט שוין לאַנג אין לאָדזש.

נאָכן צונויפשטעלן דעם פּראָטאָקאָל, האָט זיך איינער אָנ־גערופן:

— דער ריכטיקער פויגל...

און זיי האָבן אים צוריק אַריינגעפירט אין דער צעלע. יאַנקל האָט זיי נאָך געפרעגט:

— וואָס וועט איצט זיין?

— וועסט ווערן אַ סאָלדאַט. די זשאַנדאַרמעריע וועט זיך שוין מיט דיר פאַרנעמען.

צוויי זשאַנדאַרן זענען געקומען און האָבן אים אַוועקגעפירט

אויף צעגלאַנע גאַס. דאָרט איז באַלד אַריינגעקומען איינער אין אַ ווייס פאַרטעך מיט אַ וועגעלע און געהייסן אים אַרויפלייגן זיך. ער האָט אים צוגעדעקט מיט אַ קאָץ. עס איז געקומען אַ שוועס־טער, אים אויסגעטון, איינגעשמירט מיט געלע וואַזעלינע, מיט דזעשגעכץ, אַרומבאַנדאַזשירט דעם גאַנצן צעשלאָגענעם גוף זיינעם. דריי טעג איז ער דאָרט אָפּגעלעגן. דערנאָך האָט מען אים אַוועקגעפירט צו דער מיליטערישער קאָמיסיע און ער איז צוגע־נומען געוואָרן פאַר אַ סאָלדאַט. מ׳האָט אים אַרויסגעגעבן אַ ווייס צעטל זיך צוצושטעלן צומאָרגנס 6 אַזייגער פאַרנאַכט.

צומאָרגנס האָט זיך יאַנקל צוגעשטעלט אין „זבאָרנע״ פּונקט. דאָרט איז שוין געווען פול מיט רעקרוטן. אַ סך פון זיי האָבן זיך, ווי ער, פריער „געקריעט״. די שטראָף איז געווען — מ׳האָט זיי גלייך געשיקט אויפן פראָנט. אַז מ׳האָט אויסגערופן: פּערלמאַן יאַנקעל, האָט ער געמוזט שרייען „יעסטעם״. מ׳האָט אַלעמען איינגעטיילט מענאַשקעס, אַ לעפל מיט אַ גאָפּל, אַ נייעם קאָץ, וועש, סאָלדאַטסקע שיך, וויקל־שנורן. אַלץ נייע זאַכן, נאָר וואָס געקומען פון אַמעריקע. אַז מ׳האָט זיך איבערגעטון, האָט יעדער איינער אויסגעזען ווי אַן אָפיציר. מ׳האָט אַלעמען אויך אָפּגעשוירן די טשופּרינעס. יאַנקלען איז באַלד קאַלט געוואָרן אין קאָפּ, ווייל ער איז געווינט געווען צו טראָגן אַ קאָפּ האָר, פאַרקעמט אין אַ שרונט. נאָכדעם האָט מען אַרויסגערופן די אַלע, וואָס זענען געבוירן אין חודש מערץ. זיי זענען געווען אפשר 400, בלויז דעזערטירן. און מ׳האָט זיי גלייך אָפּטראַנספּאָרטירט צו דער באַן.

צום וואָקזאַל איז מען געגאַנגען צו פיר אין אַ רייע. די פּי־וואַגאָנען זענען שוין געשטאַנען גרייט. דאָס איז געווען דעם 18־טן מערץ 1920. 5 טעג צייט האָט זיך דער צוג געשלעפּט אין וועג. אין די וואַגאָנען איז געווען זייער היימלעך. מ׳האָט געזונגען, האַרמאָניקעס האָבן געשפּילט. יאַנקל האָט געמאַכט קאַנטשאַפט מיט אַ פּאָר חברה, און זיך צונויפגערעדט, אַז אויב מען וועט

זיי שיקן אויפן פראָנט, זאָל מען זוכן אַ וועג זיך איבערצוגעבן אין „פלען". די פּאָליאַקן האָבן סיי־ווי געלאַכט, געחוזקט, גע־צישעט; געזונגען שפּאָט־לידלעך:

— אייער טראָצקי... לייבוש טראָצקי...

מ'האָט גערעדט, אַז ער איז אַ גרויסער קאָפּ, אַ געוואַלדיקער רעדנער, איינער אין דער וועלט, אַ סטראַטעג. ער ווייסט, נישקשה, ווי אַזוי צו פירן די מלחמה. ער שלאָגט זיך אָבער, כדי צו באַפרייען די גאַנצע מענטשהייט פון שקלאַפעריי. אַז אויף די פראָנטן גיבן זיך איבער גאַנצע פּולקן. דער קריג וועט לאַנג נישט דויערן. עס מוז קומען אין פּוילן די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

די אַלע דעזערטירן זענען צוגעטיילט געוואָרן צום 42־טן פּולק פּיעכאָטע. דער פּולק איז געשטאַנען אין ביאַליסטאָק, אָבער געפאָרן איז מען ביז גראָדנע. מען איז דערוויייל געבליבן אויף אַ פעלד. קיין קאַזאַרמעס זענען נישט געווען. דאָרט זענען געשטאַנען וואַגאָנעס מיט געווער. מ'האָט באַלד איינגעטיילט נייע ביקסן. יעדער האָט געדאַרפט וויסן דעם נומער פון זיין ביקס. זיי האָבן געלערנט, די אונטעראָפיצירן:

— די ביקס איז די מאַמע פון אַ סאָלדאַט... די כלה דיינע...

מ'האָט אויך געלערנט צענעמען די ביקס, יעדער טייל באַזונ־דער. פאַר פאַרלירן די ביקס, איז — טויט־שטראָף, פאַר שפּיאָנאַזש — טויט־שטראָף, פאַר איבערגעבן זיך אין פלען — טויט־שטראָף. דו מוזסט דעם שונא טויטן, קיין אַנדער ברירה עקזיסטירט נישט. נישטאָ קיין פרוי, קיין קינד, קיין טאַטע־מאַמע. נאָר איינס — דו מוזסט הרגענען דעם שונא.

און מ'האָט זיי גענומען טרייבן אויף „טשוויטשעניעס". אין דער פרי מוז אַלץ געטון ווערן אויף דער גיך. זיך וואַשן, טרינקען די קאַפע, און באלד — צום אַפּעל. יעדער מוז שטיינבלייבן גלייך. דערנאָך לויפן, פאַלן, אויפשטיין, קריכן אויפן בויך. מען האָט

זיי געלערנט שיסן. אויפן פעלד, ערגעץ ווייט, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ ברעט, און יעדער האָט געצילט.

אָבער דורך דער צייט, וואָס מען האָט זיי געלערנט שיסן, זענען געקומען צופליען די ריכטיקע שיסערס. דאָס זענען געווען רוסישע פויערים, אין צעריסענע מונדירן, אָן שיך, מיט שטריקלעך אויף די ביקסן, אַפילו יינגלעך פון 14—15 יאָר. זיי זענען געריטן אויף פערד. זיי דערזען, האָט מען באַלד אַוועקגעוואָרפן די ביקסן, אויפגעהויבן די הענט. זיי האָבן געלאַכט און זיך געפרעגט גאַנץ שכלדיק:

— נאָכוואָס זיך שלאָגן, טאָוואַרישטשי? מיר זענען אַלע חברים...

אַזוי איז יאַנקל געווען אַ סאָלדאַט פונקט 5 וואָכן. די אָפּגע־ריסענע קליידער האָט ער פאַרטוישט אויף אַ רובאַשקע, געפונען ערגעץ אַ פאָר ציווילע הויזן. עס זענען צוזאַמען מיט אים געווען ביי אַ 40 טויזנט פוילישע געפאַנגענע. און די באָלשעוויקעס האָבן זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן ביי זיי:

— ס׳איז נאָך ווייט ביז וואַרשע?...

צוויי קאָזאַקישע פרויען־סאָלדאַטן האָבן זיך געשטעלט פון פאָרנט, זעקס באָלשעוויקעס פון הינטן, און מ׳האָט זיי אַלע געפירט צום שטאָב. די רייען פון די פוילישע געפאַנגענע האָבן זיך געצויגן אַזוי ווייט איבערן שאָסיי, אַז מ׳האָט נישט געזען קיין ענדע. מען איז געגאַנגען לאַנג, דורך זאַמדיקע וועגן, דורך וועלדער און פעלדער. ערשט אויפן דריטן טאָג האָט מען זיך אויס־געלייגט אויף אַ פעלד און מ׳האָט געטיילט ברויט, זופּ. איינער פון די באָלשעוויקעס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ צוויי־רעדערדיק וועגעלע און געהאַלטן אַ רעדע:

— איר זאָלט נישט קיין מורא האָבן. איר געפינט זיך צווישן חברים. איר זאָלט זיך נישט בונטעווען, ווען איר וועט אַביסל צוהונגערן. מיר אַליין האָבן אויך נישט וואָס צו עסן. מיר שלאָגן

זיך פאַר דער פרייהייט פון אַלע פעלקער, און אויך פאַר אייער פרייהייט. מיר זענען אַרבעטער, פונקט ווי איר, ביז מיר וועלן באַפרייען גאַנץ אייראָפּע...

אַלע האָבן אָפּגעענטפערט מיט אַ הוראַ, און ווייטער געגאַנגען. 16 טעג זענען זיי אַזוי געגאַנגען. די מאַסע געפאַנגענע איז אַלץ מער גרעסער געוואָרן. פלוצים האָט מען געזען ווי צוויי קאָזאַקן קומען צורייטן, הינטער זיי עטלעכע קליינע רוסישע פורלעך. דאָס איז טראָצקי אַליין געקומען צופאָרן, אָנגעטאָן אין שטיוול, אין אַ בורקע, און זיך אַוועקגעשטעלט האַלטן אַ רעדע. נישט יעדער האָט געקענט הערן, ווייל אַ סך זענען געווען זייער ווייט. אַ סך האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין רוסיש. אָבער מען האָט זיך דערוווסט, וואָס ער האָט גערעדט, אַז אַזיווי אין רוסלאַנד קען מען נישט אויפנעמען אַזויפיל „פלענניקעס״, האָבן די רוסן געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די ליטווינער, אַז זיי זאָלן אויפנעמען די געפאַנגענע, ביז ענדע קריג.

קאפּיטל דריי

גלות-ליטע

ווי מען איז נאָר אַריבער די ליטווישע גרענעץ, האָבן די ייִדן, די ייִדישע געפּאַנגענע אויפגענומען ווי ברידער. עס זענען געלעגן גרייט גאַנצע שטויסן ברויט, חלה, ווורשטן. אַז די פּאָליאַקן האָבן עס דערזען, זענען זיי ווילד געוואָרן פון שמחה און פון קנאה. מ'האָט גענומען רייסן די ברויטן, עס איז געוואָרן אַזאַ מהומה, אַז די ליטווישע סאָלדאַטן האָבן גענומען שיסן אין דער לופטן. מען איז געלעגן אויף דר'ערד און זיך געריסן איבער אַ ברויט, איבער אַ וווּרשט. אַנדערע האָבן באַהאַלטן דאָס ברויט אין די הויזן, אונטערגעבונדן מיט אַ שטריקל. פּיל האָבן באַקומען קראַמפּן אין בויך, פון איבערעסן זיך. אָבער די ייִדן פון די שטעט־לעך האָבן כסדר אָנגעברענגט גאַנצע בערג עסנוואַרג. זיי האָבן נאָר געזוכט צווישן דער מאַסע די ייִדישע סאָלדאַטן, און די פּאָליאַקן האָבן געבורטשעט:

— איין ייִד העלפט דעם אַנדערן...

אָבער קיין פּאָליאַקן האָט מען נישט געזען אַרויסקומען העלפן זייערע ברידער. מען האָט לסוף אַלעמען אַוועקגעפירט אין צוגעגרייטע לאַגערן. דאָרט האָבן שוין די פּאָליאַקן, וואָס זענען געקומען פריער, געהאַט געלט, שוכוואַרג, טאַבאַק און ס'איז אָנגעגאַנגען אַ האַנדל. פאַר די פּאָליאַקן האָבן זיי צוגעגרייט געלעגערס, עסן, אָבער די ייִדן האָבן זיי גאָרנישט געוואָלט געבן. דאָס זענען דאָך געווען די זעלבע פּאָליאַקן, וואָס האָבן ייִדן געשאָכטן, באַרויבט, פּאָגראָמירט. צווישן די אַלע האָבן זיך

געפונען אפשר צוויי טויזנט יידן. אַ סך פון זיי האָבן געמיינט, אַז ווען מען וועט אַריין אין „פלען" צו די באָלשעוויקעס, וועלן זיי, צוזאַמען מיט זיי גיין קעמפן קעגן די פּאָליאַקן. אָבער די באָלשעוויקעס האָבן נישט געהאַט, זעט אויס, קיין צוטרוי צו די פּוילישע יידן.

דערווייל האָט מען גענומען זוכן פלענער ווי אַזוי פון דאַנען זיך אַרויסצוקריגן. אין איין טאָג איז געקומען אַ קאָמיסיע פון די ליטווינער און גענומען אויסרופן, אַז ווער עס האָט עפּעס אַ העכערע ראַנגע, זאָל זיך גלייך מעלדן, פון אַ סערזשאַנט ביז אַ גענעראַל. די אַלע האָט מען אַריבערגעפירט אין אַן אַנדערן לאַגער. זיי האָבן באַקומען בעסער צו עסן, געהאַט אַפילו באַדינערס. אין לאַגער ביי די סאָלדאַטן איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער, שטרענגער. מען האָט געלאַכט, געחוזקט פון די יידן. אָבער די יידן האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט, אַפילו אָרגאַניזירט אין לאַגער אַ דראַמקרייז, געהאַלטן זיך ריין. עס איז געקומען אַ ליטווישע דעלעגאַציע און געפרעגט, ווער עס וויל גיין פרייוויליק אויף אַרבעט, אין אַ וואַלד, שניידן ביימער. און אַ סך האָבן זיך פאַרשריבן. ס'איז נמאס געוואָרן דאָס גרויע לאַגער־לעבן. אויסער דעם האָבן פיל געטראַכט — אפשר וועט מען קענען אָפּציען פון דאָרט ? זיי האָבן פאַר דער אַרבעט צוגעזאָגט 20 קאָפּיקעס אַ טאָג, די ווערט פון אַ פעקל פּאַפּיראָסן.

יאַנקל האָט זיך פון די ערשטע צוגעשטעלט צו דער אַרבעט. מ'האָט באַדאַרפט אַ שמעק טון די לאַגע אין דרויסן. 120 מאַן זענען זיי אַוועק צו דער אַרבעט. אַוועק פון לאַגער איז מען 8 אין דער פרי און צוריקגעקומען אַרום 5 פאַרנאַכט. ביי דער אַרבעט האָט מען געקריגן גוט צו עסן, קאַפע, ברויט, ביר, זופּ. מ'האָט געזעגט די קלעצער און איינגעלייגט זיי אין קלאַפטערס, געמאָסטן 6 מעטער אין דער ברייט, 3 מעטער אין דער הויך. געהיטן האָבן זיי 2 ליטווינער מיט ביקסן.

אָבער איידער די אַרבעט האָט זיך נאָך געענדיקט, האָט זיך יאַנקל שטיל אָפּגעטראָגן, פֿאַרשווּנדן. ער איז אַראָפּ צום ניעמען. דער טייך איז געווען זייער ברייט. ער האָט אויפֿגעהויבן אַ שטעקן, אַרומגעבונדן זיך מיט אַ שטריק און געשפּאַנט אַראָפּ וואַסער. אָפּגעגאַנגען עטלעכע קילאָמעטער, האָט ער געטראָפֿן אַ פּאַסטוך און אים געפֿרעגט צי ס'איז נאָך ווייט ביז קאָוונע. האָט אים דער פּאַסטוך געזאָגט, אַז קאָוונע איז גאָר אין דער פֿאַרקערטער ריכ־טונג. האָט ער געוואַרט ביז ס'איז געוואָרן גוט פֿינצטער. דערנאָך איז ער צוריקגעגאַנגען מיטן זעלבן וועג, לענגאויס דעם ניעמען. ער האָט פֿאַרמאָגט אויף זיך נישט מער ווי אַ פּאָר צעריסענע הויזן, באָרוועס, אַ צעריסן העמד, מיט אַ דין מאַרינאַרקעלע, די קלאַפּעס אויפֿגעשטעלט.

פֿאַרטאָג איז ער אָנגעקומען אין שטאָט אַריין. אויף יאַטקעווער גאַס איז נאָך געווען ליידיקלעך. ווייבער זענען אַרויס אויסגיסן די פּאָמעשאַפּן. האָט ער איינע אַ יידענע געפֿרעגט:

—וווּ קען מען זען אַ ייד?

— איר זענט דען אַ ייד? — האָט זי זיך געוווּנדערט, אָנ־קוקנדיק אים.

— איר הערטאָך, אַז איך רעד יידיש. וואָס דען בין איך — אַ גוי?...

— איר זענט אַ פּאַסטוך?

און זי קוקט אים אָן מיט דערשראָקענע אויגן.

— אַבראַמקע, קום אַרויס! — האָט זי גערופֿן דעם מאַן.

ס'איז אַרויסגעקומען אַן איינגעהויקערטער ייד און אים אַריינגעבעטן אין שטוב.

— אַזוי, אַ ייד פֿון פּיילן?... רחל, דערלאַנג טיי... — האָט ער באַלד אַ רוף געטון צום ווייב.

אַן אָרעמע שטוב, צוויי בעטן, אַ טישל, אַ לאַנגע באַנק. יאַנקל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער באַנק. האָט געטרונקען טיי,

צוגעביסן מיט ראַזעווע ברויט. די יידענע האָט דערלאַנגט דעם אורח אַ ריין העמד מיט אַ לאַטע אויפֿן אַרבל. יאַנקל האָט זיך געפֿרעגט ווי מען טרעפֿט יידן אין קאָוונע, און אַבראַמקע האָט אים געוויזן, נישט ווייט, אין געסל. דאָרט איז אַ שול. אָבער אַריינגיין האָט ער נישט געקענט, ווייל ער איז געגאַנגען אין בלויזן קאָפּ, באָרוועס. באַלד האָבן זיך אַרומגעשטעלט יידן און גענומען אים אויספֿרעגן. מ'האָט אים געשאַפֿן וואָס אָנצוטון, אַ פּאָר הויזן, אַ רעקל, אַ פּאָר שיך. איינער האָט אַפֿילו געבּרענגט אַ פּאָר תּפֿילין מיט אַ קליין סידורל, אַ היטל.

דעם אַנדערן טאָג האָט שוין יאַנקל געאַרבעט אין אַ בעקעריי, גוט פֿאַרדינט. די באַלעבאָסטע איז געשטאַנען אין קלייט און פֿאַרקויפֿט דאָס ברויט. דער גאַנצער באַלעבאָס פֿון דער בעקעריי איז געוועז דער זון, אַן עלטערער בחור, זייער אַ גוטמוטיקער.

מענטשן האָבן געזאָגט, אַז דער זון, רובין, איז משוגע געוואָרן פֿון צופֿיל לערנען. ער האָט געלערנט אין ראַמיילעס ישיבה. יאַנקלען האָט ער נישט גערופֿן ביים נאָמען, נאָר „פּייליסע דריפּקע". זיין בעסטער פֿאַרגעניגן איז געווען צו כאַפּן פֿיש. ער האָט געהאַט פּודעלעך מיט ווערים, מיט אַרבעס, שטעקנס, אַ דינעם שטריק. שבת האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט באַגינען און איז אַוועק כאַפּן פֿיש. ער האָט יאַנקלען מיטגערופֿן, און אַז יאַנקל האָט געזאָגט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געכאַפּט קיין פֿיש, האָט ער אים געזאָגט, אַז אויב אַזוי קען ער מער נישט אַרבעטן ביי אים און נישט שלאָפֿן מער אין דער בעקעריי. אַזוי ווי יאַנקל האָט נישט געהאַט קיין פּאַפּירן, האָט ער געמוזט מיטגיין מיטן משוגענעם כאַפּן פֿיש. מ'האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אין וואַסער זענען געלעגן פֿיל קלעצער. יאַנקל איז געזעסן און געהיטן די גלעקלעך. און אַז אַ גלעקל האָט גענומען קלינגען, איז ער גיך געלאָפֿן אַרויסציען דעם פֿיש; און ווען ער האָט גענומען ציען, האָט דער פֿיש געמאַכט אַזעלכע קאָזשעלקעס אין דער לופֿטן,

געטון אַ דריי מיטן ווידל, מיטגעצויגן אים, ביז יאַנקל איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער. אַז ראובן האָט געזען, אַז יאַנקל טרינקט זיך, האָט ער אים אָנגעכאַפּט ביים אויער און אַרויסגעצויגן.

— קענסט נישט שווימען?! — האָט ער געשריגן.

— ניין, — האָט יאַנקל זיך פאַרענטפערט.

— אַ „פּיילישע דריפקע" וועט קיינמאָל נישט קענען כאַפּן קיין פיש...

באַלד דערנאָך האָט ער אַליין אַרויסגעצויגן צוויי פיש, האָט זיי אויפן אָרט אָפּגעפּרעגלט ביי אַ קליין פייערל און האָבן זיי צוזאַמען אויפגעגעסן.

זונטיק איז יאַנקל אַוועק זוכן אַן אַנדער פּלאַץ צו דער אַרבעט. ער איז אַרויס אויף דער לייסוועס־אַלייע און דערזען אַ נייע וועלט. יידן זענען געשטאַנען און איינגעטענהט. מ'האָט גערעדט וועגן די יידישע מיניסטאָרן גרודזשינסקי און סאָלאָווייטשיק. אַרום — געשעפטן מיט יידישע שילדן. יאַנקל האָט זיך גענומען נאָכפרעגן וועגן בעקער־פאַראיין. אַזאַ פאַראיין איז גאָר נישט געווען אין קאָוונע, און ער האָט געמוזט אַרומגיין אין בעקערייען פרעגן צי מען דאַרף נישט אַן אַרבעטער צו דער אַרבעט. אַרבעט האָט ער געפונען, אָבער — אַן אָרט צום שלאָפן?

— מען קען קריגן אַ סטאַנציע — האָט געזאָגט דער בעקער־מייסטער — וואָס פאַרא פּאַפּירן האָט איר?

— כ'האָב אינגאַנצן נישט קיין שום פּאַפּירן.

— ווי קומט עס עפּעס אַ מענטש אָן פּאַפּירן?

— כ'האָב זיך געבאָדן און פאַרלוירן די זאַכן מיט די פּאַפּירן.

— מוז מען מעלדן אין פּאָליציי.

געזען, אַז עס האַלט שלעכט, איז יאַנקל אַוועק אין דער קהילה. זיי האָבן אים דאָרט אַרויסגעגעבן אַ צייטווייליקן שיין. מיט דעם פּאַפּירל האָט אים דער מייסטער צוגענומען צו דער

אַרבעט. דאָס איז געווען אויף ווילקאָמירער גאַס. אין זעלבן הויף איז אויך געווען דער קאָמיסאַריאַט. דער באַלעבאָס איז געווען צופרידן פון אים. ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געהאַט אַזאַ גוטן אַרבעטער. יאַנקל האָט זיך אויסגעסטראָיעט פון קאָפּ ביז פיס, געקויפט זיך אַ ביסל וועש, געוווינט אין אַ סטאַציע אויפן גרינעם באַרג, ביי פיינע מענטשן.

אַז עס גייט גוט וויל מען נאָך בעסער. די אַרבעטער זענען זיך צונויפגעקומען אויף סלאָבאָדקע צו גרינדן אַ פאַראיין. איינער, דער קליינער לייב, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס קאַסירער. צווישן די דריי מאַן אין דער פאַרוואַלטונג, איז אויך געווען יאַנקל. און גלייך האָט מען אַדורכגעפירט, אַז מען דאַרף פאָדערן אַ לוין־העכערונג פון 20 פראָצענט. די באַלעבאַטים האָבן נאָך אָבער נישט געדאַרפט וויסן, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ פאַראיין, נאָר יעדער איינער האָט געדאַרפט פאָדערן די נייע וואָך 20 פראָצענט. אויב מען וועט נישט דערלייגן — פאַרלאָזן די אַרבעט.

ווען יאַנקל איז אַהיימגעקומען, זיך גענומען אויסטאָן, לייגן זיך שלאָפן, זענען פּלוצים אַריינגעקומען צוויי געהיים־אַגענטן און אים געהייסן מיטגיין. אין קאָמיסאַריאַט האָט ער זיך דער־וווּסט, אַז אין לאַגער, פון וואַנען ער איז אַנטלאָפן, איז אויס־געבראָכן אַ בונט. מ׳האָט דערהרגעט 2 ליטווינער, אַ סך זענען אַנטלאָפן, אַריבער די פּוילישע גרענעץ. פיל האָבן זיך באַהאַלטן. מען זוכט זיי אַרום.

קודם האָט מען יאַנקלען געשלאָסן אין קייטעלעך און אַוועק־געפירט אין דער געלער טורמע. ס׳האָט געהייסן, אַז איינעם פון די בונטאָווטשיקעס האָט מען שוין געכאַפּט. אין דער צעלע זענען זיי געזעסן זאַלבעצווייט. די אויספאָרשונג האָבן געפירט מיליטער־לייט. אין טורמע איז געווען זייער שמוציק. אָבער ערגער איז געווען, וואָס די אַלע בונטאָווטשיקעס האָט געדראָט טויט־שטראָף. יאַנקל האָט ביי דער אויספאָרשונג אויפגעוויזן, אַז ער

איז אַנטלאָפן אַ סך פריער ווי ס׳איז אויסגעבראָכן דער בונט, אַנגעוויזן ביי וועמען ער האָט געאַרבעט. די בעקערס זענען געקומען עדות זאָגן. אויף די לעגיטימאַציע פון דער קהילה האָט געהאָלפן. ער האָט טאַקע געקריגן אין דער פעסטונג בעסערע פריווילעגיעס, האָט זיך געקענט פריי באַוועגן, געזעסן אויפן הויף, געגאַנגען אין קיך און געגעסן וויפל ער האָט נאָר געוואָלט. צוגע־האָלפן אַביסל אין דער קיך. ער האָט דאָרט אויסגעזען ווי אַ שיק־יינגל. פונדעסטוועגן איז ער אָפּגעלעגן אין דער פעסטונג 5 חדשים, ביז ער איז באַפרייט געוואָרן.

זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט אים — פירן אין לאַגער, אָדער לאָזן צוריקגיין אַרבעטן. עס איז געקומען דער בעקער־מייסטער, זיך אונטערגעשריבן, אַז ער דאַרף אים צו דער אַרבעט. זיי זענען אַהיימגעפאָרן אין אַ דראָזשקע. ער האָט געהאַט ביי זיך אַ פּאַפּיר מיט אַ סטעמפּל, אָבער יעדע 15 טעג האָט ער זיך געמוזט גיין מעלדן אין קאָמיסאַריאַט אויף לייסוועס אַלייע. ער האָט אָבער געזוכט דערפון פטור צו ווערן, און האָט באַשלאָסן, אַז ער פאָרט קיין ווילנע. ער האָט געהערט, אַז ווילנע איז אַ גרויסע שטאָט. דאָרט איז דאָ אַ פאַראיין פון בעקערס, אַז מ׳פאַרדינט גוט.

אין אַ פרייטיק, נאָך דער אַרבעט, האָט ער איינגעפּאַקט זיינע זאַכן און איז אַוועק צו דער באַן. ער האָט געהאַט ביי זיך עטלעכע אַדרעסן. געקומען קיין ווילנע, איז ער פאַרפאָרן אויף קליין־סטעפאַן גאַס נומער 8. אין דעם הויף האָט איינער, צאַלע, געהאַט אַ בעקעריי. ער איז געווען דער ווירט. זיי זענען געווען דריי זין, נאָר צאַלע איז געווען דער רייכסטער. ער איז געווען אַ קורצער, אַ גראָבער. יאַנקל האָט אים געזאָגט, אַז ער קומט פון קאָוונע. מ׳האָט זיך פונאַנדערגערעדט און יאַנקל האָט אים דערציילט, אַז ער איז אַ בעקער פון וואַרשע. האָט ער אים אַריינגעבעטן אין שטוב, געשטעלט בראָנפן, צו פאַרבייסן. יאַנקל האָט דאָרט

געלאָזן זיין פעקל און איז אַרויס באַקוקן ווילנע. ער איז אַוועק אין שול־הויף און האָט געזען יידן לויפן, שמייען, בעטלען, האַנדלען. דאָרט דרייען זיך אַרום משוגעים, עצה־געבערס, גנבים. אין הויף זענען געווען צוויי אַריינגענג, 5 קלויזן, און מ׳האָט דאָרט געלערנט און געדאַוונט אַ גאַנצן טאָג, ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַרויפצוגיין אויף טרעפּלעך, איז געווען דעם גאונס קלויז. דאָרטן פלעגן קומען דאַוונען די רייכסטע סוחרים פון ווילנע און אויך די גרעסטע אָרעמעלייט.

דאָרט האָט ער געטראָפן צו רחלע, די באַלעבאָסטע, אַ יידענע מיט אַ זייער גוט האַרץ. זי האָט יעדן געהאָלפן, אַריינגענומען צום שלאָפן, אָן געלט. פאַר זיך פלעגט זי קיין מאָל נישט בעטן, נאָר פאַר אַנדערע. זי איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר 40, האָט געטראָגן אַ קופּקעלע. זי האָט זייער ליב געהאַט געדאַלקע דעם זינגער. ער איז אַמאָל געווען גרשון סיראָטעס אַ משורר, ביז ער איז משוגע געוואָרן. אַז געדאלקע איז אַריינגעקומען אין שול־הויף, איז באַלד געוואָרן אַ רעדל. ער האָט געהאַט אַ שיינע שטימע, געזונגען חזנישע שטיקלעך. רחלע פלעגט אים אַלעמאָל עפּעס צודערלאַנגען, צו נעמען אין מויל אַריין, האָט אים אַריינגענומען אין שטוב, אָפּגעקאָכט אים אַ גלאָז טיי, געגעבן צו עסן, אַרומגעוואַשן אים. אָבער ער האָט עס נישט ליב געהאַט. ער איז בעסער אַרומגעגאַנגען, אַריינגעשטעקט איין אַרבל אין אַנדערן, אַן אָפּגעריסענער, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק די לענדן.

ס׳האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט נאָך אַ משוגענער, נאָר יענער האָט שוין אויסגעזען ווי אַ שיינער רבי, מיט אַ לאַנגער, באַזיל־בערטער באָרד. מ׳האָט געזאָגט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ גרויסער סוחר, האָט געהאַט אַ שניט־קראָם. ער איז משוגע געוואָרן פון צופיל לערנען. אַז ער האָט געזען גיין אַ רבין מיט זיין שמש, האָט ער גענומען שרייען:

— גאָטס ליגנערס ! וועמען גייט איר דאָ אָפּנאַרן ? אוי, וועט

מען אייך שמייסן אויף יענער וועלט! איך וועל דאָס נישט דערלאָזן. גייט אַרבעטן!

צו די רייכע פלעגט ער האָבן טענות, פֿאַרוואָס זיי פרעסן אַלץ אויף. ער איז געשטאַנען ביים גאונס קלויז און געשאָלטן אַלע דאַווענערס און נאָכגעשריגן:

— שווינדלערס! איר האָט דאָך צו צוויי ווייבער!...

ס'איז דאָרט אַרומגעגאַנגען נאָך אַ משוגענע, רייזקע. זי פלעגט דערציילן אַלעמען, אַז איר באַשערטער ליגט שטענדיק אין קלויז, גייט נישט אַרויס. זי מוז אים כאַפּן; אַז דער ווילנער גאון האָט אים פֿאַרנאַרט אין קלויז אַריין און ער לאָזט אים נישט חתונה האָבן. דער גאון איז שוין טויט 130 יאָר, און ער זיצט נאָך דאָרט אַלץ. טויטערהייט, האָט זי געזאָגט, וועט זי אים אַרויסשלעפּן פון דער קלויז.

עס איז געווען אַ משוגענער, אַ יונגער, מיט לאַנגע ציצית. ער האָט געוואָלט ווערן מיניסטער. געהייסן האָט ער בערל דער מגיד. ער איז איינמאָל פֿאַרבייגעגאַנגען דעם אָסטראָבראָם און נישט אויסגעטאָן דאָס היטל. האָבן אים די שקצים אַזוי צעשלאָגן, אַז ער איז משוגע געוואָרן, און פון דעמאָלט אָן האָט ער נאָר געזוכט צו ווערן מיניסטער, אַראָפּצורוימען דעם אָסטראָבראָם. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער וואַנט פון שול־הויף, וווּ מען פלעגט אויפקלעפּן מודעות וועגן יום־טובים, וועגן ליכט־צינדן, און שרייען, אַז נאָר ער, בערל מגיד, איז ראוי צו זיין מיניסטער.

דאָרטן איז יאַנקל געוויר געוואָרן ווו עס געפינט זיך דער פֿאַראיין פון די בעקער. ער איז אַוועק אויף זאַוואַלנע גאַס נומער 57, און געטראָפֿן יאַנעקן, דעם פוילישן סעקרעטאַר, און אים געזאָגט אַז ער וויל קריגן אַרבעט.

— ווי פירט זיך אין וואַרשע מיט דער אַרבעט? — האָט יאַנעק געפרעגט.

— ביי אונדז אין וואַרשע, טיילט מען זיך מיט די אַרבעטס־לאָזע מיט פאַראַבנטער, אַזוי ווי צווישן אייגענע.

אַ פיינער חבר. ער האָט יאַנקלען פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַריין, אַפילו צום איבערשלאָפן אַ נאַכט. געווײנט האָט ער אויף טראַקער גאַס. אין דעם הויף איז געווען אַ יידישע בעקעריי, רעזניק. די פרוי פון סעקרעטאַר איז אויך געווען אַ פוילישע, מאַרישע. זי איז זייער ענלעך געווען צו אַ יידישע. זי האָט געגרייט צום טיש, אויסגעבעט יאַנקלען אַ גוט געלעגער. יאַנעק האָט אים געגעבן אַן עצה, ער זאָל זיך אויסזוכן אַ פלאַץ צו דער אַרבעט און קומען אים מעלדן. ער האָט דערציילט, אַז די יידישע בעקער־אַרבעטער פאַרדינען מער, אָבער זיי זענען נישט איינגעשריבן אין פאַראיין, אַז דער פאַראיין איז נאָך שוואַך אָרגאַניזירט.

קודם איז יאַנקל אַריין צום בעקער רעזניק. אַ קליין מענטשל, ער פלעגט נישט גיין, נאָר לויפן. ווען יאַנקל האָט אים געזאָגט, אַז ער קען אַלע מיני אַרבעטן, ביים טיש און ביים אויוון, קען באַקן ברויט, בייגל, זעמל, ליטוויש געבעקס, האָט אים רעזניק אָנגעקוקט און אַ זאָג געטון:

— איר, פוילישער, איר ווייסט וואָס כ׳וועל אייך זאָגן?

— וואָס ווילט איר זאָגן?

— איך וויל אייך זאָגן, אַז איר קענט רייבן בולבעס...

יאַנקל האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס מען מיינט.

— אויב איר קענט אַלצדינג, איז אַ סימן אַז איר קענט גאָרנישט... קומט אַריין פאַרנאַכט און מיר וועלן זען וואָס איר קענט.

פאַרנאַכט האָט זיך יאַנקל צוגעשטעלט. אין דער נידער איז געווען די בעקעריי. יאַנקל האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי עס זעט אויס דער אויוון. פרובירט דאָס מעל. זייער אַ גוט מעל. דער מייסטער נעמט אים אויספרעגן, צי ער קען מאַכן אַ טייג אויף חלות, און צי ער ווייסט ווי אַזוי צו באַקן בייגל.

— איר דאַרפט זיך נישט צופיל אויספרעגן. כ'בין אַ בעל־מלאכה. איך קען אַלץ מאַכן.

— נו, יונגערמאַן, טוט זיך אויס און באַווייזט וואָס איר קענט.

און אַז ער האָט געזען ווי יאַנקל גייט באַלד צו ווי אַ פאַכמאַן צום אויוון, האָט ער אים איבערגעלאָזן אַליין אין דער בעקעריי. דערנאָך איז ער אַריינגעקומען און געוואָלט זען צי ער קען אויך פלעכטן אַ חלה, צי ער קען האַקן קייזערקעס, ווי אַזוי ער דרייט די בייגל.

— אָט דאָס זוך איך טאַקע! — האָט ער געזאָגט — איצט זאָגט מיר, וואָס פאַר אַ סחורה איר וועט מיר צושטעלן.

— דאָס וועט איר שוין זען מאָרגן. איר קענט רואיק זיך גיין לייגן שלאָפן.

אין דער פרי, ווען די באַלעבאָסטע איז אַריין אין בעקעריי, איז זי געווען זייער צופרידן. ס'איז אַריינגעקומען דער מייסטער, באַקוקט דאָס געבעקס, זיך געשפיגלט אין דעם. יאַנקל האָט זיך דערביי געמאַכט נישט קוקנדיק. דער מייסטער האָט אים אַריינגערופן און געפרעגט:

— וואָס וויל אַזאַ ייד פאַרדינען?

און אַז יאַנקל האָט אים געזאָגט אַ פרייז, האָט זיך יענער אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ.

— וואָס רעדט איר? מיר וועלן דאָך נישט קענען באַצאָלן פאַרן מעל...

אָבער יאַנקל האָט געזאָגט, אַז מען וויל האָט אַ גוטן אַרבע־טער, דאַרף מען באַצאָלן. פאַרגעסט נישט, ס'איז 12 שעה אַרבעט. מ'האָט געזען, אַז דער באַלעבאָס וויל אים נישט אַוועקלאָזן און איז לסוף אַדורכגעקומען פאַר 28 רובל אַ וואָך.

באַלד דערלעבן, ווו ער האָט געאַרבעט, איז יאַנקל יעדן טאָג אַרויפגעקומען צו יאַנעקן, דעם סעקרעטאַר פון פאַראיין, און

מ׳האָט גענומען אָרגאַניזירן דאָס בעקער־פאַך. מיטגלידער זענען געווען אינגאַנצן 47 ; 8 יידישע אַרבעטער, 10 ליטווישע, 9 רוסישע, 2 קאַראימער, 18 פּאָליאַקן. אָבער אַ סך פון זיי האָבן שוין לאַנג זיך געהאַט איבערגעצויגן, און מ׳האָט זיי נישט געקענט געפינען. יאַנקל האָט יעדן אַרבעטער פאַרשריבן, ווּ ער וווינט, ווּ ער אַרבעט. געענדיקט מיט דער נייער ליסטע, איז אין איין חודש שוין געווען 76 פאַרשריבענע אין פאַראיין. מען האָט גערופן אַ פאַרזאַמלונג, באַשטימט אויסצוגלייכן די פּרייזן, איינגעפירט צו־צוטיילן פאַראבנטער. דער פאַראיין איז געוואָרן אַ שטאַרקע מאַכט. ביים אויסגלייכן די לוינען איז נישט געווען אַזוי פשוט. נישט יעדער האָט געוואָלט שטרייקן. אויך מיט די פאַראַבנטער איז נישט געווען לייכט. די קאַראַימער האָבן געהאַט אַ סך קינדער, און זיך געשראָקן פאַר אַ שטרייק. אָבער מיט דער צייט האָט שוין דער פאַראיין געהאַט 114 מיטגלידער. מ׳האָט גערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און ס׳איז באַשטימט געוואָרן צו פאָדערן אַ העכערונג פון 20 פּראָצענט. ווּ מען וועט דערלייגן, זאָל מען גיין אַרבעטן, און ווּ נישט — זאָל מען פאַרשטרייקן. די שטרייקנדיקע מוז מען איינטיילן צו צוויי נעכט אַרבעט אַ וואָך. קודם האָט מען באַזאָרגט די, וואָס האָבן געהאַט אַ סך קינדער.

קאפּיטל פיר

יאַנקל וואַלגערט זיך אַרום

דערווייל האָט מען געהערט, אַז פּוילן גייט זיך שלאָגן מיט די ליטווינער. איז ווידער אויסגעבראָכן אַ מהומה. ס'איז געמאָלדן געוואָרן אַ מאָביליזאַציע. מענטשן האָבן גענומען לויפן, פאַרלאָזט די היימען. מ'האָט געשמועסט, אַז דער פּוילישער גענעראַל זשעליגאָווסקי וויל פאַרנעמען גאַנץ ליטע. יידן האָבן ווידער מורא געהאַט פאַר פּאָגראָמען. אין טייל הויפן זענען יידן געלעגן מיט פּעק בעטגעוואַנד, אָנגעפּאַקטע זעק.

יאַנעק קאָזלאָווסקי האָט יאַנקלען געראָטן ער זאָל אַנטלויפן, אָפּטראָגן זיך פון שטאָט. קיין באַן האָט מען שוין נישט געקריגן. מען האָט שוין געהערט אַ שטאַרקע שיסעריי פון די פאָרטן. די וועגן קיין קאָוונע זענען געווען געפּאַקט. ביינאַכט האָט מען גענעכטיקט אין אַ וואַלד. מ'האָט גענומען העלצער אין די הענט אַריין, ווייל מ'האָט דערציילט, אַז עס באַווייזן זיך דאָרט וועלף. אַרום איז פול געווען מיט יידן, מאַמעס מיט קינדער, קאַליקעס. יידן האָבן געטראָגן ספר־תורה'ס. אַנדערע האָבן געפירט אויף וועגעלעך ספרים, אַפילו אַן אָרון־קודש. אַ פּאָפּ, אַ באָרוועסער, איז אויך מיטגעגאַנגען. אויפן וועג האָט מען געטראָפן ליטוויש מיליטער מיט וועגעלעך ברויט, קעסלען עסן. מען האָט געבעטן ביי זיי פאַר די קינדער אַביסל שיטערס, צו דערכאַפּן די נשמה.

וואָס ווייטער איז די מחנה געוואָרן אַלץ גרעסער. מען איז געגאַנגען אויף די פעלדער. קראַנקע האָט מען געטראָגן אויף די

פלייצעס. מען האָט שוין געהערט, אַז די פּאָליאַקן זענען אַריין קיין ווילנע און מען שלאָגט זיך ווייטער. קיין קאָוונע האָט דאָס מיליטער נישט אַריינגעלאָזן, אָבער מענטשן האָבן זיך פּאַרט דורכגעריסן. יידן זענען געשטאַנען און געטיילט פון קעסלען זופּ, אַריינגענומען די פּליטים צו זיך אין שטוב, אין די בתי מדרשים. אין גאָרטן, אויף דער לייסוועס אַלייע איז געווען פול. די קהילה האָט איינגעאָרדנט די יידן אין דער אָרעמער געגנט סלאָבאָדקע.

צום בעקער שלמה האָט שוין יאַנקל מורא געהאַט צו גיין. ער האָט זיך פריער געמוזט מעלדן אַלע 15 טעג, איידער ער איז אַנטלאָפן קיין ווילנע. דאָ האָט מען געמוזט האָבן אַ לעגיטימאַציע. אַצינד האָט מען אים געקענט איינזעצן ווי אַ פּוילישן שפּיאָן, און ער האָט זיך געדאַרפט זען מיט זיין עלטער־באָבען. ס'איז געווען ביטער. וואָס טוט מען ווייטער? ער איז אָבער געווען אַן עקשן. ער איז שוין געוווינט געווען צו די צרות. האָט ער זיך געשאַפן איינעם, אַן עדות, צו גיין אַרויסנעמען אַ לעגיטימאַציע. ער האָט זיך אַרומגעבונדן די באַק, זי זאָל אויסזען ווי געשוואָלן. ער איז אַריין מיטן עדות און געזאָגט, אַז ער איז אַ געקומענער פון ווילנע. האָט מען אים אויסגעפרעגט ווי ער הייסט, ווו ער האָט געוווינט אין ווילנע?. האָט ער געזאָגט:

— איך הייס מאָטקע אַבראַמאָוויטש, געוווינט אין ווילנע אויף טראָקער גאַס.

דערווייל קומט צו אַן אַנדערער און זאָגט אים:

— דו הייסט נישט מאָטקע אַבראַמאָוויטש, נאָר יאַנקל פּערלמאַן.

ווערט אים פינצטער פאַר די אויגן. אַז ער איז אַרויס פון דער קהילה אַ לעבעדיקער, האָט ער שוין פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום עסן. האָט ער געפונען אַן אַנדער עצה. ער האָט געפּועלט ביי איינעם, אַז יענער זאָל אַרויסנעמען אַ לעגיטימאַציע אויף אַן אַנדערן נאָמען, אויפן נאָמען בערל בערגמאַן. אין קאָוונע איז שוין

פאַר אים געווען צו ענג. מען מוז אַוועק פון דאַנען.

האָט ער גענומען וואַנדערן איבער די קליינע שטעטלעך. ער איז געקומען קיין קיידאַן זוכן אַרבעט; איז אַריין צו אַ בעקער, זיך מיט אים אַדורכגערעדט. דער בעקער, אברהם געלער, אַ ייד מיט אַ קיילעכדיקער באָרד, האָט אים אויסגעפרעגט ווי ער הייסט, פון וואַנען ער שטאַמט. האָט ער אים דערציילט, אַז ער איז אַ פוילישער, נאָר ער האָט געווינט אין ווילנע; אַז ער איז מיט אַלע יידן אַנטלאָפן פון דאָרט. דער ייד האָט אים אַלץ אויסגעהערט און עפּעס נישט אינגאַנצן געגלויבט. דערווייל האָט מען געגרייט צום טיש, און דער ייד האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל דערווייל בלייבן ביי אים אַ פּאָר טעג, אים צוצוהעלפן, ווייל קיין אַרבעטער דאַרף ער נישט, נאָר ער קען מיט אים מאַכן אַ גוט געשעפט. און ער האָט גענומען דערציילן, אַז ער איז אַמאָל געווען זייער אַ גרויסער בעקער. ער האָט שטיין אין אַ שטעטל דערלעבן בלעכן, האָלץ, קאַסטנס, טישן. ער האָט געבאַקן פאַרן רוסישן פּאָדריאַד. ער וואָלט געוואָלט די בעקעריי צוריק עפענען. מען קען דאָרט שארן גאָלד מיט אַ לאָפּעטע...

— אויב כ׳וועל זען — האָט ער נאָך צוגעגעבן — אַז ביסט דער ריכטיקער בעקער, ביסטו אַריין אין אַ שמאַלץ־גרוב.

דער געלער וועט, האָט ער געזאָגט, אַהין פירן מעל און צוקער און אַלץ, וואָס מען דאַרף נאָר, זיי וועלן באַקן בשותפות. בערל (דאָס הייסט יאַנקל) וועט אַליין זיין אין געשעפט, און ער וועט דאָרט קומען יעדע וואָך, צו זען וואָס עס הערט זיך, און מען וועט זיך טיילן מיטן ריווח.

„מיט איינמאָל ווערן אַ שותף צו אַ געשעפט" — האָט זיך יאַנקל געטראַכט.

קודם איז ער געבליבן ביי אים, און יענער האָט טאַקע באַלד איינגעזען, אַז ער איז אַן אמתער פאַכמאַן. ער האָט אים געקלאַפּט אין דער פּלייצע און געזאָגט:

— איר האָט אַ ברויט מיט אַ מעסער.

דערווייל האָט יאַנקל געהאַט ווו צו זיין, צו עסן, שלאָפן אויף אַ גוט געלעגער. דער געלער האָט נאָך אַרויסגענומען 50 רובל און אים דערלאַנגט:

— דאָס איז אייערס, און איר קענט טון דערמיט וואָס אירווילט. דאָרטן, אין דער בעקעריי, דאַרפט איר נישט אַריינלייגן קיין איין גראָשן. איך זע שוין מיט וועמען איך האָב צו טון.

יאַנקל האָט באַקוקט די 50 רובל, צי זיי זענען אַמאָל נישט קיין פאַלשע. ער האָט גערעכנט, אַז אויב דער געלער זאָל נישט זיין קיין גראָבער יונג, דאַרף ער קריגן ביז 20 רובל, און דאָ האָט אים דער געלער געגעבן אַ גאַנצן 50־ער.

דאָ האָט אָבער יאַנקל דערשנאַפּט, אַז זיין פרוי רייזל איז עפּעס נישט שטאַרק צוגעקאָכט צום גאַנצן עסק. פרייטיק אין דער פרי איז צוגעפאָרן אַ וואָגן צו געלערס בעקעריי. ער האָט באַפוילן אַרויפצולייגן 10 זעק מעל, אַ זאַק צוקער, מיטגענומען אַ קעסטל הייוון, און מ'האָט זיך אַרויפגעזעצט און געפאָרן 18 קילאָמעטער. ס'איז געווען ביי דער נייער גרענעץ צווישן פּוילן און ליטע, נאָכן פאַרנעמען ווילנע. דערווייל איז מיט דער קריג שטיל געוואָרן. אין אַראַן, אַ קליין, פאַרברענט שטעטל, איז געווען געלערס בעקעריי. אין דעם עק האָבן געוווינט עטלעכע און פערציק יידישע פאַמיליעס, צווישן פּאָליאַקן, ליטווינער. ס'איז געווען כמעט אַ דאָרף — קאָזעס, קי, פערד האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף די לאָנקעס, אויף די בערגלעך, צווישן נידעריקע שטאַכעטן־פלויטלעך.

ווען יאַנקל איז דאָרט אַריין אין דער בעקעריי און אַרומגע־קוקט זיך, האָט ער דערזען אַ גרויסן, מאָדערנעם אויוון. האַלץ איז נאָך געלעגן אָנגעוואָרפן פון די גוטע צייטן אויפן גאַנצן יאָר צו באַקן. זאַלץ — אויף 3 יאָר פאָראויס. דאָס האָט מען נישט געזען, אין וואַרשע אַפילו. אַלץ איז גוט — האָט ער זיך געזאָגט —

אָבער פאַר ווענען צו באַקן? אין שטעטל איז אַפילו נישט געווען קיין געוועלבל, און יעדער האָט דאָ זיכער געבאַקן פאַר זיך אַליין. אין יעדן הויז איז געווען אַ פויערישער אויוון.

יענער, דער געלער, האָט אים גענומען דערציילן וועגן אַ ליטווישן יום־טוב, וואָס דאַרף אויספאַלן אין 3 חדשים אַרום, און צו דעם יום־טוב דאַרף מען זיך צוגרייטן מיט 2 חדשים פריער. עס קומען הונדערטער, טויזנטער ליטווינער פון גאַנץ ליטע צו אַ „מאַטקע באָסקע", וואָס געפינט זיך 2 קילאָמעטער פון דאַנען. וואָס איינער האָט, ווערט דאָרטן פאַרקויפט, און אַלע מאָל פעלט אויס. מען צאָלט יעדן פרייז. נאָך אַזאַ יום־טוב בלייבט אויפן גאַנצן יאָר פאַרדינסט. וואָס מען באַקט אין איין חודש, ווערט פאַרקויפט אין איין טאָג.

איז יאַנקל שוין געבליבן אין אָראַן, און דער באַלעבאָס איז צוריק אַהיימגעפאָרן. קודם האָט ער זיך דאָ געפילט אין דער היים. דאָ האָט ער נישט קיין מורא געהאַט פאַר קיינעם. ווי צו מעלדן זיך איז נישט געווען.

ווען געלער איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער זיך דערוווסט פון די שכנים ווער דער געלער איז. ער האָט דאָ אַמאָל געהאַט אין אָראַן עטלעכע כלות, אַ בלאַט הויז, און די גרעסטע אָפיצירן פלעגן קומען צו אים. אַלע שלעכטע זאַכן האָט מען פון אים פאַרציילט. יאַנקל האָט זיי אויסגעפרעגט וואָס זיי דאַרפן אויף מאָרגן, וויפל ברויט, וויפל געבעקס. ער האָט עס אַלץ געמאַכט אין איין טאָג. אַז דאָס טייג איז שוין געווען גרייט, האָט ער גענומען מאַכן חלות און זעמל, אַרויסשטעלן אויפצוגיין. ער האָט איינגעהייצט דעם אויוון און האָט זיך אַביסל צוגעלייגט שלאָפן. אין די אַנדערהאַלבן שעה איז דאָס געבעקס אויפגעגאַנגען. ווען ער האָט געוואָלט אַריינעמען דאָס טייג פאַר די חלות און די זעמל, האָט ער גאָרנישט געפונען. האָט ער דאָך פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין אַ שטיקל פון דער היגער חברה. האָט ער אויף

גיך פֿאַרקנאָטן אַן אַנדער טייג, נאָר מיט מער הייוון, אַז עס זאָל גיכער אויפֿגיין.

מיט איין מאָל טוען אַ קום אַריין צוויי חברה פֿון די, וואָס טרייבן זיך אַרום מיט די קאָזעס, און שטופּן אים צו צו דער וואַנט. עס רייסן זיך אַריין אַ גאַנצע מחנה מיט קאָזעס, שלעפּן אַראָפּ די זעמל. און יאַנקל איז ווידער געבליבן אָן געבעקס.

האָט ער דאָך געזען מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן. עס איז שוין געווען שפּעט. באַלד אין דער פֿרי זענען די ווייבער געקומען נעמען, וואָס זיי האָבן באַשטעלט, האָט ער זיי דערציילט ווי די קאָזעס זענען אים באַפֿאַלן. זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט גלויבן און געהאַט אַ גאַנצע טענה, אַז ער האָט זיי אָפּגענאַרט. און קיינער האָט שוין מער גאָרנישט געוואָלט באַשטעלן.

ביינאַכט האָט יאַנקל ווידער צוגעגרייט אַביסל געבעקס. ער האָט גענומען אַ דרענגל אין האַנט אַריין, און ווען די חברה קאָזעס זענען געקומען, האָט ער גענומען האַקן אויף רעכטס און אויף לינקס. זענען זיי אַנטלאָפֿן. זיי זענען מער נישט געקומען אים באַפֿאַלן.

אין שטעטל האָט מען שוין פֿון דעמאָלט אָן געוווּסט, אַז ביי אים קען מען באַקומען אַ גוט שטיקל ברויט, אַ גוטע חלה, אָדער זעמל, בייגל. דער גאַנצער פֿאַרקויף איז געווען ביז 9 אַ זייגער, נאָכדעם איז אַ גאַנצן טאָג געווען שטיל. געאַרבעט האָט ער ביינאַכט און באַלד אין דער פֿרי איז אַלץ אויספֿאַרקויפֿט געוואָרן.

אַז ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטעטל האָבן די קאָזעס אים נאָכגעיאָגט. ער האָט שטענדיק געמוזט גיין מיט אַ שטעקן אין האַנט, ביז ער האָט זיי צוגעוווינט, אַז מען דאַרף אים נישט טשעפּען. ביי די פֿענצטער האָט ער געמאַכט הילצערנע קראַטן, פֿאַרשפּאַרט די טיר. ער האָט זיך גענומען צוגרייטן צום גרויסן ליטווישן יום־טוב. ער האָט גענומען אַ פּאַסטוך, ער זאָל אים צוהעלפֿן באַקן אייער־בייגל, קיכלעך, סוכאַרעס, האָניק־לעקעכ־

לעך, זאַכן, וואָס קענען לאַנג ליגן אויף זאַפּאַס. ער האָט אויך צוגעגרייט חלות, שטריצל. אַלץ איינגעפּאַקט אין קאַסטנס. קליינע בייגעלעך, גאַנצע מענגעס, האָט ער אויפגעצויגן אויף שטריקלעך און אויפגעהאָנגען זיי, אַז מ׳איז אַריינגעקומען אין דער בעקעריי, האָט עס אויסגעזען ווי אַ גרויסע, מאָדערנע פאַבריק.

צוויי טעג פאַרן יאָרמאַרק קומען צו גיין דריי זשאַנדאַרמען, גייען גלייך אַריין אין דער בעקעריי און זאָגן צו אים, אַז ער הייסט נישט בערל... נאָר יאַנקל פּערלמאַן. ווי אַזוי זיי האָבן זיך דערוווּסט, האָט ער נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. זיי האָבן אים אָנגעטון קייטעלעך, אַריינגעזעצט אים אין אַ בריטשקע און מען איז געפאָרן. זיי האָבן אים אַפילו נישט געוואָלט זאָגן — וווּהין מען פירט אים, ביז מען איז געקומען אין דער פעסטונג. דאָרט האָבן זיי אים אַריינגעפירט אין אַ צעלע. ס׳איז געשטאַנען אַ קרוג מיט וואַסער, אַ נאַרע צום שלאָפן, אַ ליידיקער קיבעל. אַ לעפל איז געהאָנגען אויף אַ קייטל אין דער וואַנט. יאַנקל איז אַוועקגעפאַלן אין אַ האַרטן שלאָף.

צומאָרגנס, אַ זייגער 10 אין דער פרי, האָט מען אים גערופן אין דער קאַנצעלאַריע און אים גענומען אויספרעגן — ווו ער איז געווען און פאַרוואָס ער האָט זיך נישט געמאָלדן יעדע 15 טעג? דער נאַטשאַלניק איז געווען זייער מילד, האָט זיך אַביסל געבייזערט, אָבער נישט געשלאָגן. צולעצט האָט ער אים געזאָגט:

— מען וועט דיך צוריקשיקן קיין פּוילן.

יאַנקל האָט אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל און מ׳האָט אים איבערגעפירט אין אַ גרויסן באַראַק. דאָרט האָבן זיך געפונען פיל פּוילישע געפאַנגענע. דאָרט האָט יאַנקל זיך דערוווּסט, אַז די מלחמה איז שוין פאַרענדיקט, אַז מען וואַרט אויפן אויסטויש פון געפאַנגענע; אַז פאַר 100 ליטווינער טוישן זיי אויס צוויי טויזנט פּאָליאַקן. דאָס עסן איז געווען נישט שלעכט, פּונקט ווי ביים מיליטער: אַ שטיקל פּוטער, 10 פּאַפּיראָסן, אַ לעפל מאַרמע־

אַקומען פעקלעך. באַזונדער האָט די פּוילישע רעגירונג געשיקט טוישט האָט מען לויט די „ליטערעס״. דערפאַר איז יאַנקלען אויס־לאַד און אַ האַלב ברויט. אויך האָט מען פון „רויטן קרייץ״ געקומען לאַנג צו וואַרטן. אין די באַראַקן איז געוואָרן אַלץ ניק איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער זיך נישט געמאַכט ווי־סנדיק. אַוועק איין פּאַרטיע נאָך דער אַנדערער פון לאַגער, איז געוואָרן שיטערער. מען פלעגט זיך מער נישט קריגן. אָבער ווען ס'איז שטרענג. זיי האָבן געברענגט שנאַפּס, שינקע, און אַז דער נאַטשאַל־אַביסל קאַלעמוטנע אויפן האַרץ. די היטערס זענען נישט געווען פּוטער, שאָקאָלאַד, טאַבאַק, וועש, ביינוול צום נייען. אויסגע־

קאַפּיטל פינף

צוריק אַהיים

ביז עס איז געקומען דער טאָג, ווען מ'האָט אויך יאַנקלען אויסגערופן אַוועקצופאָרן צו דער פּוילישער גרענעץ. עס איז גערופן געוואָרן אַ „זביורקע", מען זאָל זיין גרייט. אין דער פעסטונג האָט מען זיך אָנדערציילט נייעסן, אַז קיין פּוילן איז אַראָפּגעקומען מיליטער פון פראַנקרייך, גענעראַל האַלערס אַרמיי; אַז די פּאָז־נאַנטשיקעס שלאָגן יידן; אַז יידישע סאָלדאַטן האָט מען פאַר־שיקט אין אַ לאַגער. די באָלשעוויקעס האָט מען פאַרטריבן, אָבער אַז זיי וועלן נאָך צוריקקומען...

— אין פּוילן — האָט איינער פאַרציילט — איז אַ גרויסער הונגער. אַלץ ווערט דאָרט געצאָלט מיט גאָלד־צוגלייך...

מ'האָט זיך אַזויפיל אָנגעהערט, אַז די יידן אין דער ליטווישער פעסטונג האָבן שוין גאָר מורא געקריגן צוריקצופאָרן. דערווייל איז אָבער נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג. יעדער האָט געהאַט גרייט זיין פעקל. דעם 15־טן האָט מען געפּאַסעוועט ברויט אויף דריי טעג, און, שטאַרק באַוואַכט, האָט מען זיך געלאָזן אין וועג אַריין, צופוס. געווען זענען איבער טויזנט מאַן. מען איז געגאַנגען אין מאַרש און געזונגען פּוילישע לידער. געגאַנגען איז מען אַזוי ביז דרוסקעניק. דאָס איז געווען די נייע גרענעץ. אויף יענער זייט האָט זיי שוין אָפּגעוואַרט אַ פּוילישער אָרקעסטער. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט, אָבער אויף די הערצער איז נישט געווען אַזוי פריילעך, דער עיקר טאַקע ביי די יידן. דאָרט זענען

שוין געשטאַנען אויסגעשטעלט טישן. מ׳האָט זיי געגעבן אַ פעטע זופ, ווו ס׳זענען אַרומגעשווומען שטיקער חזיר־פעטס.

די ערשטע נאַכט איז מען געשלאָפן אויפן פעלד. אין דער פרי האָט מען זיי אָנגעלאָדן אין וואַגאָנעס און געפירט ביז גראָדנע. פון דאָרט האָט מען יעדן געשיקט אין זיין פולק אַריין. יאַנקל איז אַריינגעפאַלן קיין ביאַליסטאָק, אין די קאַשאַרן אויף שענקעוויטשאַ גאַס, לעבן די באַן־שינעס. אין די קאַשאַרן האָט דער קאַפּיטאַן געהאַט צו זאָגן איבער די געפאַנגענע. דעם ערשטן באַפעל האָט ער געגעבן, אַז מען דאַרף אים סאַלוטירן, ד. ה. אָפּגעבן „טשעשטש״. דעם צווייטן באַפעל, אַז קיינער טאָר נישט אַרויסגיין פון די קאַשאַרן אָן אַ „פּשעפּוסטקע״. אַרויסגיין קען מען נאָר אין אַ זונטיק. זיי האָבן דאָרט ריין געמאַכט די שמוציקע באַראַקן, געשיילט קאַרטאָפל, געוואַשן וועש. מען האָט געדאַרפט וואַרטן ביז עס וועלן קומען די פּאַפּירן צו באַפרייען. עס איז זיי אויך געקומען געלט, דער „זשאָלד״ פאַר דער גאַנצער צייט.

אַז עס איז געקומען אַ זונטיק, האָבן די סאָלדאַטן פון אַקטיוון דינסט באַקומען „פּשעפּוסטקעס״ אַרויסצוגיין אין שטאָט. אָבער נישט די געפאַנגענע. מ׳האָט זיך גענומען בונטעווען, געגאַנגען צום קאַפּיטאַן. קודם האָט אים קיינער נישט סאַלוטירט, און ער האָט גענומען באַשטראָפן מיט אַ טאָג קאַרצער. אַנדערע האָבן אונטערגעגראָבן דעם פּאַרקאַן און אַרויסגעכאַפּט זיך פון די קאַשאַרן. האָבן זיי דאָרט אַוועקגעשטעלט טאָפּלטע וואַכן ביי די טויערן, אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָטן די פּלויטן. ספּעציעלע פּאַטרולן האָבן זיך אַרומגעדרייט אין שטאָט און קאָנטראָלירט די שיינען. מען האָט זיי אַרעסטירט, אָבער אַנדערע זענען ווידער געקראָכן אונטערן פּלויט. דער קאַפּיטאַן האָט גענומען סטראַשען, אַז מען וועט זיי נישט באַפרייען, ווייל ער וועט מוזן וואַרטן אויף אַ „ספּראַווע״. איז מען מער נישט געקראָכן דורך די לעכער אין פּלויט, נאָר צו צום טויער, צוגענומען די ביקס ביי דער וואַך און

אַלע האָבן זיך אַרויסגעשיט פון די קאָשאַרן. נאָכדעם האָט מען אים צוריקגעגעבן די ביקס. מען האָט זיך גענומען שלאָגן מיט די סאָלדאַטן. עס איז געקומען פאַרשטאַרקונג. אין די צעלעס איז אויסגעבראָכן אַ הונגער־שטרייק. מען איז געלעגן אויף די נאַרעס און געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. ביז עס איז געקומען אַ קאָמיסיע אויסצופאָרשן. די קאָמיסיע האָט ביים קאַפּיטאַן אַראָפּגעריסן די שליפעס און אים געמאַכט פאַר אויס קאַפּיטאַן. פון איצט אָן איז אַ פּאָרוטשניק געווען דער קאָמענדאַנט איבער די געפאַנגענע. ער האָט געגעבן אַלע פרייהייטן אַרויסצוגיין, ווען מען וויל. נאָר שלאָפן האָט מען געמוזט קומען אין די קאָשאַרן.

עס איז אויך געקומען געלט און מען האָט אויסגעצאָלט פאַר דער גאַנצער צייט „סלוזשבע". עס זענען געקומען די באַפרייאונגס־פּאַפּירן, און יעדער האָט זיך געדאַרפט פאַרשרייבן וווהין ער וויל פאָרן. דאָס אַלץ האָט זיך געצויגן טעג, וואָכן. ווען יאַנקל האָט געקריגן זיין רייזע־שיין צו פאָרן קיין וואַרשע, האָט מען אים געזאָגט, אַז ווען ער וועט קומען קיין וואַרשע, דאַרף ער גיין אין דער זשאַנדאַרמעריע זיך מעלדן.

קאַפּיטל זעקס

די היים איז מער נישט קיין היים

ווען ער איז אַראָפּגעקומען, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, צוריק אַהיים, קיין וואַרשע, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז מיט די יידישע סאָלדאַטן איז גאָרנישט אַזוי פויגלדיק. מען שיקט זיי אין לאַגער אַריין, קיין יאַבלאָנע; אַז יידן זענען פאַרעטער... באָלשעוויקעס... אַז יידן האָבן געוואָלט פאַרקויפן פוילן.

אמת איז, אַז פיל יידישע אַרבעטער זענען אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פיל אַלטע בונדיסטן זענען געוואָרן קאָמוניסטן. אָבער אויף דער פוילישער גאַס האָבן זיך די ענדעקישע כוליגאַנעס געשטאַרקט, די גאַנצע אונטערוועלט איז געווען מיט זיי. זיי האָבן געטראָגן אייזערנע הענטשקעס, געשלאָגן, באַפאַלן יידן.

יאַנקל איז אַוועק זיך מעלדן אין דער זשאַנדאַרמעריע, האָט מען אים פאַרהאַלטן ווי אַ דעזערטיר, איינגעזעצט אין אַ מיליטערישער תפיסה אויף געגנשע. אָבער מ'האָט אים גיך באַפרייט. דאָס איז געווען אין יולי 1922. חברה האָבן זיך מיט אים דערפרייט, ווען ער איז געקומען אויף דער פאַרזאַמלונג, אויף פּאַוויע נומער 8. דאָס האָבן די „רויטע" בעקער געוואָלט איבערנעמען די אָנפירונג אין פאַראיין. זיי זענען געווען אַ מערהייט. איידער נאָך די פאַרזאמלונג האָט זיך אָנגעהויבן, איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג. מ'האָט גענומען ברעכן בענק, שטולן, טישן. פּאָליציי איז געקומען און פאַרמאַכט דעם פאַראיין. אַזוי אַרום זענען די בעקער־אַרבעטער געבליבן אין דרויסן. ווער עס איז געווען אַ שטאַרקער, האָט געהאַט

אַרבעט. נאָר דער בונדישער פֿאַראיין, אויף לעשנע 53 איז געבליבן לעגאַל. זיי זענען געווען צוזאַמען מיט די פּ.פּ.ס., ס׳האָט געהייסן, אַז די יידישע אַרבעטער זענען אַ סעקציע ביי די פּ.פּ.ס. פֿאָרזיצער איז געווען מלך ציגלמאַן, סעקרעטאַר — חבר אָסקאַר. אָסקאַר איז געווען אַ מיטגליד אין דער צענטראַלער „ראַדאַ זוויאָנזקאָוו זאַוואָדאָוויך". אַלע האָבן אים רעספּעקטירט. ער האָט געוווּסט, ווי אַזוי מען דאַרף מיט יעדן איינעם רעדן, האָט געוווּסט ווי אַזוי מען קען מאַכן אַ בעקער־אַרבעטער פֿאַר אַ „מענטש", האָט געוווּסט ווי אַזוי צו רעדן מיט אַ באַלעבאָס, ער זאָל זיך נישט אויסדריקן מיט קיין גראָבע ווערטער. אונטער זיין אָנפֿירונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אָרקעסטער פֿון פֿידלען, טרומייטערס, פּויקן.

אָבער עס האָט זיך געפֿונען איינער, געניעק בעקער, וואָס האָט געשפּילט אויף די נערוון ביים אַרומרייסן זיך אין פֿאַך.

אין 1923 איז די לאַגע געווען זייער ביטער. די ענדעקעס זענען געקומען אויפֿרייסן די פֿאַרזאַמלונגען, צעשלאָגן יידישע אַרבעטער. אין „סיים" זענען אויסגעבראָכן סקאַנדאַלן. עס איז געקומען גראַבסקי, דער פֿינאַנץ־מיניסטער, און ער האָט געשוואָרן די הויט מיט זיינע שטייערן. ספּעציעלע קאָמיסיעס זענען אַרומגעגאַנגען איבער די יידישע געוועלבער מאַכן פּראָטאָקאָלן, געפֿונען, אַז ביי יידן איז נישט ריין. די זעלבע קאָמיסיע, אַז זיי זענען אַריין צו אַ פּאָליאַק, פֿלעגט מען זיי אַרויסוואַרפֿן. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אין די בעקערייען קאָנטראָלירן, צי די ביכער שטימען. אַלץ איז געווען אין אָרדענונג, אָבער זיי האָבן דווקא אויסגעפֿונען, אַז די יידן ווילן נישט צאָלן קיין שטייערן. „גראַבסקי׳ס וואָגן" איז אַרומגעפֿאָרן און אַרויסגעפֿירט פֿון יידישע שטובן דאָס ביסל בעבעכעס. זיי האָבן אַרויסגענומען מאַשינען, מעבל, אַפֿילו וועש פֿון דער שאַנק. עס האָבן זיך אַ שאָט געטון באַנקראָטן.

ביי די יידישע פֿאַכן זענען געווען אָן אַ שיעור אַרבעטסלאָזע.

מענטשן האָבן געזוכט זיך צו ראַטעווען און אַוועק קיין אויסלאַנד. דער גרעסטער הונגער איז געווען ביי די מאַלערס. אויף נייע קאַרמעליצקע איז געווען אַ בערזע, פלעגט מען זען שטיין יידן, הונגעריקע, בלייכע, אַז ס'האָט פאַרקלעמט ביים האַרץ. ביי די בעקער־אַרבעטער, ווי עס איז געווען שלעכט, פלעגט מען נאָך עפּעס האָבן. עס האָבן זיך צונויפגענומען עטלעכע מאַן און געמאַכט שותפות. אַפילו אַלטע בעקערס האָבן אַריינגענומען די אַרבעטער פאַר שותפים.

דעמאָלט האָט מען געהערט, אַז פּראָים בולץ פון דער סעקציע בייגל־בעקער, איז אַוועק פון דער פאַרוואַלטונג. ער איז אַריין באַקן שותפות ביי סאַנע בעקער, אויף זאַמענהאָף 27. דאָרטן איז געווען אַ בעקעריי, אַ פעסטונג. פריער האָט דער זעלבער פּראָים בולץ געוואָלט צעברעכן אָט די פעסטונג, אַצינד האָט ער געמאַכט שותפות מיטן קליינעם שלמהלע און מיט סאַנע בעקער. באַלד האָט מען געהערט, אַז פּראָים בולץ האָט גענומען אָרגאַני־זירן די בעקער־באַלעבאַטים, אַז מען זאָל נישט אַריינלאָזן קיין אַרבעטער פון פאַראיין. ער פלעגט אַרומלויפן צו אַלע בייגל־בעקערס, קיינעם נישט אַריינצולאָזן. כמעט אַ האַלבער פאַראיין איז אַוועק. די לאַגע אין פאַך האָט זיך אַלץ פאַרערגערט. איינער — מ'האָט אים גערופן זלמן „אויערן־בייסער" — איז נישט אָפּגע־טראָטן, ביז ער האָט געקריגן אַ פּייעראַבנט נאַכט־אַרבעט. דער הונגער האָט אים אַרויסגעטריבן אין גאַס אַריין. ער איז געוואָרן דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן פאַראיין, און מ'האָט זיך גענומען באַקעמפן די פעסטונגען. אָבער נישט אַלעמאָל זענען די שטרייקן געלונגען. מ'האָט פאַרשפּילט, עס זענען געווען שלעגערייען, אַרעסטן. די קאַמפן צווישן די בעקערס און די באַלעבאַטים האָבן זיך געצויגן לאַנגע חדשים. זיי זענען געגאַנגען מיט פּאָליציי. מען האָט שוין געהערט, אַז פּראָים בולץ גייט אַרום מיט אַן אַגענט, טראָגט אַ רעוואָלווער אין טאַש און סטראַשעט:

— דער וואָס וועט קומען אין נאָמען פון פּאַראַיין, וועל איך אים אַוועקלייגן...

האָט מען אויסגעפונען, אַז מען דאַרף באַיקאַטירן די בעקער־רייען, נישט אַריינלאָזן קיין קליענטן. אַפילו פון דער פּראָווינץ איז מען געקומען צו העלפן די אַרבעטער אין זייער קאַמף. פון אָטוואָצקער פּאַראַיין איז געקומען הילף, ווייל די גאַנצע „ליניע" איז געווען אַ „רויטע". געזונטע יונגען פון פּאָוואָנזעק, פון שיליץ, פון אָכאָטע. אָסקאַר האָט אַזוי איינגעפירט, אַז די, וואָס האָבן געאַרבעט ביינאַכט, האָבן געמוזט קומען העלפן בייטאָג באַיקאָטירן די בעקערייען. אַלע זענען געווען דיסציפּלינירט.

די בעקער־באַלעבאַטים זענען אויך נישט געשלאָפן. זיי זענען געקומען איינער דעם אַנדערן אַרויסהעלפן. אָבער די שטרייק־ברעכער האָבן געכאַפּט אָנגעבראָכן די ביינער.

נאָך דער פּילסודסקי־איבערקערעניש, אין 1926, איז געוואָרן אַביסל לייכטער. מען האָט איינגעפירט דעם 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, שטרענג אָפּגעהיטן. אָבער עס זענען נאָך אַלץ געווען פעסטונגען, וואָס די אַרבעטער האָבן זיי נישט געקענט איינגעמען. דאָס איז געווען אין סמאָטשער ראַיאָן און אויף טוואַרדע, אויף פּאַנסקע, אויף שליסקע. די באַלעבאַטים האָבן צוהילף גענומען פּאָליציי. אויף סמאָטשע 16,ביים טויער פון משה ווילנער, איז געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט פון 5־טן צאַרקל. עס זענען געווען אַרעסטן. אָבער וואָס מער מ'האָט אַרעסטירט, אַלץ מער האָט מען זיך געשלאָגן.

אַ שטיקל צייט האָט מען נישט געהערט פון פראָים בולץ, ער איז ווי „אויסגעטריקנט" געוואָרן. אָבער מ'האָט זיך דערוווסט, אַז ער האָט צו טון מיטן דר. לאָקעטעק פון די „פּראַקעס", דעם פירער פון די אונטערוועלט־חברה, וואָס האָבן געוואָלט דערשטיקן די פּראָפ. פּאַראַיינען. דר. לאָקעטעק האָט געהאַט אַ נאָענטע

שייכות מיט דער דעפענסיווע אויף דאַנילאָוויטשאָווסקע, צוזאַמען מיטן וואַרשעווער הויפּט־שפּיצעל פּאָגאָזשעלסקי. מען האָט גענו־מען ווייטער נאָכשפּיאָנירן פּראָים בולצן און געזוכט אים אַראָפּ־צורוימען.

ס'איז געווען אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. פּאַרזיצער פון פּאַראיין איז געווען משה קאַלמיקאָווסקי, אַ גוטער אָרגאַניזאַ־טאָר. ער און חבר אָסקאַר האָבן גערופן איינצונעמען די פעסטונ־גען. אַז עס איז געקומען די מצה־וואָך, האָט מען געזען ס'זאָלן נישט זיין קיין אַרבעטסלאָזע. דער ערשטער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן אויף קראָכמאַלנע 19, ביי מאָטל מאַלאַזש. מען איז געקומען פון פּאַראיין צוטיילן אַרבעטער. דאָרט האָט געאַרבעט איינער יונה מעכל פּאַר אַ קנעטער. ער איז געווען איינער פון דער אונטערוועלט, אַ „נאַזשאָווניק". (מעסער־שטעכער). מען האָט אים אַריינגענומען, כדי די בעקעריי זאָל זיין אַ געזיכערטע קעגן אַרבעטער־פּאַראיין. דעם ערשטן טאָג, ווען מ'האָט אָנגעהויבן באַקן, איז אַריינגעקומען זלמן „אויערן־בייסער" און יאַסעלע לאַטיק און נישט געלאָזן באַקן די מצות. יונהלע מעכל האָט זיך געוואָלט כאַפּן שלאָגן די דעלעגאַציע, אָבער דער זון וואָלף כאַסקל האָט נישט דערלאָזן צו קיין געשלעג, און מען איז אַוועק אין פּאַראיין אויסגלייכן די זאַך. עס איז געלונגען צו באַזעצן דאָרט 3 אַרבעטער. דאָס זעלבע — ביי שלמה שטאַרצעווער, טוואַרדע 14. ביי משה ווילנער איז דער קאַמף געווען אַזאַ גרוי־סער, אַז מען האָט אַרעסטירט 8 מאַן. פונדעסטוועגן איז געווען אַ גרויסער זיג אין פּאַך. אין דער מצה־וואָך זענען אַלע געוואָרן באַשעפטיקט.

אָבער נאָך פּסח איז געוואָרן ערגער. עס איז געווען מער אַרעס־טירטע, ווי אויף דער פריי. די ווייבער זענען געקומען מיט די קינדער, מען זאָל זיי אונטערשטיצן. אויף דער פּאַרזאַמלונג האָט מען געזוכט פרישע פלענער. אַ סך זענען אַוועק, געוואָרן טרעגער

הינטער די האַלעס, געשלעפּט אַ וועגעלע פּרוכטן, געזוכט וואָס עס זאָל נישט זיין, כדי אין שטוב זאָלן זיין אַ פּאָר זלאָטעס. עס זענען אַראָפּגעקומען אַרבעטער פון דער פּראָווינץ, פּאַלעניצער, אָטוואָצקער. זיי האָבן טאַקע אויך צוגעהאָלפן אין קאַמף. מ׳האָט אַלץ געזוכט „אַוועקצולייגן" פּראָים בולצן. איין מאָל האָט מען אים אונטערגעכאַפּט אויף דער אָטוואָצקער ליניע, און מ׳האָט אים אַזוי צעשלאָגן, אַז מ׳האָט געמיינט, ער איז שוין אַ פּאַרטי־קער. ער איז געלעגן 3 וואָכן קראַנק, און דערנאָך איז ער ווידער קאַפּויער געקומען.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט דער ווינטער 1928. ס׳איז געווען זייער אַ שווערער ווינטער. די קעלטן זענען דערגאַנגען ביז 40 גראַד. אין די גרעסטע קעלטן זענען געשטאַנען אַרבעטער אויף דער וואַך, כדי צו היטן די שטרייק־ברעכער זאָלן נישט גיין אַרבעטן. ביז דער מצה־וואָך איז געווען זייער ביטער. אַז מען האָט גערופן אַ פאַרזאַמלונג, האָט דער פּאַרזיצער משה קאַלמי־קאָווסקי געזאָגט:

— חברים, מען טאָר נישט פאַרלירן דעם מוט. מיר מוזן פירן דעם קאַמף ביז אַראָפּ.

און מ׳האָט טאַקע געוווּנען איין בעקעריי נאָך דער אַנדערער. עס איז געוואָרן אַן אויפלעבונג.

דעם 6־טן יוני האָט מען אָפּגעהיטן פּראָים בולצן, ווען ער איז געגאַנגען פון דער אַרבעט. ווען ער איז פון זאַמענהאָף אַריין אויף דער מילע, זענען אים נאָכגעגאַנגען 5 אַרבעטער, און ווען ער איז געקומען צו שמאָלע מילע נומער 9, האָט דער קליינער מנשהלה אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און אים אַריינגעשאָסן 2 קוילן, אין האַרץ, אין בויך. פּראָים בולץ האָט זיך גענומען זעצן אויף די קני, און איז גלייך אַוועקגעפאַלן. איין האַנט איז אים געבליבן אין דער קעשענע. ער האָט נישט באַוויזן אַרויסצוכאַפּן זיין רעוואָלווער. דעם קליינעם משנהלע איז געלונגען צו כאַפּן

דעם טראַמוויי און ער איז אַוועק. ווען עס איז אָנגעקומען פּאָ־ליציי פון 4־טן צאַרקל, האָט מען שוין קיינעם נישט געטראָפן. זיי האָבן גענומען פונאַנדערפרעגן מענטשן. נאָר קיינער האָט זיך נישט געמאַכט וויסנדיק. מ׳האָט אַרויסגערופן די „פּאָגאָטאָ־וויע״ און זיי האָבן צוגענומען דעם הרוג.

נאָכן דערשיסן פּראָים בולץ, האָט מען די בעקער־אַרבעטער אַרויסגעוואָרפן פון פאַראיין אויף לעשנע 53. די קאַמפן האָט מען אָבער נישט אויפגעגעבן. פאַרקערט, זיי האָבן זיך איצט נאָך מער פונאַנדערגעפלאַקערט. עס איז איצט געבליבן אָפּצורעכענען זיך מיט נאָך צוויי מאַן — משה ווילנער און דעם משוגענעם ליפּע. אָסקאַר איז דאַן אַוועק פון פאַראיין, אָבער משה קאַלמיקאָוו־סקי האָט ווייטער געפירט די אַרבעט, צוזאַמען מיט מלך ציגלמאַן, סרול ברייטמאַן, פּיניע הויקער, אלי וואָלף, זלמן אויערן־בייסער. מ׳האָט זיך פאַרשאַרצט די אַרבל און גענומען צו דער אַרבעט. אין זעלבן ווינטער האָבן זיי „אַוועקגעלייגט״ דעם משוגענעם ליפּע; אָבער ליפּע איז געבליבן לעבן. דער שיסער איז געכאַפּט געוואָרן און געקריגן 8 יאָר תפיסה. און ווייטער האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן. מ׳איז געקומען אין די נעכט אַרויסנעמען פון די בעטן. ס׳איז געווען ביטער, וואָס ביטערער קען שוין נישט זיין. אַ סך בעקערס זענען אַוועק קיין אויסלאַנד.

קאַפּיטל זיבן

אין דער וועלט אַריין

באַזאָרגט מיט קאָנטאַקטן, מיט אַ ביסל געלט, איז יאַנקל, אין פעברואַר 1930, אַוועק פון וואַרשע, אויף דער וואַנדער. ווייטער צו לעבן אין האַלב־פאַשיסטישן פוילן האָט ער שוין נישט געהאַט קיין כוח. וואָס צו דערוואַרטן איז שוין אויך נישט געווען. ער האָט אויף זיין לייב פון קינדווייז אָן, געפילט גענוג קלעפּ. ס'איז אים, אויסער אַלעם, פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס לעבן. איז ער אַוועק אין דער וועלט אַריין.

צוערשט איז ער אַריינגעפאָרן קיין סאָסנאָוויץ, אין אויבער־שלעזיע. זיך אַרומגעדרייט, געזוכט אַ קאָנטאַקט, ווי אַזוי זיך אַריבערצוקריגן די גרענעץ קיין דייטשלאַנד. ער האָט געאַרבעט ביי אַ פויער אויפן פעלד און זיך דערוווּסט וועגן איינעם, אַ „שוואַרצער". ביי אים, האָט מען געמוזט ליגן 2 טעג אין אַ סטאָדאָלע. מ'האָט געמוזט וואַרטן אויף אַ פּאַרטיע פון 8 מאַן, ווייל אַנדערש האָט זיך אים נישט געלוינט דאָס עסק. אויפן פערטן טאָג איז שוין יאַנקל געווען אין דייטשלאַנד. אַרויפגעכאַפּט זיך אויף דער באַן און דערפאָרן ביז בערלין. אין בערלין האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן, ביז ער האָט דערשנאַפּט אַ יידישע בעקעריי. איז צוגעקומען איינער און אים געפרעגט, צי ער וואַרט אויף וועמען? אַז יענער האָט געהערט ווי אַזוי יאַנקל רעדט „דייטש", האָט ער אים באַלד אַ זאָג געטאָן:

— איר קומט פון וואַרשע? איר דאַרפט זיך נישט ברעכן די ציין. מיט מיר קענט איר רעדן ריין יידיש...

יאַנקל איז געווען אויפגערעכט צו טרעפן אַן אייגענעם אין דער פרעמד. יענער האָט אים שוין געפירט, איינגעקויפט ברויט, וווּרשט. ער האָט נישט געגעסן אויף דער גאַס, דאָ איז נישט די קראָכמאַלנע. יענער האָט אים אַוועקגעפירט אין אַן אָרט, צווישן יידן. דערוווּסט זיך, אַז ער איז געקומען אומלעגאַל, הייסט עס אַז ער האָט נישט פון וואָס דעם טאָג איבערצולעבן, אַז ער איז אַ „גאַלענער". אין בערלין פלעגן זיך אַרומדרייען וואַרשעווער חברה'לייט, און אַז ס'איז געקומען אַ „גרינער" פון פוילן, און אַז יענער האָט געהאַט ביי זיך אַביסל געלט, האָט מען אים פאָרגעשלאָגן פאַרשידענע שותפות־געשעפטן, געוויזן אים פלעצער, און אויסגענאַרט ביי אים די פאָר גראָשן. אָבער יאַנקל איז געווען אַ „גאַלענער", און די חברה האָט זיך גלייך אָפּגעטראָגן. זיי האָבן געהויבן מיט די אַקסלען, ווי איינער זאָגט:

— אַ גרינער פענטאַק... כאַטש גיב אים נאָך צו אַ פאָר מאַרק...

דאָרט האָט ער אָבער אויך געטראָפן איינעם, שמיל פון לאָדזש, אַ וועבער פון באַלוט. ער האָט אַרומגעטראָגן אין אַ וואַליזקעלע העמדער צו פאַרקויפן, און געצויגן דערפון חיונה. אָט דער שמיל האָט יאַנקלען אהיימגענומען צו זיך. אַז יאַנקל האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל פאָרן קיין פראַנקרייך, האָט אים יענער גענוי אויסגעמשלט אַ גאַנצן פלאַן, וואָס ער דאַרף צו טון: ער זאָל זיך אַריבערכאַפּן קיין בעלגיע, און האָט אים מיטגעגעבן אַ בריוול צו זיינס אַ פריינד אין בריסל.

און אַזוי איז טאַקע געווען. נאָך דעם זעלבן טאָג איז ער אַוועק קיין בריסל. אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער גרויסער, פרעמדער שטאָט. ער איז אַריין אין אַ בעקעריי, געקויפט 2 ברויט, מיט דייטש געלט, האָט מען אים נאָך אַ רעשט געגעבן קליינגעלט. איין ברויט האָט ער אויפגעגעסן אויף דער שטעל, דאָס צווייטע האָט ער גענומען אונטערן אָרעם.

לאַנג האָט ער זיך אין בריסל אויך נישט אויפגעהאַלטן.

אויפן דריטן טאָג איז ער שוין געווען ביי דער פראַנצויזישער גרענעץ. ער איז נישט געגאַנגען מיטן שאָסיי, נאָר מיט די דאָרפס־וועגן. ער האָט געטראָגן אַ פּאַסטוך וואָס האָט געפירט קי. איז ער געגאַנגען נאָך אים. געוועדט האָט ער צו יענעם מיט די הענט, ווייל ער האָט נישט פאַרשטאַנען יענעמס לשון, ביז יענער האָט גענומען פאַרשטיין וואָס ער מיינט; אַז ער זוכט אַריינצוקומען קיין פראַנקרייך. קודם האָט אים דער פּאַסטוך געגעבן אַ שטיק ברויט מיט סאַדלע, געוויזן אים, אַז ער דאַרף דאָ איבערנעכטיקן אין פעלד, און אין מיטן נאַכט אַריבערגיין די גרענעץ.

אין פראַנקרייך האָט ער געוואַנדערט פון איין שטעטל אין אַנדערן. די גאַנצע רייזע פון פוילן ביז אַהער, איז ער מער געגאַנגען צופוס, ווי געפאָרן. דורך דער גאַנצער צייט האָט ער נישט געטוישט דאָס העמד אויפן לייב. יאַנקל האָט שוין געהאַט פיל געלייענט וועגן פראַנקרייך, דאָס לאַנד פון פרייהייט, גלייכהייט, רעוואָלוציע... דאָס שטורעמען די באַסטיליע... אַצינד געפינט ער זיך אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואָס האָט די ערשטע אויפגעהויבן די פאָן פון פרייהייט.

באַלד אין דער ערשטער נאַכט אין פּאַריז האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אין די האַלעס און דערזען — אַ וואַלד פון פּרוכטן, געשאָכטענע אָקסן, גרינוואַרג, אַזויפיל עסנוואַרג, וואָס ער האָט עס אין וואַרשע קיינמאָל נישט געזען. אַפילו די קלאָשאַרן, וואָס זענען דאָרט פול געווען, האָבן אים נישט אָפּגעשראָקן. ער האָט זיך אָוועקגעלייגט צוזאַמען מיט זיי ביי אַ וואַנט און איז איבערגעשלאָפן ביז אין דער פרי.

אַלע פראַנצויזן האָבן אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי יידן. מיטלווּקסיקע, שוואַרצע, אַנדערע מיט בערד. פון דאָרט איז ער אַוועק צום סען־פּאָל. ביי דער מעטראָ זענען געשטאַנען פּאַליאַקן. ביי זיי האָט ער זיך דערפרעגט צום יידישן פּלעצל. באַלד אין דער נאָענט קליינע געסעלעך, וואָס האָבן אים דערמאָנט די

קראָכמאַלנע גאַס. באַלד האָט זיך געמאַכט אַרום אים אַ קרענצל. נייגעריקע האָבן זיך אויסגעפרעגט:

— פון וואַנען קומט אַ ייד?

— זעסטאָך, אַז ער איז אַ גרינער.

— אַ פּאַס האָט איר, ר' ייד?... כ'מיין פּאַפּירן?...

האָט ער זיך טאַקע דערפילט קאַלעמוטנע. אויף רי דעז עקוף האָט ער געטראָפן אַ באַקאַנטן בעקער־געזעל פון וואַרשע. ער האָט אַמאָל געאַרבעט מיט אים צוזאַמען ביי מאָטל מאַלאַזש. אין וואַרשע האָט ער געהייסן חנא פּאַרעך, אין פּאַריז האָט מען אים גערופן שאַרל באַראָן.

— נו, זאָל זיין שאַרל — איז יאַנקל באַלד באַשטאַנען, — וואָס טוסטו דאָ?

האָט אים יענער דערציילט, אַז אין פּאַריז איז ער נישט קיין בעקער, נאָר ער מאַכט, מאַרשעס, דאָס הייסט ער פאָרט אַרום מיט אַ וועגעלע און קויפט אַלטע זאַכן. ער האָט אים אַרויפגענומען צו זיך אין שטוב, געגעבן אים אַ העמד איבערצוטון, געגעבן אים אָפּצועסן און אים נאָך דערלאַנגט 2 פראַנק. יאַנקל האָט זיך אַרומגעוואַשן און איז אַראָפּ נאָכפרעגן זיך ביי די בעקערס, צי ס'באַדאַרף נישט ווער קיין אַרבעטער.

— פאַרליר נישט דעם קוראַזש. — האָט אים חנא צוגעגעבן מוט, — קענסט דערווייל ביי מיר נעכטיקן.

ער האָט זיך געאײַלט צו זיין אַרבעט, און יאַנקל האָט זיך נאָך לאַנג אַרומגעדרייט איבער די גאַסן. ער האָט געזען ווי עס ליגן אָנגעוואָרפן אין די געשעפטן און צו דער גאַס אַרויס, אַזויפיל סחורות, אָפן, און קיינער היט גאָרנישט. אין וואַרשע וואָלט מען שוין די געשעפטן אויסגעליידיקט. מ'וואָלט אַלץ צעכאַפּט. ער איז אַריין צו איין בעקער, צו אַן אַנדערן. יעדער איינער האָט אים געזאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַרבעט. די בעקערייען

זענען קליינע. עס אַרבעטן אַרבעטער, העכסטנס 2. מען מוז אַלץ קענען, סײַ ביים טיש, סײַ ביים אויוון.

אַרויפגיין ווידער צו שאַרלען האָט ער נישט געהאַט קיין חשק. יענער איז אַליין אַן אָרעמאַן. אין שטוב איז ענג. ער האָט זיך אָבער דערוווּסט, אַז ער איז נישט דער איינציקער אַרומצו־דרייען זיך אומלעגאַל, אַז אויפן בעלוויל און אויפן מאָנמאַרטר דרייען זיך אַרום נאָך אַזעלכע אומלעגאַלע ווי ער, און זיי אַרבעטן צו ביסלעך. אַז דאָרט זענען פאַראַן נאָך פיל יידישע בעקערייען. ווען ער איז פאַרביי אַ בעקערײַ פלעגט ער דערפילן דעם ריח פון פריש געבעקס און דאָס וואַסער איז אים געקומען אין מויל אַריין. ער איז געווען אָן כוח, די פיס האָבן אים קוים געשלעפּט. און ווי ער שטייט אַזוי אויפן בולוואַר בעלוויל פאַרזאָרגט און קלערט אַריין אין זיין ביטערער לאַגע, זעט ער ווי איינער שטייט און פאַרקויפט בייגל. גייט ער צו און פרעגט אים, ווו עס געפינט זיך דאָ די בייגל־בעקערײַ. זאָגט ער אים, אַז ער אַליין איז דער בייגל־בעקער. פרעגט ער אים:

— דאַרפסט נישט אַמאָל האָבן אַן אַרויסהעלפער?

— ווער ביסטו? פון וואַנען?

— איך בין אַ גוטער בייגל־בעקער, פון וואַרשע.

דער בעקער לאָזט שטיין זיין קויש בייגל ביי דער ביוראָ־טאַבאַק, רופט אים אַריין אין רעסטאָראַן און הייסט אים געבן אַ גוט מיטאָג אָפּצועסן. דאָס איז געווען ביי וואַרשאַווסקין אין רעסטאָראַן. יאַנקל האָט זיך מחיה געווען, אויפגעלעבט. אָפּגעגעסן, גייען זיי ביידע באַקוקן די בעקערײַ. דעם בעקער האָט מען גערופן דער משוגענער אברהמל, און די בעקערײַ איז געווען צוגעפּאַסט צו זיין נאָמען. אַ צעבראָכענע שטוב, עס האָט אַריינ־גערעגנט. עס איז דאָרט געשטאַנען אַ קאַסטן, אַן אויוון, וואָס ער האָט אַליין צונויפגעשטופּקעוועט. דאָרט האָט מען געקאָכט, גע־וואַשן און געוווינט. די פרוי, אַ גרויסער סאַריק, און די טאָכטער

אין אַ שמוציק קליידל. אַלץ איז אָנגעוואָרפן. די טעפּ אויף דער ערד. אין די בעטן זענען געלעגן די כלים, די ראַנדלעס. דאָרט איז שוין יאַנקל געבליבן און זיך אַוועקגעשטעלט צו דער אַרבעט. און אַז יענער האָט געזען, אַז יאַנקל איז אַ גוטער באַלמעלאָכע, האָט ער אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ ברויט מיט הערינג, אַוועקגעשטעלט אַ שנאַפּס, און מ'האָט גענומען רעדן וועגן פּרייז.

— קריגסט ביי מיר 30 פראַנק אַ נאַכט. — מאַכט יענער.

אָבער יאַנקל האָט געוואָלט 40 פראַנק אַ נאַכט, נישט וויסנדיק אַפילו צי דאָס איז אַ סך, אָדער ווייניק. האָט זיך יענער גאָרנישט געדונגען, איינגעקלאַפּט. געאַרבעט האָט מען 15 שעה נאָכאַנאַנד. נאָך דער אַרבעט איז ער אַוועקגעפאַלן שלאָפן אויף אַ באַרג זעק.

ווען ער איז צומאָרגנס אַרויס אין גאַס, האָט ער זיך גענומען נאָכפרעגן וויפל אַן אַרבעטער פאַרדינט, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז מען פאַרדינט ביז 400 פראַנק אַ וואָך.

פאַר די פאַר וואָכן האָט ער זיך שוין באַוויזן אויסצוקליידן אַביסל, געגאַנגען לייטיש אָנגעטאָן, האָט גענומען פאָדערן ביי דעם משוגענעם אברהמל 50 פראַנק אַ נאַכט אַרבעט. און יענער האָט גאַנץ שיין דערלייגט.

אויפן בולוואַר בעלוויל, צווישן באַלמעלאָכעס, האָט ער זיך דערוווּסט וואָס מען הערט אין פאַך. ער האָט גענומען אַ האָטעלצימער אויף רי פּרעזענטאַסיאָן. דאָרטן האָט מען נישט געמוזט זיין געמאָלדן, בפרט, אַז ער איז נישט געשלאָפן ביינאַכט, נאָר בייטאָג. אַ נאַכט שלאָפן האָט געקאָסט 4 פראַנק. דערפאַר זענען דאָרט געווען וואַנצן. אויך קיין מייז האָבן נישט געפעלט. ער איז אַוועק צום האָטעל אַן איינגעמעלטער, שטיקלעך טייג האָבן זיך געקלעפּט צו אים, און דאָס האָבן באַלד דערשנאַפּט די מייז. און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, זענען די מייז זיך צעלאָפן. ער האָט אָנגעטאָן די הויזן און אַרויסגעשאָקלט אַ מייזל. אין קיין

אַנדערן האָטעל האָט ער אָבער נישט געקענט גיין, אָן פּאַפּירן.

לאַנג האָט ער נישט געאַרבעט ביים משוגענעם אברהמל. יענער האָט זיך כסדר געקריגט מיטן ווייב און אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט אין דער מיט. יאַנקלען איז ווידער געווען ביטער. אָן פּאַפּירן האָט קיינער נישט געוואָלט אַריינגעמען אַן אַרבעטער. מ'האָט גאָרנישט געוואָלט רעדן מיט אים. ווען ער האָט כאָטש פּאַפּירן „סאַן פּראָפּעסיאָן", ס'הייסט אָן אַרבעטס־רעכט, וואָלט מען שוין פאַר אַ פּאָר פראַנק זיך געקענט אַן עצה געבן. דורך איינעם, וואָס האָט יאָ געהאַט גילטיקע אַרבעטס־פּאַפּירן, האָט מען געקריגן אַרבעט, אָבער יענער האָט אַראָפּגענומען פאַר זיך אַ העלפט פון לוין. דערווייל האָט מען געדאַרפט היטן די פּאָר פראַנק, וואָס זענען אים נאָך געבליבן. ער האָט געגעסן אין דער ביליקער קיך ביי ראָטשילדן, אויפן „פּלעצל".

סוף כל סוף האָט ער געקריגן אַרבעט אויף רי סעמאַר, ביי אַ וואַרשעווער בעקער. די בעקערין איז געווען זייער אַ גוטע. זי האָט יאַנקלען געקענט נאָך פון וואַרשע. גערופן האָט זי זיך מלכהלע. ער האָט געאַרבעט 18 שעה אַ טאָג, געבאַקן, גערוימט, געפירט דאָס געבעקס אין אַ וועגעלע אויף אַ מאַרשע, (מאַרק).

צווישן געזעלן האָט ער זיך דערוווסט, אַז די פּאַטראָנען האָבן דאָ געפירט אַ גרויסן קאַמף צו צעברעכן דעם פאַראיין. עס איז זיי אַפילו געלונגען, דורך דער פּרעפעקטור אַרויסצושיקן פון לאַנד 12 אַרבעטער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר זייערע לוינען, פאַר זייער עקזיסטענץ.

מען האָט געאַרבעט 7 טעג אַ וואָך, צו 12, צו 14 שעה אַ טאָג. די מורא איז געווען זייער גרויס פאַר „אויסווייזן", ס'הייסט אַרויסשיקן פון לאַנד. אָבער ביסלעכווייז זענען די „אויסגעוויזע־נע" צוריקגעקומען פון בעלגיע, אין געהיים. עס זענען צוריקגעקער־מען שענקמאַן, דער לאָמער קיווע, וועלוול בורשטין, און זיי האָבן זיך ווידער גענומען צום אָרגאַניזירן דעם בעקער־פאַראיין. מען

איז זיך צונויפגעקומען אין דער קאַפּע אויף רי וויעי די טאַמפּל און אַרומגערעדט די לאַגע אין פאַך. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ פּראָוויזאָרישע פאַרוואַלטונג, זיי האָבן איינגעטיילט די פּאַראַבנ־טער. און דאָס האָט אַביסל געלינדערט די נויט פון די אַרבעטס־לאָזע. אויף דער צווייטער פאַרזאַמלונג איז אַרויסגעטרעטן איינער אַ בעקער זשאַק סאָקאַל, און גענומען שרייען:

— אויב איך וועל נישט ווערן פּרעזידענט, וועל איך נישט דערלאָזן צו קיין פאַראיין!...

— מיר זענען נישט קיין סאָסיעטע! — האָט מען אים אי־בערגעשריגן — מען דאַרף נישט קיין פּרעזידענטן!

פון דעמאָלט אָן האָט מען זיך גענומען גרופּירן אין דער סע.זש.ט. דער פּראָנצויזישער סינדיקאַטן־צענטער. דער סעקרעטאַר איז געווען באַוויעל, אַ פראַנצויז. ער האָט אַפילו צוגעזאָגט, אַז ער וועט דערליידיקן פאַר די בעקערס „פּאַפּירן" פאַר די אויס־געוויזענע. מען האָט אָבער אויסגעמיטן צו האָבן פאַרזאַמלונגען אין דער צענטראַלע, אין „בורס די טראַווויי", נאָר אין דער קאַפּע אונטן. מען האָט זיך געוואָנדן צו דער אינטערסינדיקאַלער קאָמי־סיע, זיי זאָלן מיט עפּעס צוהעלפן. די צוויי צוגעטיילטע חברים יאָסל וואַרשאַווסקי און זשאַק לעדערמאַן, האָבן טאַקע פיל געהאָלפן אין אָרגאַניזירן דאָס בעקער־פאַך.

אין יאָר 1932 איז שוין דער יידישער בעקער־פאַראיין געווען אַ כּוח, מיט וועלכן מ'האָט זיך געמוזט רעכענען. צוויי זענען זיי געווען צוגעטיילט צו דער אינטערסינדיקאַלער קאָמיסיע, זשאַק האַכבוים און ער, יאַנקל. מען האָט גערופן אַן אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג אויפן אוועני מאַטירען מאַראַ, אין סינדיקאַטן־הויז. דאָרט איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג. עס זענען אַריין: משה סאָקאַל, לייבל פאַנדע, זשאַק האַכבוים, יאַנקל פּערלמאַן, יאָסל פּילאָזאָף, זשאַק בלומזאַק. פון די צוקער־בעקער — שענק־מאַן, יצחק ליווערענט, ישראל טילבאַר. גלייכצייטיק איז געוואָרן

אויסגעטיילט אַ קאָמיסיע, צו פאַרטיילן די פייבעראַבנטער. די אינטערסינדיקאַלע קאָמיסיע האָט צוגעזאָגט איר ברייטע אונ־טערשטיצונג. דאָ האָט מען געהאַט אַלע פרייהייטן צו רעדן און צו טאָן. די אַרבעטער זענען געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט. עס זענען אָבער אויך מיטגעווען עטלעכע „שטאַרקע", וואָס מ'האָט זיי אויסגענוצט אין קאַמף מיט די פאַרעקשנטע באַלעבאַטים. דאָס איז געווען משה סאָקאַל, און נאָך איינער, וואָס איך וויל נישט דערמאָנען זיין נאָמען. אַלע האָבן געמוזט זיין פאַרשריבן אין סינדיקאַט, אונטערוואַרפן זיך די באַשלוסן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קאַמפן ביים פאַרטיילן די פייער־אבנטער. ס'איז נישט לייכט געווען. אַ סך האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעטס־פּאַפּירן. עס זענען כסדר צוגעקומען פרישע אַרבעטער פון פוילן. מ'האָט זיי אַריינגענומען אין פאַראיין, און מ'האָט זיי געדאַרפט צוטיילן אַ פּאָר נעכט אַרבעט, עס זאָלן זיך נישט שאַפן קיין שטרייק־ברעכער. עס איז געוואָרן איינגעפירט, אַז יעדער דאַרף געבן 2 נעכט אַרבעט אַ וואָך, אָבער נישט אַלע זענען געווען איינשטימיק; ווער רעדט נאָך די פּאַטראָנען, וואָס האָבן אינגאַנצן נישט געוואָלט אַריינלאָזן אַזאַ איינעם צו דער אַרבעט, אַפילו אויף איין נאַכט. מען האָט די פּאַטראָנען צווויסן געגעבן, אַז אויב זיי וועלן גיין מיט די מעטאָדן פון 29־טן יאָר, וועלן זיי טייער באַצאָלן. די פּאַטראָנען האָבן זיך אַביסל דער־שראָקן. זיי האָבן גענומען לויפן איינער צום אַנדערן. דער גאַנצער רעדל־פירער ביי זיי איז געווען בערמאַן, פון רי דע ראָזיע. ער איז באַלד אַריין צו די ברידער מאָשקאָוויטש. מ'האָט געכאַפּט אַ טאַקסי און אַוועק צו סימאָנען, אויפן בעלוויל, צו קיווע מאָנציאַזש. מ'האָט אַריינגערופן חיים דעם ענגלישן און גענומען טעלעפאָנירן צו די בעקערס אויפן מאָנמאַרטר. זיי זענען זיך אַלע צונויפגעקומען ביי וואַרשאַוסקין אין דער קאַפע אויף אַ באַראַטונג — וואָס מען הייבט אָן צו טון? מען קען זיי נישט

אויפצווינגען אַרײַנצולאָזן אַרבעטער — האָבן זיי געטענהט — וואָס זענען נישט אין אָרדענונג מיט די פּאַפּירן. די אַרבעטער האָבן געענטפערט:

— מיר זענען נישט קיין אַגענטן פון דער פּרעפעקטור. ביי אונדז זענען אַלע אַרבעטער גלייך.

ביסלעכווייז האָבן די באַלעבאַטים אָראָפּגעלאָזט פון טאָן. דער סינדיקאַט האָט געשיקט אַרבעטער אויף פייעראַרבנטער, און זיי האָבן געאַרבעט.

קאַפּיטל אַכט

פּאַריזער גליקן...

ערשט ענדע 1932 האָט יאַנקל, דורך די „מאַכערס", ענדלעך אַרויסבאַקומען אַ שטיקל פּאַפּיר, אָבער אָן רעכט צו דער אַרבעט. צום ערשטן מאָל איז ער געווען לעגאַל. דערווייל זענען אַראָפּגעקומען נאָך פיל עמיגראַנטן פון פּוילן. עס איז געקומען יאָסל זשולטי, אַ בעקער־געזעל פון וואַרשע. ער האָט געשטאַמט פון פאַלעניץ. ער האָט דערציילט, אַז די פּאָליציי זוכט אים אַרום. מען האָט אים אַריינגענומען אין דער פאַרוואַלטונג פון בעקער־פאַראיין. ווען דער זשולטי האָט גענומען רעדן, האָט מען געמיינט, אַז ער ברענגט שוין די רעוואָלוציע אין פראַנקרייך. דערווייל האָט ער געקריגן אַ צוויי נעכט אַרבעט. מיט דריי חדשים שפּעטער איז אַראָפּגעקומען אַ פרישער אַרבעטער פון פאַלעניץ, מאיר מושינסקי. און אַז ער האָט אים דערזען, האָט מען זיך איצט דערוווּסט, אַז יאָסל זשולטי איז — אַ פּראָוואָקאַטאָר. זשולטי האָט דאָרט, אין פּוילן, אָנגעפירט מיט אַ גרופּע „שטאַרקע".

יאַנקל האָט איצט געאַרבעט אין דער בעקעריי ביי די מיידלעך פּאָלאַק. ס'איז געווען די בעסטע בעקעריי. דאָרט האָט מען אַלעמאָל געקענט אַריינעמען אַ פריש־געקומענעם, ביינאַכט צום שלאָפן. פּייעראַבנטער האָט מען געקענט האָבן אַ גאַנצע וואָך. זיי האָבן נאָכגעגעבן אַלע פאָדערונגען. זיי האָבן נאָר פאַרלאַנגט איין זאַך, אין דער פרי זאָלן זיי האָבן סחורה צום פאַרקויפן.

די אַרבעט איז איצט געווען גוט פונאַנדערגעטיילט. דער בעקער־פּאַראיין סיי דער ס.זש.ט., אונטער דער אָנפירונג פון דער אינטערסינדיקאַלער קאָמיסיע, איז געווען אַ מוסטער פון אַן אָרגאַניזירטן פּאַראיין.

סוף 1933 האָט יאַנקל חתונה געהאַט. ער האָט פאַרבעטן לייזער האַלצאַן, יאָסל וואַרשאַווסקי, און מ׳האָט פאַרבראַכט ביז אין דער פרי. ער האָט שוין איצט געווינט אויף רי דע זשואי 16 און זיין היים איז געווען די היים פאַר אַלע פּריש־געקומענע חברים. דער טיש איז אַלעמאָל געווען גרייט. אַלע זיצונגען זענען פאָרגעקומען ביי אים אין הויז. ביי אים איז זיך צונויפגעקומען דאָס קעמערל פון 4־טן אַראָנדיסמאַן. צום קעמערל האָבן גע־הערט: זשאַק פון 4־טן, ראַשעל שפּייזער, יאַנקל וואַרשעווער, שאַפּיראָ פון די קאַסקעטער, חברטע העלען, און די פּראָנצויזישע חברים. יאַנקל ציט זיך דערנאָך איבער אין אַ גערוימערער וווינונג אויף רי דע ראָזיע. ביי יעדער זיצונג ווערט אַרומגערעדט ווי אַזוי צו שאַפן געלט פאַר דער פּראָגרעסיווער יידישער צייטונג די „נייע פּרעסע". ביי יעדער אונטערנעמונג ווערט געשאַפן געלט.

אין חודש יאַנואַר 1934 איז געווען אַ גרויסע פרייד, מיטן דערשיינען פון דער טאָג־צייטונג. אויף דער פראַנצויזישער גאַס איז דעמאָלט נישט געווען היימלעך. מען איז געווען אויפגעברויזט צוליבן פּוטש פון די פאַשיסטן. מען שלאָגט זיך אין אַלע ווינקעלעך פון פּאַריז, און צווישן זיי — פיל יידישע אַרבעטער. לאַוואַל איז געקומען צו דער מאַכט. עס קומען פאָר מיטינגען. אַלע אַרבעטער־כוחות ווערן מאָביליזירט קעגן פאַשיזם. עס ווערט געוואָרפן די לאָזונג, אַז אַלע דעמאָקראַטישע כוחות זאָלן זיך פאַראייניקן. עס ווערט גערופן אַ גרויסע מאָביליזאַציע.

דעם 9־טן פעברואַר איז דער פּלאַץ רעפּובליק פאַרשטאָפּט מיט באַריקאַדן. אַ וועלט מיט מענטשן, דערשטיקט צו ווערן. אין מיטן דערינען ווערט אַ גרויסע מהומה. דער פּלאַץ רעפּובליק

איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט פּאָליציי. מען טראָגט שוין פּאַרבלוטיקטע, טויטע.

אין די טעג איז גאַנץ פּאַריז געווען איין גרויסער שלאַכט־פעלד. יאַנקל לויפט אין די באַקאַנטע געסלעך צום נאָענטן בעלוויל, העלפט דאָרט בויען באַריקאַדן אויף רי דע ל׳אָריאָן. ער טרעפט דאָרט פיל בעקערס ביים אַרויסרייסן די שטיינער פון ברוק, לעבן דער קאַפע בערנאַרד. די געשעפטן ווערן פאַרהאַקט, פיל וויסטאַוועס ווערן אויסגעבראָכן.

ווען ס׳איז פאָרגעקומען די לוויה פון די געפאַלענע, זעט מען דעם גאַנצן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמ. פּאַרטיי. מען זעט צווישן דער מאַסע אין די טויזנטער יידישע אַרבעטער. אַ ים מיט קעפּ. עס מאַרשירט דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט!

אין מערץ 1934 איז אויסגעבראָכן דער גרויסער שטרייק ביי די יידישע בעקערס. די בעקער־פּאַטראָנען האָבן אַלץ געטון נישט אַריינצולאָזן די אַרבעטסלאָזע אויף אַ פּאָר נעכט אַרבעט. עס בלייבן בלויז 11 בעקערייען, ווו מען אַרבעט נאָרמאַל. דער גרעסטער, דער „שטאַרקער" צווישן די באַלעבאַטים, איז געווען איטשע מאַרקוס פון מאָנמאַרטר. ער איז אַרומגעלאָפן אַליין איבער די פּאַרשטרייקטע בעקערייען און אַרויסגעהאָלפן, אַבי נישט אָנצוקומען צו די שטרייקערס. שוין די דריטע וואָך, אַז דער שטרייק האָט זיך געהאַט פאַרצויגן. און אָט האָבן זיי אונטערגעכאַפּט אָט דעם איטשע מאַרקוס און שטילערהייט געפרעגט:

— וואָס טוסטו דאָ, אין סימאָנס בעקעריי? דו וווינסט דאָך אויפן מאָנמאַרטר.

האָט ער נאָך געענטפערט מיט חוצפה:

— איך קום העלפן ברעכן דעם שטרייק!...

דעם ערשטן זעץ האָט ער געקריגן פון משה פּאָלאַק. באַלד איז צו מושינסקי, יאַנקל, זשאַק און האָבן אים אויך צוגעלייגט,

אַז מ'האָט געמיינט ער איז שוין אַ טויטער. און איידער פּאָליציי איז אָנגעקומען, האָבן זיי זיך ביסלעכווייז אַוועקגעשאַרט.

ביי חיים דעם „ענגלישן" האָט מען אַריינגעוואָרפן שטינק־באָמבעס. ביי סימאָן און ביי קיווע מאָנטשיאַזש האָט מען צע־האַקט די וויסטאַווע. ביי בירמאַנען האָט מען נישט אַריינגעלאָזן די קליענטן. מען איז געשטאַנען גאַנצע טעג ביי די בעקערייען אויף דער וואַך. מען האָט גערופן אַ מיטינג אויפן בעלוויל. עס זענען אַרויסגעטרעטן שאַרל ראַפּאַפּאָרט, ראַקאַמאַן, זשאַק לע־דערמאַן, לייזער האַלצמאַן. די אַרבעטער־פירער האָבן זיי גע־מוטיקט, נישט אויפצוגעבן דעם גערעכטן קאַמף. פּיקעטן זענען געשטאַנען גאַנצע נעכט און געהיטן, עס זאָלן זיך נישט אַריינכאַפּן קיין שטרייק־ברעכערס.

ערשט אויף דער 5־טער וואָך האָבן די פּאַטראָנען גערופן אונטערצוהאַנדלען. מען איז זיך צונויפגעקומען אין אַ גרויסער קאַפע ביי האָטעל דע וויל. מען האָט אָבער נישט באַלד געקענט אַדורכקומען. מען האָט געפאָדערט אַריינצונעמען נאָך אַרבעטער אין די גרעסערע בעקערייען, אַרבעטסלאָזע. די פּאַרהאַנדלונגען זענען איבערגעריסן געוואָרן אויף 8 טעג, זיך צו באַראַטן. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאָרצוזעצן דעם שטרייק.

דער פּאַריזער „היינט" האָט געשריבן: „די לאָבוסעס זוכן צו צעברעכן דעם יידישן האַנדל". די „נייע פּרעסע" האָט גערופן צו שטיצן די שטרייקנדיקע אין זייער גערעכטן קאַמף. עס האָבן צוגעהאָלפן די שניידער־אַרבעטער, די שוסטער־אַרבעטער, די מאַ־ראָקינעריסטן, די גאַרסאָנען, די שטריקער. עס זענען געקומען די ווייבער צו די בעקערייען און געשאָלטן די פּאַטראָנען מיט טויטע קללות. אַנדערע האָבן געקויפט פראַנצויזיש ברויט. מען האָט גערופן אין קאָמיסאַריאַט פון 4־טן אַראַנדיסמאַן יצחק ליווראַנט און יאַנקל פּערלמאַן אויף אַן אויספאָרשונג וועגן

צעשלאָגן איטשע מאַרקוסן. מושינסקיס נאָמען האָבן זיי נישט דערמאָנט. און אַזוי ווי פערלמאַן האָט געהאַט פּאַפּירן אָן אַר־בעטס־רעכט, האָט מען אים גענומען אויספרעגן: פון וואַנען ער לעבט און וואָס טוט ער אין פראַנקרייך? מען האָט אים איבער־געשיקט אין דער פּרעפעקטור און ער האָט געקריגן אַן אויסווייז אין משך פון 8 טעג צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

ער איז אַהיימגעקומען אַ צעבראָכענער. לייזער האָלצמאַן האָט אים געזאָגט, אַז קודם טאָר קיינער דערפון נישט וויסן, ווייל דאָס וועט שטערן צו דער אַרבעט. מען האָט גענומען זוכן „מאַכערס״, זיי זאָלן עפּעס העלפן אין אַזאַ סיטואַציע. אויפן בעלוויל האָט יאַנקל צופּעליק באַגעגנט אַן אייניקל פון חנה די רייפערקע, אַ זון פון שרה־הינדען. ער האָט זיך דאָרט, אין וואַרשע, אַמאָל געכאָוועט צוזאַמען מיט אים. זיי זענען געווען ווי צוויי לייבלעכע ברידער. האַרשל האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט, מיטגענומען אים צו זיך אַהיים, אויף די פּיקסערעקור, און זיי האָבן גענומען זוכן עצות. האַרשל איז קודם אַוועק אין פּרעפעק־טור, צו פאַרלענגערן דעם אויסווייז. ער האָט גאַראַנטירט, אַז ער האַלט אים אויס. דערנאָך איז אים געלונגען פאַר אַביסל געלט צו מאַכן אים פאַר אַ בראָקאַנטער. ער האָט געמוזט האָבן איינגעשריבן ביי זיך אין ביכל פאַרשיידענע אַלטוואַרג, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געקויפט...

דורך דער צייט, וואָס ער האָט געהאַט צו טון מיט די „פּאַ־פּירן״, איז ער געבליבן פולשטענדיק אַרבעטסלאָז. אין פּאַך איז שטענדיק געווען אַ גרויסע אַרמיי פון אַרבעטסלאָזע, און מ׳האָט יעדן געדאַרפט אַביסעלע אַרויסהעלפן.

מאיר מושינסקי איז אַוועק צום שטריקער־פאַך, האָט געמאַכט שותפות מיט אַ חבר און ס׳איז אים צוביסלעך געלונגען. אָבער אין איינעם אַ טאָג, ווען ער איז געשטאַנען ביי דער אַרבעט, איז אַריינגעקומען אַן אינספּעקטאָר. עס האָט זיך אים איינגעגעבן

אַרויס דורך אַ הינטער־טיר. ער האָט דערנאָך דערציילט יאַנקלען, אַז דאָס שטיקל אַרבעט צו כאַפּן האָט אים צוגעשפּילט יאָסל זשולטי. ס'איז געווען אַ ז ו י שלעכט און אַ ז ו י ביטער. עס האָט געפעלט די איינייקייט פון אַלע אַרבעטער־כוחות.

אַלע קליינע אַטעליעס ווערן אַרומגעכאַפּט, מען אָרגאַניזירט זיי. אָבער ביי יאַנקלען איז די לאַגע נישט געוואָרן בעסער. ווען ער איז נאָך געווען אַליין, האָט ער געקענט גיין שלאָפן הינטער די האַלעס. איצט האָט ער אַ פרוי. די וווינונג דאַרף מען צאָלן. ער קען זיך קיין עצה נישט געבן. ער האָט איבערגערעדט דערוועגן מיט לייזער האָלצמאַן. יענער איז געווען אַ מענטש מיט אַ סך געדולד. ער האָט אים גע'עצה ער זאָל זיך נעמען צו עפּעס אַנדערש. אָבער וואָס הייבט מען אָן צו טון?

— יאַנקל, — האָט ער אים געזאָגט — דו וועסט אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן ווערן.

און ער איז אַוועק אויפן פלעצל, ביים מעטראָ סען־פאַל. דאָרט איז געווען אַ בייגל־בעקעריי פון 4 שותפים: וועלוול בורשטין, יאַנקל פאַרעד, פייוול און חיים ווענזשער. ער האָט געבעטן ביי זיי כאָטש צוויי נעכט אַרבעט. קוקן זיי אים אָן ווי אַ משוגענעם:

— און וואָס זאָלן מיר טון? מיר האָבן דען גענוג אַרבעט פאַר זיך?

וועלוולען האָט יאַנקל גוט געקענט, נאָך פון וואַרשע. נאָך אַזאַ ענטפער, איז ער אַוועק אַ פאַרשעמטער. ביי 4 שותפים וואָלט נאָך איינער געקענט עפּעס פאַרדינען. אַהיימקומען אַ גאָלענער אין שטוב, איז אים געווען אַ רחמנות אויף דער פרוי. אַליין דאַרף מען אויך עפּעס נעמען אין מויל אַריין, דער מאָגן פאַרשטייט נישט קיין חכמות. גיין באָרגן האָט ער נישט געוואָלט, ווי וועט ער נעמען אַוועקצוגעבן? איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק — צו דינגען ביי עמיצן אַן אויוון און אַליין אָנהייבן באַקן

בייגל. ער קומט אַהיים צו דער פרוי און דערציילט איר דעם פּלאַן. שטייט זי און קוקט אים אָן ווי אַ משוגענעם:

— וואָס הייסט עפּעס, גייסט פּלוצים ווערן אַ פּאַטראָן, האָסט דאָך אַליין נישט אויף קיין מיטאָג...

אָבער יאַנקל האָט זיך נישט פֿאַרלוירן. צומאָרגנס אין דער פֿרי איז ער אַריין צו נחום בירמאַן אויף רי דע ראָזיע און פֿאַרלאַנגט צו רעדן מיטן פּאַטראָן. יענער האָט געמיינט, אַז יאַנקל וויל מיט אים ווידער רעדן וועגן אַן אַקציע פֿון די בעקערס.

— איך וויל מיט אייך רעדן 15 מינוט.

— איך גיב אייך אַ האַלבע שעה — זאָגט בירמאַן.

— זייט וויסן, מסיע בירמאַן, אַז איך האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ בייגל־בעקער. איך בין געקומען צו אייך איר זאָלט מיר פֿאַרדינגען אַן אויוון.

זיין בעקעריי האָט זיך געפֿונען אין אַ קעלער, און ער האָט אים נישט גענוצט.

— הערט מיך אויס — האָט אים בירמאַן געענטפֿערט — איך גיב אייך מיין בעקעריי, איך גיב אייך מעל, איך גיב אייך אַלץ, וואָס איר דאַרפֿט. קיין דירה־געלט נעם איך נישט ביי אייך די ערשטע 3 חדשים. דערנאָך וועט מען זען. אַבי איר זאָלט אַוועק פֿון די אַרבעטער און זיין מיט אונדז.

— דאָס וועלן מיר זען שפּעטער. דערווייל וויל איך באַקן בייגל.

בירמאַן האָט געהאַלטן וואָרט, און דערלאַנגט אים די האַנט, ס'זאָל זיין מיט מזל.

אַז יאַנקל איז אַהיימגעקומען און עס דערציילט דער פֿרוי, האָט זי געלאַכט און געזאָגט:

— יאַנקעלע... הלוואי זאָל עס טאַקע זיין מיט מזל...

יאַנקל און בירמאַן זענען אַרויף צו אַ פּראָשעניע־שרייבער

אויף רי דע ריוואָלי און דאָרט איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ פּאַפּיר, אַז בירמאַן פאַרדינגט פערלמאַנען די בעקעריי אויף אַ גאַנץ יאָר, און פערלמאַן וועט צאָלן אַלע דריי מאָנאַט 250 פראַנק. בירמאַן האָט אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט. ווען יאַנקל האָט שוין געהאַט דעם קאָנטראַקט אין קעשענע, איז ער אַראָפּ אין קעלער. ער האָט דאָרט געפונען אַ הולך, אַז ער האָט געדאַרפט אַרבעטן אַ גאַנצע וואָך, ריין צו מאַכן. מייז זענען דאָרט געווען אין די הונדערטער. דערנאָך איז ער אַרויס אין גאַס אַריין, געטראָפן לייזער האָלצאַן. יענער האָט אים געבאָרגט 50 פראַנק. אַזוי האָט ער אָנגעהויבן באַקן בייגל איינער אַליין. אַ שווערע אַרבעט. בירמאַן האָט אים אַרויסגעבאָרגט מעל, האָלץ. ער איז באַלד אינדערפרי אַרויס מיט עטלעכע קוישן בייגל אויף רי דע ראָזיע. די בייגל זענען געווען שיין. ער איז אַריין צו עטלעכע בעקערס, זיי זאָלן קויפן ביי אים. זיי האָבן אָבער אָפּגעזאָגט, האָט ער זיך אַליין אַוועקגעשטעלט און גענומען שרייען אויפן קול:

— 4 בייגל פאַר 1 פראַנק!

ס'איז געגאַנגען פון דער האַנט, און ביי די בעקערס זענען די בייגל געבליבן. צומאָרגנס האָט ער שוין געבאַקן 800 בייגל. די פרוי האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי איין בעקעריי, ער — ביי אַ צווייטער. די בייגל זענען צעכאַפּט געוואָרן. אַז די בעקערס האָבן עס דערזען, זענען זיי געקומען צו אים קויפן. כאָטש זיי זענען נישט געווען צופרידן, וואָס דער בירמאַן האָט אַוועקגע־שטעלט אַזאַ קאָנקורענט. זענען די שותּפים געקומען צו אים, ער זאָל אַריינגיין צו זיי אין פאַראיין. האָט זיי יאַנקל געענטפערט:

— פריער, אַז איך האָב געבעטן ביי אייך צוויי נעכט אַרבעט, האָט איר געלאַכט פון מיר, און היינט ווילט איר כ'זאָל ווערן אַ שותּף. מען וועט זען ווייטער־אַריין...

אַביסל געלט אין קעשענע האָט ער שוין געהאַט. די שותּפים זענען אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז און נישט געוווסט וואָס

זיי האָבן צו טון. אָבער יאַנקל איז נאָך אַלץ געקומען צווישן די בעקער־געזעלן אין דער אינטערסינדיקאַלער קאָמיסיע, פאַרנו־מען אויף זיצונגען, געשאַפן געלט און אַבאָנענטן פאַר דער אַרבע־טער־צייטונג.

איינמאָל האָט פּאַסירט, ווען די פרוי זיינע, וואָס איז שוין געווען אין די הויכע חדשים, האָט גענומען אַ קויש בייגל און איז אַרויס. אין גאַס האָט זי באַקומען שטאַרקע ווייען. איז פונקט פאַרבייגעגאַנגען אברהם געלמאַן, דער סעקרעטאַר פון די בעקער־אַרבעטער, און געזען ווי זי שטייט און קען זיך פון דאָרט נישט רירן. איז ער געלאָפן און געכאַפּט אַ טאַקסי און אַוועק־געפירט זי אין ראָטשילד־שפּיטאָל. דאָרט האָט זי יאַנקלען געבוירן אַ זון.

ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון שפּיטאָל מיטן קינד, האָט יאַנקל געמאַכט אַ היימיש שמחהלה. עס זענען געקומען די חברים יאָסל וואַרשאַווסקי, לייזער האָלצמאַן, זשאַק לעדערמאַן, מעל־מאַן, משה פּאָלאַק, זשאַק האָכבוים, יצחק ליווערענט, גרייפמאַן און שענקמאַן. מ׳האָט געבאַלעוועט אַ טאָג מיט אַ נאַכט. זשאַק לעדערמאַן איז געווען שיכור און מ׳האָט אים געמוזט אַהיימפירן.

דעמאָלט איז יאַנקל אַריין באַקן אויף רי זשאַרדען סען־פּאַל, בשותפות מיט לייבל גרייפמאַן און חיים ווענגער. מ׳האָט געבאַקן בייגל, פּאַטיסערי (צוקער־געבעקס). דאָרט, אין דער בעקעריי זענען אויך פאָרגעקומען די זיצונגען פון די קעמערלעך. ס׳איז שוין געווען אין 1936. אין גאַס איז געוואָרן שטורעמדיק. דאָס קעמערל פון רי שאַרלעמאַן און דאָס קעמערל פון רי זשאַרדען, סען־פאל האָב זיך פאַרזאַמלט אין דער בעקעריי. מ׳האָט אַרומ־גערעדט די לאַגע ערב דעם פּאָלקס־פראָנט. ס׳איז שטענדיק געווען צוגעגרייט עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין.

דער יידישער בעקער־פאַראיין האָט זיך געשטאַרקט, ביז 150 אָרגאַניזירטע אַרבעטער. עס איז אויך לייכטער געוואָרן מיט די

אַרבעטס־פּאַפּירן. מען קומט שוין אין אַרבעטער־סינדיקאַט פראַנק און פריי. מען שטייט אויף דער גאַס און מען דיסקוטירט. מען פּילט עפּעס, אַז עס קומען אָן אַנדערע צייטן. מען האָט שוין געפילט, אַז דער פאָלקס־פראָנט וועט זיגן ביי די וואַלן. קיין מאָל איז אין פראַנקרייך נישט געווען אַזאַ אייניקייט פון די דעמאָקראַטישע כוחות. אין 4־טן אראַנדיסמאַן, אַרום פּלעצל, האָבן די רעכטע אַרויסגעשטעלט דעם ייִד עדמאָן בלאק, און די קאָמוניסטן האָבן אַרויסגעשטעלט ריגאַל. האָבן די ייִדישע פאָלקס־מענטשן אַרומגעאַרבעט, אַז דער פראַנצויזישער קאָמוניסט ריגאַל זאָל אַדורך. ער איז טאַקע אַדורך, נאָר אַ דאַנק די ייִדישע שטימען. ייִדן האָבן געשאַפן זייער פיל געלט צו הילף די וואַלן. מ׳האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין בוטיק, קיין איין געשעפט.

אָבער יאַנקל האָט זיך געפילט שלעכט, וואָס ער דאַרף זיין אַן אונטערנעמער, נישט קיין לוין־אַרבעטער. דאָס האָט אים זייער וויי געטון. ער האָט אָבער אַרויסגענומען זיין מיטגלידס־קאַרטע פון סינדיקאַט און איז געקומען אויף די פּאַד־פּאַרזאַמלונגען. די אַרבעטער, פון גרויס באַגייסטערונג אין די פאָלקס־פראָנט־טעג, קושן זיך, צאָלן זיך גלעזלעך אין די קאַפעס. עס ווערט אויסגעשמידט אַן אייגהייטלעכער בלאָק פון די אַרבעטער פון די רעפּובליקאַנישע כוחות, — דער פאָלקס־פראָנט. עס ווערט איינגעפירט דער 8־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג ביי די בעקערס. מען אַרבעט איצט אין צוויי שיכטן. עס טרעפט, אַז מען רוקט אַריין דאָס ברויט אין אויוון און ווען מען דאַרף עס ארויסנעמען זענען די 8 שעה געענדיקט. מען לאָזט איבער דאָס ברויט אין אויוון און מען נעמט זיך אָנטון אַהיימצוגיין. מען אַרבעט בעסער 15 מינוט ווייניקער, ווי 5 מינוט מער. דאָס, וואָס די ארבעטער האָבן געחלומט צענדליקער יאָרן, איז איצט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

צום מיטינג אויפן בעלוויל קומען טויזנטער פאָלקס־מענטשן. מען זעט דאָרט אויף דער טריבונע לעאָן בלום.

עס איז נישט צו באַשרייבן דעם ענטוזיאַזם, ווען לעאָן בלום נעמט איבער די מאַכט אין לאַנד. מען זעט דעם בעקער לייטיש אָנגעטון. ער קען זיך שוין דערלויבן צו גיין מיט זיין פרוי שפּאַצירן, אין אַ סינעמאַ. פריער איז ער געווען אַ שקלאַף, געאַרבעט 15—16 שעה אין מעת־לעת, ביי די ערגסטע באַדינגונ־גען. עס פלעגט טרעפן, אַז אַן אַרבעטער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט 8 אַ זייגער אין אָוונט און איז אַהיימגעקומען צומאָרגנס 12 בייטאָג. פאַרשלאָפענערהייט, איז ער אָבער אומעטום אַרומ־געלאָפן און געהאָלפן אין קאַמף. און ווען עס ברעכט באַלד דערנאָך אויס דער בירגער־קריג אין שפּאַניע, קומען זיך צונויף ביי יאַנקלען אין דער אַטעליע יאָסל וואַרשאַווסקי, זשאַק גוטמאַן, לייזער האָלצמאַן, שאַפּיראָ, ראַשעל שפּייזער, און עס ווערט באַשטימט צו שאַפן אַ גרעסערע סומע געלט צוהילף די רעפּוב־ליקאַנישע קעמפער. יאַנקל און גרייפּמאַן באַשטייערן זיך מיט אַ וואָך אַרבעט. פיל בעקער־אַרבעטער פאַרשרייבן זיך צו פאָרן קיין שפּאַניע קעמפן. אים, יאַנקלען, לאָזט מען נישט, ווייל ער איז אַ פאַרהייראַטער, האָט צו זאָרגן פאַר אַ משפחה:

— דיך — זאָגן זיי — דאַרף מען דאָ, אויפן אָרט, האָבן.

דער קאָמיטעט העלפט די פרויען און קינדער פון די, וואָס זענען געפאָרן קעמפן קיין שפּאַניע. עס קומט צו אַ קריגעריי פון יאַנקלען מיט זיינע שותפים, ווייל יאַנקל לויפט אַרום גאַנצע טעג און פאַרנעמט זיך מיט „קהלס געשעפטן". חיים ווענגער און לייבל גרייפּמאַן האָבן גענומען שרייען, אַז עס קען אַזוי ווייטער נישט גיין. יאַנקל האָט געפילט, אַז קוים וועט ער זיך אָפּרייסן פון פּאָליטישן לעבן, וועט ער נישט קענען מער עקזיסטירן. טאַקע, וואָס פאַראַ אינטערעס האָט אַזאַ לעבן? עס איז געבליבן — אָדער זיין אַ שותף, אָדער — זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטיק.ביידע

צוזאַמען האָבן נישט געקענט הויזן. צום ערגסטן האָט אים ווײ געטון, וואָס זײַן אײגענע פרוי האָט די שותפים געגעבן גערעכט. דאָ האָט ער זיך שוין געפונען אײנער אַלײן, איזאָלירט. בלויז עגאָיסטן. די בעקערײ איז אים געוואָרן פרעמד. אין שטוב איז געווען אַ ברוגז. עס איז אויסגעקומען, אַז ער האָט נישט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן.

אָבער ווען ער איז געקומען צווישן די חברים, האָט ער מיט־אַמאָל אַלע האַרצווייטיקן פאַרגעסן. זשאַק גוטמאַן האָט זיך געגרייט אַוועקצופאָרן קײן שפּאַניע, צו קעמפן קעגן די פראַנקאָ־באַנדעס. עס זענען זיך צונויפגעקומען אַ פּאָר חברים, צום גע־זעגענען. יאַנקל האָט זיך געבעטן, אַז ער וויל אויך פאָרן קײן שפּאַניע. ער האָט נישט געוווסט, אַז זײַן פרוי האָט שוין פריער געהאַט גערעדט מיט יאָסל וואַרשאַווסקי וועגן דעם ברוגז אין שטוב, וועגן דער מחלוקה מיט זײַנע שותפים. אָבער יאָסל וואַר־שאַווסקי האָט געהאַלטן, אַז יאַנקל דאַרף נישט פאָרן. ער האָט שוין אַ פרוי מיט אַ קינד. שפּאַניע דאַרף האָבן מאַטעריעלע הילף, און עס איז וויכטיקער אַז ער זאָל זיך דאָ פאַרנעמען דערמיט. יאַנקל האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, אַז ער וועט פאָרן, און קײנעם נישט פרעגן. אָבער ווען ער איז געגאַנגען אינפאָרמירן זיך, איז שוין זײַן פרוי אומעטום פריער געווען און אים פאַרשטעלט דעם וועג. ער איז אַוועק צו זײַן חבר, אַ בעקער, יאַנקל ציטרין, און אים דערציילט וואָס עס טוט זיך אָפּ, אַז זײַן פרוי האַלט מיט די שותפים און לאָזט אים נישט פאָרן.

— גיב מיר אַן עצה וואָס איך זאָל טון ?

— עס איז דאָ אַ בעקערײ, גײ אַרײַן, וועסטו פטור ווערן פון זײ. וועסט זײַן פאַר־זיך.

ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן און איז אַוועק אויף רי באַפּרואַ, איז אַדורכגעקומען איבערצונעמען די בעקערײ. אין גאַס איז געוואָרן אַן אויפגערודער : יאַנקל איז אַוועק פאַר־זיך ! די

שותפים לויפן אַרום ווי פאַרסמטע מייז, איינער נעמט וואַרפן די שולד אויפן אַנדערן. זיי באַשטייען שוין, אַז יאַנקל זאָל טון, וואָס ער וויל, אַבי ער זאָל צוריקקומען. האָט זיי יאַנקל געענט־פערט :

— אַ קאָזע גייט צוריק. באַזונדערס, האָט מען שוין אַדורכ־געפירט אַלע פאָרמאַליטעטן, ווי קען איך איצט צוריקגיין ? עס קען נישט קומען אין פראַגע...

יאַנקל נעמט זיך צוריק צו דער אַרבעט, שאַפט זיך איין פיל קליענטן, און די בעקערס האָבן טענות צו בירמאַנען, אַז ער האָט געהאָלפן אויפשטעלן אַ קאָנקורענט. עס ברעכן אויס גראַ־טשקעס מיט די בעקער־פּאַטראָנען. בירמאַן זוכט צו פאַרקויפן זיין בעקעריי. די חברים האַלטן אים אונטער, יאַנקלען. דער יוגנט־קלוב „יאסק" נעמט ביי אים געבעקס, די קלובן נעמען ברויט — אויף פאבור די טאַמפל, רי סאַנטאַנזש, אויפן בעלוויל. ער שטעלט צו געבעקס אויף די אונטערנעמונגען ביי די סאָ־סיעטעס.

קאַפּיטל נײַן

די מלחמה רוקט זיך אָן

דער פּאָליטישער הימל ווערט אָבער אַלץ מער פאַרכמאַרעט. עס קומען אָנצולויפן עסטרייכישע יידן קיין פּאַריז. זיי האָבן זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט מיטן לעבן. אין שפּאַניע איז אויך ביטער. די פראַנקיסטן, געשטיצט פון היטלער און מוסאָליני, גייען פאָראויס. מען נעמט שוין אָפּ גרוסן פון פיל געפאַלענע חברים. די רעגירונג אין פראַנקרייך וואַקלט זיך. לעאָן בלום מוז אַוועקגיין. די 5־טע קאַלאָנע אַרבעט מעשים.

די שפּאַנישע קעמפער, וואָס עוואַקואירן שפּאַניע, ווערן אַרײַנגעוואָרפן אין די לאַגערן אין פראַנקרייך. דאָס זענען די לאַגערן ריוועזאַלט און גירס. די אינטערסינדיקאַלע קאָמיסיע שאַפט געלט און שפּייז, צו שיקן אַהין, טייל שפּאַנישע קעמפער אַנטלויפן פון דאָרט. זיי קומען קיין פּאַריז, און יאַנקל באַזאָרגט זיי מיט שפּייז אין די אַרבעטער־קלובן און קיכן. יאַנקל לויפט אַרום און שטעלט צו ברויט מיט גרויפן.

נאָך „מינכען" פילט מען שוין דעם פאַשיזם דערנענטערן זיך צו די גרענעצן פון פראַנקרייך. אַלע לינקע אָרגאַניזאַציעס ווערן אויפגעלייזט, אומלעגאַל. בײַ יאַנקלען אין דער בעקערײַ פאַרברענט מען גאַנצע זעק מיט מאַטעריאַלן. עס ווערט אַ מהומה. ווייבער קויפן איין לעבנסמיטל. די בעקער־אַרבעטער האָבן זיך צונויפגענומען צו דרײַ מאַן און גענומען באַקן שותפות ערזאַץ־געבעקסן — שוואַרצע קיכלעך פון טונקל מעל. אַנשטאָט צוקער

— געברענטע צוקער. די ערזאַץ־געבעקסן האָט מען פאַרקויפט אויף די מאַרשעס. מ'האָט ביי די טונקעלע קיכלעך גאַנץ גוט פאַרדינט.

עס איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון דער פאַרטיי און אים געוואָרנט, אַז אויב ער וועט נישט אויפהערן צו באַקן די שוואַרצע קיכלעך, וועט מען אים אויסשליסן. ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט און ווייטער געבאַקן, אַפילו גענומען פאַרקויפן מעל אויף שוואַרץ, גוט פאַרדינט און מיטן געלט געשטיצט אויף לינקס און רעכטס. פיל חברים פלעגן קומען, יאַנקל זאָל זיי אַרויסהעלפן.

אין אַ טאָג איז מען געקומען און מ'האָט אים פּאַרהאַנגען אויף דריי חדשים פון דער פאַרטיי. אָבער יאַנקל האָט ווייטער געבאַקן און געהאַנדלט אַלץ אויף שוואַרץ, ער האָט דערמיט בלויז געשטיצט די נויטבאַדערפטיקע חברים. ער האָט נישט געזוכט צו מאַכן קיין געלט. אַפילו פראַנצויזישע חברים און שכנים האָט ער געגעבן ברויט אָן טיקעטן, נישט גענומען טייערער. דער גאַנצער 11־טער אַראָנדיסמאַן האָט שוין געוווּסט, אַז ביי אים קען מען עפּעס קויפן. ווער ס'האָט געדאַרפט, איז מען צו אים געקומען. איינמאָל שטעלט זיך אַריין יאַנקל האַנדלסמאַן און פרעגט אים:

— וואָלסט נישט געקענט מיט עפּעס העלפן? איך דאַרף האָבן יעדן טאָג אַ 20 ברויט פאַר אייגענע. מען וועט עס קומען נעמען.

— וואָס דאַרפסטו זיך שלעפן יעדן טאָג נאָך 20 ברויט? נאַ דיר טיקעטן אויף אַ גאַנצע וואָך, און ווו ס'איז דיר נענטער, קענסטו אַריינגיין אין אַ בעקעריי און נעמען.

און ער איז טאַקע יעדע וואָך געקומען נעמען טיקעטן. איין חבר האָט דערנאָך געשיקט אַ צווייטן.

ס'איז געווען אין די דעצעמבער־טעג, ווען פוילן איז שוין געלעגן אונטערן שטיוול פון היטלערן. ס'איז געווען אַ שטילע

מהומה. ווייבער און קינדער זענען עוואַקואירט געוואָרן. מאַסן אויסלענדער האָבן זיך מאָביליזירט פרייוויליק, צו גיין שלאָגן דעם פאַשיזם. די אַרבעטער ביי יאַנקלען זענען אַוועק אין מיליטער. חבר מרדכי קאָזשיץ האָט אים געזאָגט:

— ווי קען מען אין אַזאַ צייט קלערן וועגן געשעפטן?

איז יאַנקל אויך אַוועק אין מאָביליזאַציע־פונקט אויף רי ראַי. דאָרט האָט ער שוין געטראָפן פיל חברים. אָבער בעקערס און קצבים האָבן זיי דאָרט נישט אָנגענומען. זיי מוזן בלייבן אויפן אָרט. ס'הייסט זיי זענען מאָביליזירט, בלייבן אין דער היים.

האָט ער זיך אַרומגעדרייט איינער אַליין, איבער די פוסטע גאַסן. אין אָוונט זענען די גאַסן געווען פינצטער. ער איז אַליין אויך איצט געגאַנגען עסן אין אַרבעטער־קלוב, אין דער קיך אויף רי סאַנטאָנזש.

און דאָ דערהאַלט ער אַ בריוו פון זיין פרוי, פון דער עוואַקואַציע, אַז זי וועט עס נישט איבערהאַלטן דאָרט. מען לעבט אין שמוץ, מען שלאָפט אויף דר'ערד, די קינדער זענען אויסגעשאָטן מיט קרעץ. זי וועט דאָרט משוגע ווערן. אַז יאַנקל האָט דערהאַלטן אַזאַ בריוו, איז אים געוואָרן פינצטער אין די אויגן. ווי קען מען דאָרט אַהינקומען? ווי קען מען זיי אַהערברענגען? אין אַזאַ צייט, ווען מען איז נישט זיכער, אַז מ'וועט אַ ליאַדע טאָג אַליין נישט דאַרפן אַנטלויפן? ער האָט נישט געקענט רוען, נישט געשלאָפן ביינאַכט. די מערסטע חברים זענען מאָביליזירט. ווער קען אים דאָרט אַהין פירן? מען האָט מורא צו ריזיקירן.

אין דער בעקעריי איז ער איינער אַליין. נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. אַלע שכנים זענען אַוועק, די ווייבער — עוואַקואירט. עס דרייען זיך אַרום אַ פּאָר אַלטע לייט. און דאָ קומען צו אים מענטשן און בעטן אים ער זאָל צוריק עפענען די בעקעריי, ווייל מען דאַרף האָבן ברויט אין דער קיך אויף רי סאַנטאָנזש.

איז אים איינגעפֿאַלן אַוועקצוגיין הינטער דער האַלע. אפשר וועט ער דאָרט וועמען טרעפֿן מיט אַ וואָגן. ער רעדט מיט איינעם, מיט אַ צווייטן — עס גייט נישט. וואָס טוט מען?

אַזוי — אַ טאָג נאָך אַ טאָג. מען קען פֿון זינען אַראָפּ. אויף דער מאַרשע סאַנטואַן געפֿינט ער איינעם, וואָס איז שוין מסכּים מיט אים צו פֿאָרן. מען באַזאָרגט זיך מיט אַביסל עסן אויפֿן וועג, אַ פּאָר ברויט, ווורשט, אַ פּאָר פֿלעשער ווײַן, און מען לאָזט זיך אין וועג אַרײַן. צוויי טעג האָט מען זיך געשלעפּט, ביז מען איז מיט מזל אָנגעקומען. דאָרט הייבט מען זיך אָן נאָכצופֿרעגן ווו מען קען געפֿינען די עוואַקואירטע פֿון פּאַריז.

אַז די פֿרוי האָט אים דערזען, איז זי אַרויס מיט אַ געוויין. די קינדער האָבן אים נישט אָפּגעלאָזן, זיך געטוליעט צו אים, אויסגעהונגערטע, אָפּגעריסענע. די פֿרוי איז נישט געווען צו דערקענען, אין אַזאַ הולך, אַז מען קען זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן. עס קומען צו די איבעריקע ווײַבער, ווײַנען און בעטן מען זאָל זיי ראַטעווען און מיטנעמען קיין פּאַריז, אַז עס ווייסט בײַם האַרצן. קודם אָרדנט מען איין אין וואָגן די פֿרוי מיט די קינדער, נאָכדעם זעט מען וועמען מען קען נאָך אַרײַנפּאַקן אין וואָגן. עס פֿאָרן מיט 3 ווײַבער מיט דריי קינדער.

אויפֿן וועג איז מען אַדורכגעגאַנגען די מיליטערישע קאָנטראָ־לעס, אָבער אַלץ איז אַדורך בשלום. מען איז צוריק אין דער היים. אָבער וואָס טוט מען ווײַטער?

דערווײַל הערט מען שוין, אַז די דײַטשן זענען אַרײַן קיין בעלגיע. מען האָט גערעדט, אַז פֿראַנקרײַך איז אויך אין געפֿאַר, אַז די אַרמיי איז פֿאַרקויפֿט. זיי האָבן זיך נישט מיט וואָס צו פֿאַרטיידיקן; אַביסל אַלטע אַמוניציע, פֿאַרזשאַווערטע ביקסן, כמעט נישט קיין אַוויאַציע. אין דער אַרמיי איז פֿול מיט דײַטשע אַגענטן. סאַבאָטאַזש. נאָך איידער די דײַטשן זענען אַרײַן, האָט זיך אין פּאַריז, שוין געפֿילט אַ פּאַניק.

לעבן דאַרף מען דערווייל, און יאַנקל האָט זיך צוריק אַוועק־געשטעלט צום אויוון, האָט געליוועךט ברויט פאַר די קיכן, פאַר די געשעפטן. ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל אים צוהעלפן. אין דער קיך אויף רי סאַנטאָנזש איז געווען איבערפולט. מ'האָט געמוזט וואַרטן אויף אַ פּלאַץ ביים טיש, אָפּצועסן דאָס אָרעמע מאָלצייט. עס האָבן שוין גענומען אויספעלן פּראָדוקטן. יאַנקל איז אַרומגעלאָפן אין די יידישע שפּייז־געוועלבלעך. יעדער האָט עפּעס געגעבן. יעדער האָט מיט עפּעס צוגעהאָלפן. יעדער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף העלפן די קיך פון פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן, אָרעמע מענטשן זאָלן האָבן אָפּצועסן אַ מיטאָג. דער אַלטער געזעלשאַפטלעכער טוער יוסף שטאַמפּאַטער האָט נישט גערוט, איז אַרומגעלאָפן, געשאַפן פּראָדוקטן. יאַנקל האָט אים געהאַלטן פאַר אַ ברודער, אים יעדעס מאָל אַרומגעכאַפּט קושן, ווען ער איז, אַ פאַרסאַפּעטער, געקומען אָנצולויפן מיט די פּעק.

בעלגיע איז שוין געווען אָקופּירט פון די דייטשן. אָן אַ שיעור פּליכטלינגע האָבן זיך אַ שאָט געטון קיין פּאַריז. זיי זענען געשלאָפן אין די לאָקאַלן, אויף דר'ערד, צוזאַמען מיט די פּיצלעך קינדער.

די „פינפטע קאָלאָנע" האָט זיך שוין געלאָזט פילן אין לאַנד. אויף די גרויסע בולוואַרן זענען די ווענט פאַרשמירט געווען מיט האַקנקרייצן, דאָס זעלבע — אין די מעטראָאָס. מען האָט געפילט, אַז די שוואַרצע כמאַרע דערנענטערט זיך. רייכע יידן האָבן זיך באַצייטנס גענומען אָפּטראָגן פון פּאַריז. זיי האָבן פאַרמאַכט זייערע געשעפטן, אַוועק קיין ענגלאַנד, אַנטלאָפן אויפן קאָט ד'אַזיר. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז די מאַזשינאָ־ליניע וועט אַלץ ראַטעווען, אַז דער קריג וועט נאָך לאַנג דויערן.

יאַנקל האָט קודם די קינדער באַזאָרגט צו אַ פּויערטע אין אַ דאָרף אַריין. עס איז אים געוואָרן אַביסל לייכטער אויפן האַרצן.

דאָס איז געווען אַ טאָג איידער די דייטשן זענען אַריין קיין פּאַריז. מענטשן האָבן גענומען לויפן. עס איז געפלאָסן אַ גרויסער, געדיכטער שטראָם מענטשן אויף די וועגן צום דרום, דורך פּאָרט ד'אָרלעאַן. ביינאַכט איז ער געזעסן ביי פּאַרהאָנגענע פענצטער און געהערט אין דער שטיל דעם ראַדיאָ. אַז די סירענע האָט זיך צעוואָיעט, איז מען אַראָפּגעלאָפן אין די קעלערן אַריין. דאָרט, ווּ יאַנקל האָט געהאַט די בעקעריי, איז געווען אַזאַ קעלער, ווּ מען איז אַראָפּגעלאָפן בעת אַן אַלאַרם. פון דאָרט האָבן זיך געצויגן קעלערן ביזן פּלאַץ באַסטיל — אַזוי האָט מען דערציילט — די ווענט זענען געווען באַדעקט מיט אויפשריפטן פון אַלטע צייטן, אפשר נאָך פון די צייטן, ווען עס איז געשטורעמט געוואָרן די באַסטיליע. די שכנים פלעגן מיטברענגען קישנס, קאָלדרעס און דאָרטן איבערנעכטיקן. אַנדערע זענען אַריינגעקומען אין דער בעקעריי, אָפּזיצן אַ גאַנצע נאַכט, צוקוקן זיך ווי מען באַקט דאָס ברויט.

קאַפּיטל צען

אויף די וועגן פון פראנקרייך

אָבער אַצינד האָט מען זיך געמוזט לאָזן אין וועג אַריין, ראַטעווען זיך פון די דייטשן. אַ פּאָר באַקאַנטע בעקערס האָבן זיך צונויפגענומען, אַוועקצוגיין צוזאַמען. דאָס ווייב האָט אים אויך געטריבן פון שטוב:

— דו לויף, ווייבער און קינדער וועלן זיי נישט טשעפּען... וואָס ליגסטו נאָך דאָ? אַלע לויפן, זעסטו דאָך...

עס זענען געקומען זשאַק האָכבוים, זשאַק ליווראַנט, לייבל גרייפמאַן, צוזאַמען האָבן זיי זיך געלאָזן אין וועג אַריין. ווען זיי זענען צוגעקומען צום פּאָרט ד'אָרלעאַן, דרום פון פּאַריז, איז די מאַסע שוין געווען אַזוי גרויס, אין די הונדערטער טויזנטער. קוים האָבן זיי זיך דערשלעפּט ביז עטאַמפּ.

דאָרט האָט מען געקלערט זיך אָפּצורוען. דערווייל האָבן גענומען פאַלן באַמבעס. די דייטשע „שטוקאַס" זענען געפלויגן נידעריק. עס זענען שוין געווען טויטע און פאַרוווּנדעטע. ס'איז געפערלעך געווען צו בלייבן אין שטאָט, שוין בעסער אין פרייען פעלד. צו עסן האָט מען שוין גאָרנישט געקריגן. אַזוי האָבן זיי זיך דערשלעפּט ביז אָרלעאַן. ביי אַ בעקעריי האָט זיך יאַנקל אָפּגעשטעלט.

— לאָמיר אַריינגיין — האָט ער פאָרגעלייגט — און זיך פאָרשטעלן אַלס בעקערס, וועט מען זיכער עפּעס קריגן.

אינעווייניק איז געשטאַנען אַ פרוי מיט צוויי טעכטער. זיי

דערציילן, אַז זיי זענען בעקערס. לאָזט מען זיי שוין נישט אַוועק, מען שיקט דער טאָכטער גיך צום בירגערמייסטער. דער בירגער־מייסטער קומט אַראָפּ צוזאַמען מיט אַ פּאָליס, און די פרוי רופט זיך אָן:

— מיין מאַן איז אין מיליטער, זאָלן זיי אים פּאַרטרעטן.

אַזוי ווערן זיי מאָביליזירט, צו בלייבן אַרבעטן. מ'האָט שוין גאָרנישט געטאָרט אַוועקגיין אויך, אַנישט ווערט מען באַטראַכט ווי אַ דעזערטיר. אין אַזאַ צייט דראָט דערפאַר טויט־שטראָף. געהערט אַזאַ מעשה, בלייבט מען שוין. עס ליגט דאָרט אַ גרויסער סטאָק מיט מעל. אויפן הויף ליגט פול אָנגעלייגט האָלץ. אָבער קיין הייוון צום באַקן קריגט מען נישט. אָבער יאַנקל גיט זיך, נישקשה, אַן עצה. ער הייסט זיך ברענגען ביר מיט קאַרטאָפל. ער בעט צו באַזאָרגן אים מיט קוואַס, סידר. ער מאַכט אַ ראָש־טשינע און וואַרט ביז זי וועט ווערן גוט זויער. און מען נעמט באַקן ברויט.

אין גאַס שטייט שוין אַ לאַנגע רייע. און ווען עס גייט אַרויס אַן אויוון ברויט, ווערט עס באַלד צעכאַפּט, צעריסן. מען גיט צו האַלבע ברויט, נאָכדעם צו 200 גראַם. טעג און נעכט האָט מען געאַרבעט, נישט גערוט. און אַז יאַנקל בעט אַ פּאָר פראַנק, זאָגט מען אים, אַז ער איז מאָביליזירט...

אַזוי האָט מען געאַרבעט אַ וואָך צייט, 20 שעה אין מעת לעת, בלויז פאַרן ביסל עסן. מ'האָט שוין געהערט די פינצטערע בשורה, אַז די דייטשן זענען אַריין קיין אָרלעאַן, וואָס טוט מען ווייטער ?. ווען די דייטשן זענען אַריין קיין אָרלעאַן, האָט מען זיך שטיל אַרויסגעשאַרט פון דער בעקעריי און זיך פאַרנומען צוריק קיין פּאַריז.

אַז זיין פרוי האָט אים דערזען, האָט זי נישט געגלויבט אירע אייגענע אויגן. מ'האָט איר דערציילט, אַז אַ בעקעריי פון רי בופרואַ איז באָמבאַרדירט געוואָרן. פיל חברים האָבן זיך צוריק

באַוויזן אין פּאַריז. מען האָט גענומען אַרומשמעקן, וואָס עס הערט זיך אין גאַס. די ערשטע טעג איז געווען רואיק. מען האָט קיינעם נישט געטשעפּעט. מען איז געשטאַנען אין די גאַסן און נאָכגעקוקט, ווי די דייטשן מאַרשירן. עס האָבן זיך ביסלעכווייז גענומען עפענען די געשעפטן. מ׳האָט זיך גענומען צוגעוויינען צו דער גרויסער חרפּה. די דייטשן זענען אַריין אין די געשעפטן, אויסגעקויפט אַלץ וואָס זיי האָבן געזען.

די פּאָלקס־קיך אויף רי סאַנטאָנזש איז צוריק אויפגעמאַכט געוואָרן. לייזער האָלצמאַן איז געקומען און דערציילט, אַז ס׳האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט צוריק צו עפענען די קיך, אָבער עס זענען נישטאָ קיין מעגלעכקייטן. די פעדעראַציע גיט נישט קיין אונטערשטיצונג. זיי זאָגן אַז די קיך איז אַ „רויטע״.

— אַזוי ווי דו קענסט אַביסל יידישע סוחרים, ווענדן מיר זיך צו דיר זאָלסט גיין צו זיי.

יאַנקל האָט טאַקע געקענט אַ פּאָר גראָסיסטן. זיי האָבן געמאַכט געלט פון שוואַרץ האַנדל. ער איז אַוועק צו זיי אויפקלערן, אַז מען מוז אונטערשטיצן די קיך. קיינער האָט נישט אָפּגעזאָגט און קיינער האָט נישט געגעבן. אָבער אין איין טאָג האָט זיך אַריינגעשטעלט דער טייערער פּאָלקס־ייד יוסף שטאַמפּאַטער מיט אַ געבייזער:

— יאַנקל, ווי קענסטו שטיין און באַקן און זיך נישט פאַראינטערעסירן מיט די נויטבאַדערפטיקע? הונגעריקע יידן קומען זוכן אַביסל שיטערס. איך האַלט דיך פאַר אַ ברודער...

— ווען ווילט עטץ עפענען די קעך? — האָט יאַנקל באַלד געפרעגט.

— שוין היינט. מען דאַרף דו זאָלסט צולייגן אַ האַנט, דו הערסט?

— זיי רואיק. פון מיין זייט וועט אַלץ געטון ווערן. ווער וועט זיין דאָרטן?

— וואָס הייסט ווער? מיר זענען אַלע דאָ.

יאַנקל האָט באַלד טעלעפאָנירט צו זיין שטעלע פון קוילן, אַז ער דאַרף האָבן 20 זעק קוילן, צו ליווערן אויף רי סאַנטאָנזש. ער איז אַוועק אויף רי דע ראָזיע, צו בעלערן. ער האָט דאָרט פאָרגעלייגט אַ גאַנצע ליסטע, וואָס ער דאַרף האָבן: 2 זעק קאַשע, אַרבעס, סמול, מעל, טרוקענע טיי, קאַפע, צוקער, אָבערפלאָקן, און וואָס נאָך עס איז נויטיק אין דער קיך. ווען בעלער האָט אים געפרעגט וועגן געלט, האָט ער אים געענטפערט:

— איין העלפט גיב א י ך, די צווייטע העלפט מ ו ז ס ט ו געבן. דאָ דינגט מען זיך נישט...

בעלער האָט באַשטעלט אַ וואָגן, און אויף צומאָרגנס איז אַלץ שוין געווען גרייט. יאַנקל איז געקומען און מען האָט דעם אָנגעלאָדעוועטן וואָגן אַוועקגעפירט אויף רי סאַנטאָנזש. געגעבן האָט בעלער פיל מער, ווי יאַנקל האָט באַשטעלט. ער האָט צוגעגעבן לאָקשן, פאַרפל. ווען יאַנקל איז געקומען און יאָסל האָט עס דערזען, האָט ער זיך פאַר גרויס שמחה צעוויינט ווי אַ קליין קינד. דערווייל איז אָנגעקומען דער וואָגן מיט קוילן.

אַזוי האָט יאַנקל אָרגאַניזירט יעדן בעקער־אַרבעטער, יעדער בעקער־פּאַטראָן, מען זאָל זיך באַשטייערן פאַר דער קיך.

עס זענען צוריקגעקומען יידן קיין פאַריז, וואָס זענען געהאַט אַנטלאָפן. אַ סך פון זיי, וואָס האָבן געלאָזט הפקר זייערע היימען, זענען אינגאַנצן רואינירט געוואָרן; האָבן זיי זיך גענומען, קעגן זייער ווילן, צום שוואַרץ־האַנדל, צו פאַרמעקלען. ווייבער, וואָס זייערע מענער זענען געווען אין געפאַנגענשאַפט, זענען איצט געוואָרן גאַנצע פאַרדינערינס. זיי זענען אַרומגעלאָפן אין די שטיבן אָנבאָטן זייף, ברויט, זאָקן. מ׳האָט איבערגעלאָזן די קינדער אויף הפקר, אבי עפעס ברענגען אין שטוב אַריין, ס׳זאָל זיין עפעס צו פאַרקאָכן. אַנדערע פרויען, וואָס זענען נישט פעאיק געווען דערצו, זענען מיט זייערע קינדער געקומען אין

דער קיך אַריין. זיי האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן. וואָס האָט מען געקענט טון? מ'האָט דאָך זיי נישט געקענט פאַרשעמען. אַזאַ פרוי פלעגט יאָסל שטאַמפּאַטער אַוועקרופן אין אַ זייט און איר מיטגעבן אַ פּעקל — אַ ביסל קאַרטאָפל, גרויפּן, אַ פּאָר קאָסטקעס צוקער. אַזוי האָט יוסף שטאַמפּאַטער זיך געפירט. אַז יאַנקל האָט איינמאָל באַמערקט, ווי שטאַמפּאַטער שטופּט אונטער אַ פרוי אַביסל פּראָוויאַנט, האָט ער אים געפרעגט:

— וואָס טוסטו?

— זאָלסט מיך נישט פאַרשיטן פאַר אָשלאַקן.

מ'האָט זיך געדאַרפט היטן פאַר אייגענע. שטאַמפּאַטער איז געווען לייכט אויף טרערן, ווען ער האָט געזען ווי עמיצער ליידט.

קאַפּיטל עלף

אין דער „פּרייער" זאָנע

אין 1940 איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע יידן דאַרפן זיך גיין מעלדן אין די קאָמיסאַריאַטן, צו שטעמפּלען זייערע קאַרטן, מיטן רויטן שטעמפּל „זשוויף". אַזוי האָבן די דייטשן זיך נישט געקענט טועה זיין, ווער ס'איז אַ ייד. דאָס געזעץ איז געווען אַפילו פאַר די, וואָס זענען געווען געשמדט. אויף יידישע געשעפטן האָט געמוזט הענגען אַ געל צעטל : יידיש געשעפט. די זשעראַנטן האָבן געמוזט זיין ריינע אַריער. דאָס אַלץ איז געווען צו ווייזן די פראַנצויזישע באַפעלקערונג, אַז נישט זיי מיינט מען ; אַז אַלע אומגליקן קומען נאָר פון די יידן, זיי זענען שווינד־לער, רויבער. אָבער ווען מען האָט אויפגעצווונגען צו טראָגן די געלע לאַטע, האָבן פיל פראַנצויזן, אַלס פּראָטעסט, זיך אויך אָנגעטון די געלע לאַטע. אין מעטראָ האָבן פראַנצויזן אָפּגעטרעטן דאָס אָרט פאַר אַ ייד מיט אַ געלער לאַטע.

עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז די דייטשן האָבן גע־פּרוּווט צו לאַנדן אין ענגלאַנד, און אַז די ענגלענדער האָבן אויס־געגאָסן אויפן ים אַזאַ ברענשטאָף, און דער גאַנצער דייטשער פלאָט איז פאַרברענט געוואָרן. אַלע שפּיטעלער זענען געווען פאַרפולט מיט דייטשע סאָלדאַטן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער סאַבאָטאַזש אין די פאַבריקן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן. יידישע אַרבעטער האָבן נישט קיין קליינעם חלק צוגעטראָגן צו דעם ווידערשטאַנד. עס

איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ סאָלידאַריטעט פאַר יידישע פאַמיליעס, וואָס זענען געבליבן אָן פרנסה.

אין דער זעלבער צייט האָבן יידן דערהאַלטן גרינע צעטלען מען זאָל זיך צושטעלן אין זשימנאַז זשאַפּי. זיי האָבן געשריבן, אַז מען זאָל מיטנעמען אַ קאָלדרע, עסן אויף צוויי טעג. עס איז געוואָרן אַ מהומה. די וואָס האָבן זיך צוגעשטעלט, האָט מען טאַקע גלייך פאַרהאַלטן. אַ מאַסע פון 5 טויזנט מאַן. מען האָט זיי געשיקט אין די לאַגערן פּיטיוויע און בּאָן לאַ ראָלאַן. מיטן צונעמען די אַלע יונגע מענטשן, האָבן זיך די אַטעליעס פאַרמאַכט. מען איז אַרויס אין גאַס, האָט מען באַלד געפּילט די יידישע צרות. עס זענען געבליבן ווייבער מיט פּיצלעך קינדער.

יאַנקל האָט קיין צעטל נישט דערהאַלטן, ער איז שוין געווען עלטער פון 40 יאָר. ער האָט זיך בּאראַטן מיט קאָזשעצן, וואָס מען הייבט אָן צו טון. וווּ קען מען דען לויפן? אין דער „פרייער זאָנע" איז געווען די ווישי־רעגירונג. אָבער יאַנקל האָט מורא געהאַט צו בלייבן אין פּאַריז. פיל שכנים האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַ לינקער. צווייטנס, מען וועט זיכער קומען זוכן אין דער בעקעריי, צי ער מאַכט נישט קיין שוואַרצע „מאַרשע". אָבער קאָזשעץ האָט אים געעצהט ווייטער צו בלייבן.

איידער מ'האָט דערהאַלטן די גרינע צעטלען, איז מען זיך ביי יאַנקלען אין בעקעריי צונויפגעקומען אויף זיצונגען. עס זענען געקומען זשאַק האָכבּוים, זשאַק ליווערענט. מ'האָט געזאַמלט געלט פאַר דער קיך. אַצינד געפינט זיך זשאַק האָכבּוים אין פּיטי־וויע. יעדן טאָג פלעגט קומען ליווערענטס פרוי געוויר ווערן וואָס מען הערט.

איינמאָל זענען טאַקע געקומען אַגענטן און געפונען מעל, נישט דעקלאַרירט. זיי האָבן יאַנקלען אַוועקגעפירט אין פּרעפעקטור. דאָרט האָט ער שוין געטראָפן פיל באַקאַנטע סוחרים. זיי האָבן אויפגעמישט יעדנס דאַסיע: ווי לאַנג מען געפינט זיך אין

פראַנקרייך? וואָס מען טוט? ביי יאַנקלען האָבן זיי אויסגעפונען, אַז ער האָט שוין געהאַט אַן אויסווייז, און מ׳האָט אים פאַר־האַלטן. נאָך 3 טעג זיצן, האָט מען אים געפירט צו אַן אויספאָר־שונג: ווי ער האָט גענומען מעל?

— פאַרוואָס — פרעגט מען אים — ביסטו נישט אַוועק פון פראַנקרייך אין 1934, ווען דו האָסט באַקומען דעם אויסווייז?...

ס׳האָט אַפילו נישט געהאָלפן, אַז ער האָט באַוויזן, אַז ער איז געווען מאָביליזירט אַלס פרייוויליקער און מ׳האָט אים געהייסן בלייבן אין דער בעקעריי. און ווען ער בלייבט אַליין מיטן באַאַמטן, זאָגט ער אים שטיל, אַז אויב ער וועט אים באַפרייען, גיט ער אים 20 טויזנט פראַנק און זיין פרוי וועט ער ברענגען אַ שיינע מתנה... דער באַאַמטער קוקט אים אין די אויגן אַריין, און יאַנקל טראַכט זיך — וואָס עס וועט זיין, וועט זיין. יענער גייט אַריין אויף אַ וויילע אין אַן אַנדער צימער, מסתם עפעס צו זוכן. יאַנקל וואַרט נישט ביז ער וועט צוריקקומען, נאָר נעמט זיך אַרויסשאַרן. ער איז שוין אויף די שטיגן, און — נעמט ציען.

אין דער מעטראָ האָט ער זיך אויסגעמישט מיטן שטראָמענ־דיקן עולם, אַוועק אויפן פלעצל, צו אַ קוזינקע און טעלעפאָנירט אַהיים, ווו ער געפינט זיך. די פרוי האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז מען וועט אים קומען זוכן, און האָט אים באַפוילן, ער זאָל דאָרט בלייבן און זיך נישט באַווייזן אין גאַס. ער האָט איר אויך געוואָרנט, זי זאָל נישט קומען צו אים, ווייל מען קען איר נאָכגיין.

7 אין אָוונט שטעלט זיך אַריין אַ פאַרשוין צו יאַנקלס פרוי און זאָגט איר, אַז יאַנקל איז אַנטלאָפן פון פרעפעקטור און פרעגט ווו ער איז. די פרוי זאָגט, אַז זי ווייסט נישט. מ׳האָט אים אַרעס־טירט. דער אַגענט נעמט אַרומזוכן אין שטוב, אין דער בעקעריי. ער הייבט אָן ווערן ווייכער און דערציילט איר, אַז דער מאַן האָט צוגעזאָגט צו געבן 20 טויזנט פראַנק. זי זאָל אים געבן דאָס געלט

און מען וועט אים מער נישט קומען זוכן. די פרוי טענהט, אַז זי ווייסט פון גאָרנישט, נאָר אויב מען קען עפּעס טאָן, אַז איר מאַן זאָל זיין פריי, באַשטייט זי אים צו געבן אַביסל געלט, אָבער נישט אַזאַ גרויסע סומע. דער אַגענט נעמט זיך מיט איר דינגען, און עס בלייבט, אַז זי גיט אים 5 טויזנט פראַנק. דער אַגענט איז אַוועק, און יאַנקל איז דערווייל געבליבן ביי דער קוזינקע דריי טעג, כדי צו וויסן, צי עס איז ריכטיק, אַז מען וועט אים נישט קומען זוכן. די פרוי קאָנטראָלירט אין דרויסן, צי עס שטייט נישט קיין אַגענט. איין מאָל, אַ צווייט מאָל, און ווען זי זעט, אַז אַלץ איז נאָרמאַל, טעלעפאָנירט זי, אַז יאַנקל קאָן אַהיימקומען.

אויפן דריטן טאָג איז יאַנקל געקומען אַהיים. אין אַ פּאָר טעג אַרום קומען אַריין 2 אַגענטן און פרעגן זיך אויף אים, און נעמען גלייך זוכן. יאַנקל איז געווען אין בעקעריי און געהערט, ווי די אַגענטן פרעגן זיך אויף אים. האָט ער זיך גלייך פאַרשטעקט אין קעלער. זיי זענען אַראָפּ אים זוכן, אָבער זיי האָבן אים נישט געפונען. זיי זענען אַוועק.

פון דעם טאָג אָן האָט די פרוי גענומען מאַכן געוואָלדן, אַז ער זאָל אַוועק אין דער „פרייער זאָנע". אָבער ווי אַזוי, אַז אויף די באַנען איז אַזאַ שטרענגע קאָנטראָלע. ער האָט ריזיקירט, איז אַוועק אויפן גאַר דע ליאָן, גענומען אַ בילעט ביז דיזשאָן. עס איז אים געלונגען. אין דיזשאָן איז ער אַרויס דורך אַ זייטן אַרויסגאַנג פון וואָקזאַל. פון דאָרט האָט ער ווייטער ריזיקירט און גענומען אַ בילעט קיין ליאָן. אין וואַגאָן זענען אַדורך אַגענטן און קאָנ־טראָלירט די פּאַפּירן. איז יאַנקל אַריין אין טואַלעט, האָט מען אים פון דאָרט אַרויסגעפירט און פאַרהאַלטן. זיי האָבן אים געפירט ביז שאַלאָן און איבערגעגעבן צו די דייטשן. דאָרט זענען שוין געווען פיל פאַרהאַלטענע. זיי האָבן יעדן געפרעגט, ווער עס וויל פאָרן קיין דייטשלאַנד אַרבעטן. ווער עס האָט נישט געוואָלט, האָבן זיי אויסגעפאָרשט. יאַנקל האָט זיי דערציילט, אַז

ער ווינט אין ליאָן, ער האָט געוואָלט פאָרן קיין פּאַריז זיך זען מיט זיין משפחה. האָבן זיי גענומען שרייען:

— פערפלוכטע יודע! זי האַבע ניכטס קיין רייזע־שיין!

און ווען די באַן קיין ליאָן איז אָנגעקומען, האָבן די דייטשן באַפוילן, ער זאָל צוריקפאָרן קיין ליאָן, ווייל ער האָט נישט קיין רייזע־שיין... מער האָט ער נישט באַדאַרפט. אין וואַגאָן האָט ער אַביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין אַ פאַרפאַלענער. אָבער ווי מען איז נאָר אַוועק פון שאַלאָן, זענען באלד אַריינגעקומען צוויי קאָנטראָלערן. ביי דער ערשטער סטאַציע האָט מען אים, מיט אַנדערע, אַראָפּגעפירט אין מאַקאָן. דאָרט האָט מען אים געהאַלטן 4 טעג.

נאָך אַ גרינטלעכער אויספאָרשונג, האָט מען אים צוריק־געגעבן די פּאַפּירן, אַוועקגעפירט אין אַ באַוואַכטן האָטעל, ביז עס וועט קומען אַ פאַראָרדענונג, ווו ער וועט דאַרפן בלייבן. ער איז דאָרט פאַרבליבן 3 טעג. נאָכדעם זענען געקומען צוויי זשאַנ־דאַרמען און אים אַוועקגעפירט אין אַ דאָרף. דאָרט האָבן זיי צוגענומען זיינע פּאַפּירן און אים באַפוילן, אַז פון דאַנען טאָר ער זיך נישט רירן. דאָס האָט געהייסן, „רעזידאַנס פאָרסעי", אַ באַשטימט צוואַנג־וווינאָרט.

דער האָטעל, ווו ער איז איינגעשטאַנען, האָט אונטן געהאַט אַ געוועלבל און אַ ביוראָ־טאַבאַק. אַ דאָרף פון 12 משפחות. אַ גאַנצן טאָג האָט מען קיינעם נישט געזען, אַ חוץ עטלעכע קאָזעס, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט. די פּויערים זענען געווען אויף די פעלדער. עס איז נישט געווען מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. יאַנקל האָט זיך אַרומגעדרייט אַ גאַנצן טאָג איינער אַליין און איז שיעור נישט משוגע געוואָרן.

אויפן פערטן טאָג זענען געקומען די צוויי זשאַנדאַרן, אים געשלאָסן די הענט אין קייטעלעך, ער זאָל נישט קענען אַנטלויפן, און אים אַוועקגעפירט קיין ריוואַזאַלט. דאָרט, אין לאַגער־ביוראָ,

האָבן די זשאַנדאַרן איבערגעגעבן זיינע פּאַפּירן, אַ דאָסיע פון דער פּרעפעקטור. אין דעם לאַגער זענען געווען זייער פיל בעלגישע יידן, ווי אויך דייטשע יידן. די נויט איז דאָרט געווען נישט צו באשרייבן. קינדער זענען אַרומגעגאַנגען ביי די מיסט־קיבלעס און געזוכט וואָס צו עסן. אַ פּאָר הילצערנע באַראַקן, און די ווינטן זענען דאָרט געווען אַזעלכע שטאַרקע, אַז עס האָט ווער אויסגעוואַשן אַ ביסל וועש און אויפגעהאָנגען אויסצוטריקענען, פלעגט דער ווינט זיי אַוועקרייסן. די וועש זענען אַרויפגעפלויגן ביז די וואָלקנס. אין די באַראַקן האָבן זיך אַרומגעדרייט לעבעדיקע מתים, מיט אויגן ווי לעכער.

ער האָט דאָרט באַגעגנט עטלעכע באַקאַנטע פון 11־טן אַראָנדיסמאַן אין פּאַריז. זיי האָבן אים געגעבן אַן עצה, אַז ער זאָל אַנטלויפן. די היטערס זענען נישט קיין שטרענגע. אין פיל ערטער איז די דראָטן־פּאַרצוימונג געווען איבערגעריסן. עס זענען געווען אונטערגעקאָפּעט גאַנצע גריבער. די פליכטלינגע זענען אַרויס אין שטעטל און פּאַר בריליאַנטן, וואָס זיי האָבן געהאַט ביי זיך פאַרשטעקט, איינגעקויפט אַביסל קאַרטאָפל, בלוט־ווורשט, ערזאַץ־קיכעלעך, געמישט מיט זאַמד, וואָס האָט גע־קריצט צווישן די ציין. אָבער די מערסטע האָבן צוגעהונגערט.

די ערשטע נאַכט איז יאַנקל געווען זייער מיד, אָבער שלאָפן האָט ער נישט געקענט. אין דער פרי האָבן אים אַלע אברים וויי געטון. ער האָט געזען, אַז ער איז גוט אַריינגעפאַלן. וויניק צרות האָט ער געהאַט אין זיין לעבן ? אָבער אַזאַ מיזער ווי דאָ, האָט ער נאָך נישט געזען. און מאָדנע, קיינער האָט נישט פאַרלוירן דעם מוט. חברה האָבן שוין געהאַט אַ דראַמקרייז, מ׳האָט געהאַלטן רעפּעראַטן פאַרן עולם.

דערווייל האָט יאַנקל גענומען זוכן אַ וועג ווי אַזוי זיך אָפּצוטראָגן פון דאַנען. כאָטש עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען שוין געהאַט אַנטלאָפן און אַליין צוריקגעקומען אין לאַגער

אַריין. 7 אינדערפרי האָט מען געבראַכט די קאַפע, אַ ביסל ברודיק וואַסער. אַ ברויט פאַר 4 מאַן. די קרישקעס פון ברויט האָבן יעדן טאָג געהערט צו אַן אַנדערן. עס איז געווען אַ מענער באַראַק און אַ פרויען־באַראַק. אָבער ס׳איז נישט געווען קיין שטאַרקע קאָנטראָל, און מען פלעגט גיין איינער צום אַנדערן.

אין איין טאָג האָט מען יאַנקלען צווישן געגעבן, אַז מען מאַכט פאַר אים אַן אויפנאַמע, אַ נאַכט־מאָל, אין פרויען־באַראַק. די גאַנצע אָנפירערין איז געווען מאַדאַם רעזניקאָוו, אַ דייטשע פרוי, אַן אמתע אַריערין, וואָס האָט יאָרנלאַנג געוווינט מיט אַ יידישן מאַן אין פאַריז, אין 18־טן אַראָנדיסמאַן. זי איז געווען אינטערנירט צוזאַמען מיט אַלע יידן אין ריוואַלט. עמיץ האָט יאַנקלען געגעבן אַ פלאַש וויין, אַז ער זאָל מיטברענגען כאָטש עפּעס.

אין פרויען־באַראַק איז געווען געגרייט אַן אמתע שמחה: ברויט מיט וווּרשט, געקאָכטע לאָקשן מיט קאַרטאָפל, פונקט ווי אין דער היים. ווי אַזוי האָבן זיי עס אַלץ צוגעגרייט? קיין קיך צום קאָכן איז נישט געווען, און צו קריגן די אַלע זאַכן איז געווען זייער שווער. אַ ווייסער טישטעך, סערוועטלעך, מעסער־גאָפּל, ס׳איז געווען ליכטיק. ווען מ׳האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט גרשון פוקס, אַ בריליאַנטן־הענדלער פון אַנטווערפּן, געהאַלטן אַ רעדע, אַז מיר האָבן דאָ אַ חשובן גאַסט, אַ בעקער פון פאַריז, וואָס האָט זיי פיל געהאָלפן אין זשימנאַז זשאַפּי אין פאַריז. יאַנקל האָט נאָכדעם באַדאַנקט פאַר דער אויפנאַמע, און זיי צוגעזאָגט, אַז אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבן, וועט ער אַלץ טון, כדי צו העלפן יידן אין זייער ביטערן גורל.

אָבער אים איז געלעגן אין קאָפּ נאָר איינס — אַ וועג ווי אַזוי אָפּצוטראָגן זיך פון דאַנען. ער האָט נישט געהאַט ביי זיך די פּאַפּירן, נישט קיין געלט. ער האָט געשריבן קיין פאַריז ווו ער געפינט זיך. ס׳איז אינגיכן געקומען זיינס אַ קוזין פון ניס און

אים באַזאָרגט מיט געלט און עסן. דאָס עסן האָט ער גלייך פונאַנדערגעטיילט.

12 קילאָמעטער האָט ער באַוויזן צו אַנטלויפן, און מ׳האָט אים געכאַפּט און צוריקגעברענגט אין לאַגער אַריין. קיין שטראָף האָט מען אים נישט געגעבן, ווייל דער גאַנצער לאַגער איז געווען אַ — שטראָף. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער, מיט נאָך איינעם, 2 אַזייגער ביינאַכט, צום אַנדערן מאָל אַוועק. יענער האָט בעסער געוווּסט דעם וועג. ס׳איז אים געלונגען צו דערגיין ביז פּערפּיניאַן, און צו שיקן אַ טעלעגראַמע קיין ניס, מען זאָל אים קומען זוכן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער זיך שוין געפונען אין ניס. דאָרט האָט ער קודם געשאַפן אַ קאָמיטעט ; איז אַרומגעגאַנגען איבער די יידישע געשעפטן, צו שאַפן עסנוואַרג פאַרן לאַגער אין ריוואַלט. עס איז אַפילו געלונגען אַרויסצוראַטעווען נאָך דריי מאַן פון לאַגער.

אַז יאַנקל איז איינמאָל אַריין אין דער גרויסער קאַפע „מאַנע", צו אַן עלטערן מאַן, בעטן פאַר די לאַגערניקעס, האָט איינער זיך אויפגעשטעלט און גענומען שרייען :

— ביסט אַ קאָמוניסט !

און האָט גלייך טעלעפאָנירט נאָך פּאָליציי. ס׳איז געוואָרן אַ גרויסער טומל אין דער קאַפע. מענטשן האָבן זיך אַריינגעמישט, און יאַנקל האָט זיך זייטיק קוים אַרויסגעדרייט, איידער נאָך די פּאָליציי איז אָנגעקומען.

האָט ער דאָך געזען, אַז דאָ איז אויך ביטער, איז ער אַוועק קיין ליאָן, דאָרט זיך געמאַכט אַ פאַלשע פראַנצויזישע קאַרטע, אַריינצוכאַפּן זיך צוריק קיין פּאַריז. ער איז אַוועק צו אַ געוויסן ווידאַל, וועלכער איז אָפט געפאָרן מיט אַ גרויסן קאַמיאָן קיין פּאַריז און געשמוגלט מענטשן פון ליאָן קיין פּאַריז, און צוריק.

ווען יאַנקל האָט זיך, אין עטלעכע טעג אַרום, אַריינגעשטעלט אין דער בעקעריי, איז די פרוי אים באַפאַלן :

— מערדער! וואָס האָסטו געטון? אין אַזאַ צייט ביסטו געקומען? ביסט שוין אינגאַנצן פון זינען אַראָפּ.

ער איז אַרויס אין גאַס, דערוויסן זיך וואָס מען הערט. אויף די ווענט זענען געווען אַרויסגעהאָנגען באַקאַנטמאַכונגען, אונטערגעשריבן פון שטעלפאַרטרעטער, דעם באַפעלסהאַבער פון גראָס־פּאַריז. ער האָט גערופן דאָס פראַנצויזישע פאָלק צו זיין געהאָרכזאַם; אַז אויב מען באַזייטיקט יידן, איז עס נאָר אַזעלכע, וואָס מאַכן שוואַרץ־האַנדל, אָדער קאָמוניסטן. יידן האָבן נישט געטאָרט אַרויסגיין נאָך 8 אָוונט אין גאַס, נישט גיין אין סינעמאַ, נישט פאָרן אין דער מעטראָ 1־טע קלאַס. עס זענען געווען כסדר אָבלאַוועס.

יאַנקל האָט זיך איינגעאָרדנט אַ קעלער, ווו ער זאָל קענען שלאָפן, טאָמער קומט מען ביינאַכט קלאַפּן; געצויגן אַ דראָט אויף אַן עלעקטריש לעמפּל, אָנגעגרייט דאָרט פלעשער מינעראַל־וואַסער, אַביסל שפּייז. דער קעלער איז געווען אַ נאַסער, ס'האָבן זיך געפילט שלעכטע ריחות. „כ'וויל בלייבן אין פּאַריז — האָט ער זיך געזאָגט — כדי מיט עפּעס מיטצוהעלפן". די פראַנצויזישע שכנים האָבן שוין געוווּסט, אַז ביי אים קען מען עפּעס קריגן. אַפילו אַ פּאָליס פון 11־טן אַראָנדיסמאַן איז געקומען צו אים בעטן טיקעטן אויף ברויט.

דעם 20־טן אויגוסט, 6 אַ זייגער אין דער פרי, איז אַריינגעקו־מען אין דער בעקעריי אַן עלטערער מאַן, באַהאָנגען מיט מעדאַלן, אויסצייכענונגען, און אים געזאָגט, אַז לעבן מעטראָ שטייען פּיל פּאָליציי, אַ דייטשער אָפיציר, מען זוכט קאָמוניסטן. איז ער אים געקומען זאָגן, אַז אויב ער ווייסט פון אַזעלכע, זאָל ער זיי גיין זאָגן, זיי זאָלן זיך באַלד אָפּטראָגן. האָט יאַנקל גלייך אַ זאָג געטון מרדכי קאָזשיצן, מיט וועלכן ער האָט צוזאַמען געאַרבעט:

— גיי, זאָג אָן די חברים, זיי זאָלן נישט אַרויסגיין פון שטוב.

יאַנקל אַליין איז אַרויס אין די ווייסע בעקערישע קליידער, איז אַריין אויף באַפּרוא 74, אויף באַפּרוא 21. ווען ער איז אַרויס באַפּרואַ 30, איז שוין פאַרן טויער געווען פול מיט אַגענטן. זיי האָבן אים געפרעגט אויף זיינע פּאַפּירן. האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט נישט ביי זיך.

— כ'בין אַ בעקער אויף נומער 24. כ'וועל זיי גיין ברענגען.

אַן אַגענט איז מיט אים מיטגעגאַנגען. די גאַנצע גאַס איז שוין געווען באַלאַגערט מיט פּאָליציי און דייטשן. יעדער ייד איז פאַרהאַלטן געוואָרן. עס זענען שוין געשטאַנען גרייט קאַמיאָנען, אַוועקצופירן די יידן. אַז יאַנקלס פרוי האָט געזען, אַז ער איז אַרעסטירט, האָט זי פאַר אים צוגעגרייט אַ וואַליזקע מיט וועש, אַביסל שפּייז. ער האָט אָבער אויסגענוצט אַ מאָמענט, ווען די אַגענטן זענען געווען פאַרנומען אין די הייף, האָט ער זיך געטון אַ שאַר אַריין אין הויף נומער 23, אַרויף אויפן 3־טן שטאָק, אַריין צו אַ באַקאַנטן. די פרוי האָט אים געעפנט די טיר. יאַנקל האָט איר דערציילט וואָס עס קומט פאָר אין גאַס און זי געבעטן זי זאָל אים באַהאַלטן. די פרוי האָט גלייך צוגעשלאָסן די טיר און איז אַראָפּ פון שטוב. זי איז אַריין צו זיין פרוי און איר געזאָגט, אַז ער איז ביי איר באַהאַלטן.

דריי טעג איז ער דאָרט אָפּגעלעגן. 5 טויזנט יידן האָט מען אין דעם טאָג אַרעסטירט און אָפּגעפירט זיי אין לאַגער דראַנסי. די לאַגערן באָן לאַ ראָלאַן און פּיטיוויע זענען געווען אַ גן עדן קעגן דראַנסי. זיי האָבן נישט געמאַכט קיין אונטערשייד. זיי האָבן געכאַפּט אויך נאַטוראַליזירטע, אַבי יידן. 5 הויכע בלאָקן זענען געווען אין דראַנסי, שטאַרק באַוואַכט מיט זשאַנדאַרמעריע. מ'האָט קיינעם נישט צוגעלאָזן. מענטשן זענען דאָרט אויסגעגאַנגען פון הונגער, ענג, שמוציק.

די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע האָט געליאַרעמט, אַז מ'האָט נאָר

איינגעזעצט יידן, וואָס האָבן געפירט קאָמוניסטישע טעטיקייט. די אַנדערע קענען, הייסט עס, זיין רואיק. מען וועט זיי נישט טשעפּען. מען האָט איצט מורא געהאַט אַפילו בייטאָג אַרויסצוגיין פון שטוב. מ'איז געזעסן פאַרשפּאַרט און געהערט שטילערהייט דעם ראַדיאָ־לאָנדאָן. די דייטשן זענען כסדר געגאַנגען פאַר־אויס אויפן רוסישן פראָנט.

ס'האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער. די דייטשן האָבן געזוכט צו קויפן פעלצלעך, סוועטערס, וואַרעמע וועש. ס'האָבן זיך גע־עפנט קליינע אַטעליעס, מ'האָט געאַרבעט און גוט פאַרדינט. מען האָט געמיינט, אַז איצט וועט מען שוין מער נישט טשעפּען, ווייל זיי האָבן מיט זיך צו טון. אין די אַטעליעס זענען אָבער אַרומ־געגאַנגען די ווידערשטענדלער און געפאָדערט, מען זאָל סאַבאָטירן די אַרבעט. האָט מען געמאַכט הענטשקעס מיט פאַרדרייטע פינגער, לייכטע נעטלעך. אַז מ'האָט אָנגעטון אַ פעלצל, איז זיך עס באַלד צעפאַלן. עס איז אונטערגעצונדן געוואָרן אַ פאַבריק אויף רי טייליאָר. דאָרט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פוטער־פעלצן פאַר די דייטשן. יידישע פאַרטיזאַנער זענען אַרומגעגאַנגען מיט געווער אין קעשענע. די, וואָס האָבן נישט געפאָלגט צו סאַבאָטירן די אַרבעט, האָט מען געדראָט אַראָפּצוּרוימען.

איין מאָל איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע אויף רי דע לאַ ראַקעט, ביים מאָנומענט פון די געפאַלענע יידישע זעלנער אין יענער מלחמה. צווישן די אָנפירער זענען געווען אַלפרעד גראַנט, יצחק פורמאַנסקי. פורמאַנסקי פלעגט אָפט קומען צו יאַנקלען אין בעקעריי, נאָך ברויט־טיקעטן, אַפילו עטלעכע מאָל גענעכטיקט ביי אים אין קעלער.

די ווידערשטענדלער האָבן אַריינגעוואָרפן גראַנאַטן אין קאַפע־הייזער, ווו עס זענען געזעסן דייטשן. די דייטשן האָבן גענומען ערוובניקעס און צעשיסן זיי אין מאָן־וואַלעריאַן. יעדן טאָג פלעגט מען זען פרישע „בעקאַנטמאַכונגען" אויף די ווענט פון פאַריז,

אונטערגעשריבן פון בעפעלסהאַבער פון גראָס־פּאַריז, פאָן שטיל־פּאַנגעל. קאָלעקטיווע רעפּרעסיעס. דעם 15־טן דעצעמבער האָט מען דערשאָסן 100 מאַן, פון זיי 53 יידן, צווישן זיי צוויי בעקער־אַרבעטער, וועלוול בורשטין און ישראל מאָרדפעלד. דאָס איז געווען אָפּצושרעקן דאָס פראַנצויזישע פאָלק.

קאַפּיטל צוועלף

אין אָקופּירטן פּאַריז

דאָס איז שוין געווען אין די טעג, ווען עס איז געעפנט געוואָרן דער צווייטער פראָנט אין נאָרמאַנדיע.

צו יענער צייט איז יאַנקלס קעלער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן אומזעבאַרן האָטעל, ווו אַלע אומלעגאַלע האָבן זיך אויפגעהאַלטן. יעדער האָט עפּעס געברענגט. איינער האָט גע־בראַכט טיי, עטלעכע קאָסטקעס צוקער, אַביסל קאַרטאָפל, אַ שטיקל ברויט. איינער האָט געברענגט די לעצטע נייעס, וואָס ער האָט געהערט. אַזוי האָט מען פאַרבראַכט גאַנצע נעכט. מען איז כמעט נישט געשלאָפן. דער קעלער איז געווען גוט באַוואָרנט, נישט אַריינצופאַלן. פון דעם קעלער האָט מען נאָך געקענט גיין אין אַנדערע קעלערס. דאָרט איז געווען אָנגעוואָרפן מיט אַלט מעבל. אַדורכגיין דעם קאָרידאָר, האָט מען געקענט געהרגעט ווערן, אויב מען האָט נישט געוווּסט ווי צו אָריענטירן זיך אין דער פינצטער. אונטער די פיס האָט מען אויסגעשפּרייט זעק פון מעל. אַנדערע זעק זענען געווען אָנגעפילט מיט שטרוי, אויסגע־לייגט אויף דר׳ערד. די טירן זענען פון אינעווייניק געווען פאַר־שטעלט מיט דיקטן, אַז עס איז נישט געווען קיין שפּאַרע אַריינ־צוקוקן. ס׳איז צוגעצויגן געוואָרן אַן עלעקטרישער דראָט און 2 סיגנאַל־גלעקלעך, איינס פון שטוב און איינס פון בוטיק. אַז עס פלעגן אַריינקומען אַגענטן עפּעס זוכן אין הויף, האָט מען דורכן אַלאַרם־גלעקל צוויסן געגעבן אין די קעלערן. עס איז געוואָרן

שטיל. אַז עס זענען געשטאַנען גוטע וועטערן, איז נאָך געווען צו דערליידן, נאָר ווען ס'האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן די גרויסע רעגנס, האָט מען אין די קעלערן געקענט דערטרונקען ווערן.

איין מאָל האָט פּלוצים אַ פּלייץ געטון אין די קעלערן וואַסערן פון די קאַנאַליזאַציע־רערן, צוזאַמען מיט שלעכטע ריחות. דאָס איז דערגאַנגען ביזן האַלבן קערפּער. אַזוי האָט מען געמוזט שטיין אין וואַסער אַ האַלבע נאַכט. עס זענען געקומען אַראָפּצו־לויפן נאָך אַנדערע, מ'זאָל זיי דאָ לאָזן אויסבאַהאַלטן זיך, ווייל פּאָליציי האָט געלויערט אויף טריט און שריט. אין די קעלערן האָט מען זיך דערוווּסט ווי עס האַלט אויפן פראָנט, ווער עס איז ווידער אַריינגעפאַלן. איינער אַ בעקער, אַ ליטוואַק, מ'האָט אים גערופן קאָזנאַנסקי, האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט געוואַנדערט אַהער צופוס אַזש פון ביאַליסטאָק.

— כ'וועל נאָך איבערלעבן היטלערן! — האָט ער אַלעמען פאַרזיכערט — איר וועט זען...

די בעקעריי האָט אַצינד געפירט יאַנקלס פרוי. קיין איבעריקע מענטשן צו דער אַרבעט זענען נישט געווען, אַחוץ איין מרדכי קאָזשיץ. זיי האָבן געבאַקן ברויט פאַר דער קיך אויף רי עלזעוויר. איינמאָל איז געקומען אַ ליוורער, אַוועקגעפירט דאָס ברויט. אויפן וועג האָט מען אים פאַרהאַלטן. מ'האָט אים געפרעגט, ווּ ער האָט גענומען דאָס ברויט, ווּהין ער פירט עס און צי ער האָט געגעבן דערפאַר טיקעטן? מסתמא האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט קיין טיקעטן נישט געגעבן. איז געקומען אַן אַגענט אין דער בעקעריי און געזוכט דעם פאַטראָן. דערווייל האָט ער גע־נישטערט אומעטום. אָבער עס איז אויסגעגאַנגען צו אַביסל געלט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז גאָר געווען אַ פאַלשער אַגענט.

פיל חברים זענען אַריינגעפאַלן, אָבער זיי האָבן פריער פאַר־שאַפן דעם שונא גרויסע פאַרלוסטן. אַגענטן זענען ווידער געקומען

זוכן. זיי האָבן געזוכט אין געוועלב, אין בעקעריי. די אַגענטן האָבן גאָרנישט געזאָגט וואָס זיי זוכן. זיי זענען געשטאַנען אין געוועלב צו זען צי די פרוי פאַרקויפט ברויט אָן טיקעטן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווען יאַנקל האָט אַוועקגעשיקט די טיקעטן פאַרן מעל, האָבן זיך דאָרט געפונען פיל פאַלשע.

יאַנקל האָט געמוזט נעכטיקן ביי אַ חבר. אָבער די קאָנסיערקע פון דעם הויז איז אַרויפגעקומען און געזאָגט, אַז זי וועט רופן פאָליציי, אויב ער וועט נישט אַוועקגיין. ס'איז געווען 11 ביינאַכט. וואָס טוט מען? ער האָט געמוזט אַוועק, זיך געשאַרט ביי די ווענט. אויפן פלאַץ דע וואזש זענען געשטאַנען מיסט־קוישן. האָט ער אויסגעליידיקט אַ קויש און זיך דאָרט אַריינגעלייגט. אינדער־פרי האָט ער זיך דערשלעפט ביז רי באַפּרואַ, אַריין אין די קעלערס און זיך אויסגערוט די ביינער. ער האָט איצט ווידער געזוכט אַ פּלאַן ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון פּאַריז. אַלע וועגן זענען געווען פאַרשלאָסן. ער האָט זיך דערוווסט פון אַ שכן, אַ קאַפּע־אייגנטי־מער, אַז עס איז דאָ אַ פּראַנצויז פון מאַקאָן, מיט אַ קאַמיאָן. דאָס איז געווען די ערשטע שטאָט אויף יענער זייט פון דעמאַר־קאַציע־ליניע. דער קאַפּע־אייגנטימער האָט אים געגעבן דעם אַדרעס, דעם טעלעפאָן־נומער. האָט אים יאַנקל געבעטן, אַז אויב ס'איז מעגלעך, זאָל יענער קומען אין דער קאַפּע וועגן אַ דרינ־גנדיקן ענין. ער איז געקומען, און מ'האָט זיך פאַרשטענדיקט, אַז ער זאָל מיטנעמען 3 מאַן. ער האָט פאַרלאַנגט 20 טויזנט פראַנק פון אַ קאָפּ. גוט. מ'האָט אים געגעבן 10 טויזנט פראַנק האַנט־געלט, און ס'איז געוואָרן אָפּגעמאַכט אַז דעם 15־טן יוני קומט ער מיטן קאַמיאָן 5 פאַרטאָג.

דעם 13־טן יוני שטעלט זיך אַריין אַ דעלעגאַציע פון 3 מאַן: יאַנקל האַנדלסמאַן, יאַנקל סטודניאַ און סימאָן דאַווידאָוויטש, פון דער לעדער־בראַנזשע. די פרוי האָט זיי גוט געקענט, ווייל זיי פלעגן אָפט קומען נאָך טיקעטן, אָדער געלט פאַרן הילפס־

קאַמיטעט. האָט זי זיי אַראָפּגעשיקט אין דער בעקעריי. קודם האָבן זיי געדאַרפט האָבן אַביסל טיקעטן. דערנאָך האָבן זיי גענומען רעדן, אַז זיי האָבן געהערט, אַז יאַנקל קלערט אַוועק־צופאָרן אין דער פרייער זאָנע, זענען זיי אים געקומען זאָגן, אַז ער האָט נישט קיין רעכט צו לאָזן דאָ אַלץ אויף הפקר. זיי מוזן אים האָבן אין פּאַריז.

— כ'האָב זיך נישט ווו אַהינצוטון — האָט זיי יאַנקל גע־ענטפערט — און כ'האָב שוין געגעבן האַנטגעלט.

ס'האָבן אָבער גאָרנישט געהאָלפן קיין שום רייד און קיין בעטן. יאַנקל האָט זיי געמוזט צוזאָגן, אַז ער בלייבט אין פּאַריז. ער האָט געלאָזט פאַרפאַלן גיין דאָס האַנטגעלט.

סוף יוני איז שוין די לאַגע געוואָרן זייער ביטער. אַלע מאָל זענען אַנדערע אַגענטן געקומען זוכן יאַנקלען, אַז די קישקעס פלעגן זיך איבערדרייען. די פרוי האָט שוין מער נישט געוואָלט באַקן. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי ווייסן, אַז יאַנקל באַהאַלט זיך דאָ אויס, זיי וועלן אים געפינען. עס האָט שוין נישט געהאָלפן עפּעס אונטערצושטופן זיי. זיי האָבן געהאַט אַ באַפעל אים צו געפינען. דעם 6־טן יולי איז יאַנקלען געלונגען צו אַנטלויפן קיין ליאָן.

זיין פרוי האָט געבאַקן ביז דער לעצטער מינוט. דעם 15־טן יולי איז אַריינגעקומען אין דער בעקעריי אַ פּאָליציאַנט און געזאָגט זיין פרוי זי זאָל נעמען די קינדער און זיך ערגעץ באַ־האַלטן, ווייל אין דער פרי וועט מען קומען אַרויסנעמען אַלע יידן. אין בוטיק איז געווען טונקל. דער פּאָליס האָט געוואַרט. די פרוי איז אַריינגעגאַנגען זאָגן די שכנים וואָס עס גרייט זיך. אַליין איז זי מיט די קינדער געלאָפן באַהאַלטן זיך קעגנאיבער, ביי אַ פראַנצויז.

4 אַ זייגער פאַרטאָג איז שוין געווען באַלאַגערט דאָס טויער. אַגענטן און פּאָליס האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די שטובן פרויען, קינדער, קראַנקע, אַפילו פּאַראַליזירטע. די געשרייען האָט מען

געהערט אין דער צענטער גאַס. די, וואָס האָבן עס איבערגעלעבט, וועלן עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

די פרוי האָט איבערגעלאָזט די בעקעריי אויף הפקר און איז מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער בשלום אָנגעקומען קיין ליאָן. די אַנגעלאָפענע קיין ליאָן האָבן דערציילט, אַז דער בלוטיקער דאָנערשטיק פון 16־טן יולי איז דער סוף פון יידן אין פּאַריז. אין ליאָן איז פונדעסטוועגן די לאַגע געווען אַביסל לייכטער. אין אָנהייב זענען כמעט נישט פאָרגעקומען קיין אַבלאַוועס. יעדן טאָג פלעגן זיך באַווייזן פרישע. די בערזע איז אין ליאָן געווען פּלאַס טעראָ. דאָרט זענען געווען פיר קאַפעס, און אַז מען האָט געוואָלט זיך דערוויסן עפּעס נייעס, איז מען אַרויס צו דער בערזע.

יאַנקל האָט אָפּגעזוכט אַ קליינעם האָטעל, ווו ער האָט געקענט וווינען, נישט געמאָלדן. אָבער אַז די פרוי מיט די קינדער זענען געקומען, האָט מען געמוזט זוכן אַ וווינונג. ער האָט טאַקע געפונען אַ דירה פון 2 קליינע צימערלעך אויף רי טעטבו. די דירה איז גלייך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער פאַר די פּריש־געקומענע. אויף דער פאַדלאָגע האָבן געקענט שלאָפן ביי אַ 20 מאַן. וואָס ווייטער איז געוואָרן אַלץ ענגער.

אין גאַס האָט מען שוין גענומען פרעגן אויף פּאַפּירן. די ווישי־פּאָליציי, דאַרנאַנס אַגענטן, זענען באַפאַלן די קאַפעס אויף פּלאַץ טעראָ, אַרעסטירט די פּריש אָנגעלאָפענע. דורך פּראָטעקציע האָט מען נאָך געקענט באַפרייען. עס איז אויסגעגאַנגען צו אַביסל געלט. אָבער ווו צו פאַרדינען אַ פּאָר פראַנק איז נישט געווען. איינצלנע האָבן געמאַכט געשעפטן אויפן שוואַרצן מאַרק. עס האָט זיך געעפנט אַ ביליקע קיך, אָבער מען האָט מורא געהאַט צו גיין אַהין עסן, צוליב די אַבלאַוועס. פיל האָבן געהאַט פאַלשע פּאַפּירן. אַנדערע זענען אַוועק אין די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער. מען האָט אויך שוין געדאַרפט אויספילן גרינע בויגנס, ווער מען איז, פון וואַנען מען שטאַמט, צי זיי זענען ריינע אַריער.

היטלערס אַגענטן זענען געווען אומעטום, געזעסן אין אַלע אַמטן.
אַנדערע האָבן געזוכט זיך אַריינצוכאַפּן אין דער שווייץ, קיין שפּאַניע, אַ סך זענען אַוועק אין ווידערשטאַנד, זיך געלאָזט אין די בערג, איינצואָרדענען די פרויען מיט קינדער. די, וואָס זענען געבליבן אין ליאָן, האָבן זיך געהיטן, ווייניק באַוויזן זיך אין גאַס.
יאַנקל האָט זיך אויפגעהאַלטן אויף רי טעט דע אָר 87. די קאָנסיערקע פון דעם הויז איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּאָליציי, און זי פלעגט איבערגעבן די יידישע שכנים, ווען מ׳זאָל זיך היטן. יאַנקל האָט איר אַלעמאָל עפּעס דערלאַנגט אין יד אַריין. דאָרט האָבן אָפּט געגעכטיקט עטלעכע פאָרפעלקער. מען האָט דער קאָנסיערקע געשיקט איינקויפן. זי פלעגט רייסן די פרייזן. מען האָט געוווּסט, אַז זי נעמט דאָס טאָפּלטע געלט, אָבער קיין אַנדערע ברירה איז נישט געווען. דאָס געלט האָט זיך גענומען אויסלאָזן. עס זענען נישט געווען קיין טיקעטן אויף שפּייז. ביי יאַנקלען האָט זיך געפונען די געלע חאָמע מיט אַ קינד. איר מאַן האָט מען דערשאָסן. ווי האָט מען געקאָנט אַזאַ פרוי לאָזן אויף הפקר? אַריעט מיטן מאַן און אַ קינד; אַן עלנט מיידל פון די שכנים אויף רי באַפּרואַ אין פּאַריז, אירע עלטערן זענען דעפּאָר־טירט געוואָרן. און יאַנקל אַליין — מיט אַ פרוי און 4 קינדער. האָט מען צוביסלעך גענומען אַראָפּפאַרקויפן פון זיך וואָס עס האָט זיך געלאָזט, פאַר קליינגעלט.
איינמאָל איז ער געגאַנגען אין גאַס זוכן עפּעס וואָס צו פאַרדינען, שטעלט זיך אַוועק אַריינקוקן אין אַ בעקעריי. דאָס האַרץ נעמט אים קלאַפּן. צי זאָל ער אַריינגיין פרעגן, צי זיי דאַרפן אַ מענטש צו דער אַרבעט? און ווי ער שטייט אַזוי, זעט ער ווי איינער קומט צו, שטעלט אַוועק אַ לייטער מיט אַ קיבעל און גייט ריין מאַכן די וויסטאַווע. פאַלט אים איין אַ געדאַנק, אַז פוצן פענצטער איז אַ גוט פאַך. ערשטנס, דאַרף מען נישט ווייזן קיין פּאַפּירן, מען איז ביי קיינעם נישט געבונדן. איז ער אַוועק,

געשאַפן זיך אַ קליינעם לייטער מיט אַזאַ קיבעליקל, מיט עטלע־כע שמאַטעס און געלאָזט זיך אין גאַס אַריין. ער גייט אַריין אין עטלעכע געשעפטן פרעגן, צי מען דאַרף נישט ריין מאַכן די ווישטאַווע. און עס געלינגט אים צו פאַרדינען אַ פּאָר פראַנק. אין שטוב האָט קיינער נישט געוווסט וואָס ער טוט. אַלעמאָל איז ער געגאַנגען אין בלויזן קאָפּ, און מיט איינמאָל האָט ער גענומען טראָגן אַ בערעט, אויסצוזען ווי אַן אמתער פראַנצויז. וויפל ער האָט געדאַרפט נעמען פאַר דער אַרבעט האָט ער נישט געוווסט. מן הסתם האָט ער גענומען ווייניקער ווי אַן אַנדערער. אַרבעט איז געווען אַ סך, און מ׳האָט געהאַט איבערצוקומען די שלעכטע צייט. אַ חוץ געלט, פלעגט ער נאָך ברענגען אַביסל קאַר־טאָפל, מייערן, אַ הייפּטל קרויט. די הויפּט־זאַך, עס זאָל זיין עפּעס צו פאַרקאָכן.

איינמאָל איז צו דער קאָנסיערקע געקומען אַן אַגענט און זיך געפרעגט אויף איינעם י אַ נ ק ל פ ע ר ל מ אַ ן. האָט זי געזאָגט, אַז ביי איר וווינט נישט אַזאַ איינער. קיינער האָט נישט געקענט קאָנטראָלירן. זי האָט אָבער געוווסט, אַז ביי אים גע־פינען זיך עטלעכע פאַמיליעס, ווייבער מיט קינדער. מ׳האָט זיך געהיטן פאַר איר, אָבער זי האָט גוט געוווסט וואָס ביי יעדן אין שטוב טוט זיך. וואָס זשע טוט מען ווייטער? איינמאָל, ווען יאַנקל איז פאַרטאָג אַוועק צו דער אַרבעט, האָט די פרוי זיינע געזען ווי אַ געוויסער מונטלאַק, איינער פון בעלוויל אויף רי ראַמפּאָנאַ, איז געשטאַנען און געוויזן אַן אַגענט, אַז ער זאָל אַריינגיין אין דעם הויף. זי איז גיך אַרויף אין שטוב און באַפוילן, אַז אַלע זאָלן אַרויף אויפן בוידעם. דער אַגענט איז טאַקע אַרויפגעקומען זיך פרעגן אויף יאַנקלען.

ווען ער איז אַהיימגעקומען אין אָוונט, האָט זי אים דערציילט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. די נאַכט איז ער שוין געשלאָפן אויפן בוידעם. ער האָט באַשלאָסן זיך צו לאָזן אין דער שווייץ. אָבער

ווי לאָזט מען זיך אין וועג אַריין אין אַזאַ צייט? אין פּאַריז, אַז ער האָט געדאַרפט אַביסל געלט, האָט נישט געשפּילט קיין ראָלע זיך צו שאַפן. אָבער אין ליאָן, ביי וועמען קען ער גיין באָרגן געלט? די מערסטע באַקאַנטע דאַרפן אַליין האָבן אַ הילף. קיין גרויס פאַרמעגן האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט. ער האָט גאָרנישט ליב געהאַט צופיל צו פאַרמאָגן. און וואָס טוט מען מיט דער פרוי און די צוויי מיידלעך, וואָס ער האָט געהאַלטן ביי זיך? איין מיידל, סוזאַן, האָט ער געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד. די עלטערן זענען געווען זיינע גוטע פריינט. ער האָט געזען, אַז דעם קינד זאָל גאָרנישט פעלן. דאָס צווייטע מיידל האָט אויך קיינעמען נישט געהאַט, אַן עלנט קינד. ווי קען מען אַזאַ קינד לאָזן אויף הפקר?

ער איז אַוועק אין דער קאַפע „טאַווערן" און דאָרט געטראָפן אַ גוטן חבר, טשאַרני, אַן אָנפירער אין דער ווידערשטאַנד. יענער האָט געטראָגן טונקעלעברילן, געגאַנגען עלעגאַנט אָנגעטון. יאַנקל האָט אים דערציילט וועגן זיין לאַגע און זיך געפרעגט, אפשר קען ער אים געבן אַן עצה.

— וועסט פאָרן אַליין — האָט אים טשאַרני געזאָגט — וועט מען דיך צוריקשיקן, אויב דו קומסט נישט מיט קיין קינדער, אונטער 16 יאָר. גיין זיך באַהאַלטן אין די בערג, מיט קליינע קינדער, איז אַ גרויסע געפאַר. אויב עס איז נישטאָ קיין ברירה, וועט מען שוין זען עפּעס צו טון. אָבער עס מוז געדויערן אַ פּאָר טעג.

יאַנקל האָט אים געגעבן זיין אַדרעס, געבאָרגט ביי אים 200 פראַנק און איז אַוועק אין דער יידישער קיך, געוואויר צו ווערן עפּעס נייעס. דאָרט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דער וועג צו דער שווייץ איז נישט קיין לייכטער. די פרוי האָט אים געָעצהט ער זאָל מיטנעמען צוויי קינדער. דערנאָך וועט זי אונטערקומען, ווייל מען קען נישט ריזיקירן אַלע מיטאַמאָל.

קאַפּיטל דרייצן

אויפֿן וועג צו דער שווייץ

האָט ער טאַקע אַזוי געטון. יאַנקל האָט מיטגענומען סוזאַנען און איין זון און זיך געלאָזט אין ווייטן וועג אַריין. ער האָט זיך פֿריער געהאַט נאָכגעפֿרעגט, ווי אַזוי צו גיין, וווּ מען קען פֿאָרן, אויב מען מוז, כּדי נישט אַריינצופֿאַלן. ער האָט כּסדר אַריינגערעדט אין די קינדער, זיי זאָלן וויסן צו זאָגן, אַז זיי זענען אַ שוועסטער און אַ ברודער. סוזאַנען האָט ער געזאָגט, אַז זי זאָל אים רופֿן „פּאַפּאַ", און אַז זי הייסט פּערלמאַן.

אַזוי זענען זיי געגאַנגען פֿון איין דאָרף אין צווייטן, פֿון איין שטעטל אין צווייטן. אַליין איז ער געווען צוגעוווינט צו הונגערן, אָבער די צוויי קינדער האָט ער געמוזט באַזאָרגן וואָס צו עסן. פֿאַר געלט איז נישט געווען מעגלעך עפּעס צו קריגן, בפֿרט אָן טיקעטן. געגאַנגען איז ער מיט ביידע קינדער ביי די הענט, דורך זייטיקע וועגן, יעדעס מאָל זיך גוט צוגעהערט, אויב עס גייט נישט ווער, אויב עס פֿאָרט נישט ווער.

וואָס ווייטער מען האָט זיך געשלעפּט, אַלץ מידער איז מען געוואָרן. ביז מען האָט דערזען אַ כאַטע. האָבן זיי ריזיקירט און געוואָלט אַריינגיין. אָבער די כאַטע איז געווען פֿאַרמאַכט, אַרום — פֿינצטער. די קינדער האָבן געציטערט פֿאַר קעלט. ער האָט זיי אָוועקגעזעצט, צוגעדעקט מיט זיין מאַרינאַרקע, און גענומען זוכן אַריינצוקריגן זיך אינעווייניק. ביז עס איז אים געלונגען אויפֿצורייסן אַ לאָדן. פֿון אינעווייניק האָט ער געעפֿנט די טיר און אַריינגענומען די קינדער, זיי זאָלן זיך אַביסל דערוואַרעמען. אין

דער כאַטע איז געשטאַנען אַ בעט, אַ טיש מיט בענקלעך. אין בעט זענען געלעגן דריי קאָלדרעס, אַ שעניק מיט שטרוי. האָט ער שוין גענומען זוכן, צי ס'איז נישטאָ עפּעס צו עסן. אין אַ ווינקל אונטערן סופיט זענען געהאָנגען בינטלעך ציבעלעס, קנאָבל. אין אַ זייט איז געלעגן אַ זעקל מיט מייערן. קודם איז שוין געווען דאָס האַרץ צו דערכאַפּן. אָנגעגעסן זיך, איז שוין נישט געווען אַזוי קאַלט.

צומאָרגנס האָט מען זיך ווייטער געלאָזן אין וועג אַריין, ביז מען איז צוגעקומען צו אַ וואַסער. יאַנקל האָט זיך פאַרשאַרצט די הויזן, אַריינגעגאַנגען פאַמעלעך, געוואָלט זען צי ס'איז טיף; ווייל ס'האָט אויסגעזען, אַז דאָס וואַסער איז לייכט אַריבערצו־גיין. פלוצים הערט ער ווי עמיצער הוסט. די קינדער ציטערן אויף פון שרעק, טוליען זיך איינער צום אַנדערן.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז צוויי ווייבער מיט קינדער ליגן דאָ ערגעץ באַהאַלטן אין די קוסטן. זיי זוכן אויך זיך צו ראַטעווען. זיי האָבן געוווּסט, אַז נישט ווייט שוין איז די גרענעץ צו דער שווייץ. אָבער וווּ? אין וועלכער ריכטונג? ער האָט זיי טאַקע דערקענט אויך. איינע האָט געהאַט אַן עפּיסערי (שפּייז־געוועלב) אויף רי וויעי די טאַמפּל, אין פּאַריז. מען האָט שוין צוזאַמען געזוכט אַריבערצוגיין דאָס וואַסער. אָבער וואָס ווייטער פון ברעג, איז געוואָרן אַלץ טיפער, ביז איבערן האַלדז.

איז מען ווייטער געקראָכן לענגאויס דעם וואַסער, ביז מען האָט דערזען אַ דאָרף. דערווייל האָט שוין גענומען ווערן אַביסל ליכטיקער אין דרויסן. די ווייבער האָבן געגעבן זייערע קינדער עפּעס צו עסן. יאַנקלס קינדער האָבן אויך געקריגן אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער. די קינדער האָבן זיך מחיה געווען. ס'איז געוואָרן היימלעכער. יאַנקל אַליין איז געווען הונגעריק ווי אַ וואָלף, נאָר ער האָט זיך צום ברויט נישט צוגעריירט. איין פרוי, האָט מען גלייך געזען, אַז זי איז זייער אַ קאַרגע.

אַצינד האָבן זיי זיך געכאַפּט אַז דאָס וואַסערל איז גאָרנישט אַזוי קליין. ס'איז אַ טיפער ברייטער טייך. מ'האָט געמוזט קלערן וואָס צו טון, צי זאָל מען אַריינגיין אין אַ שטוב וועמענען פרעגן, ווי מען געפינט זיך? ווייל ווו עס איז גענוי די גרענעץ האָט מען ריכטיק נישט געוווסט. אפשר וועט מען דאָ טרעפן שלעכטע מענ־טשן, און ביי דער מינדסטער קלייניקייט, קען מען נאָך אַריינפאַלן אין די הענט פון דער גרענעץ־וואַך.

ווי מען שטייט אַזוי, דערזעט מען ווי פון ווייטן גייט אַ גלח. ער גייט זיך אַזוי לאַנגזאַם, ווי פאַרטון אין מחשבות. האָט מען באַשלאָסן, אַז איין פרוי מיט אַ קינד ביים הענטל זאָל ריזיקירן און צוגיין פרעגן. צוגעגאַנגען איז די עפּיסערין. זי האָט זיך אַנט־שולדיקט און אים געפרעגט. דער גלח האָט איר גע'עצהט זיי זאָלן זיך דאָ נישט אַרומדרייען, ווייל עטלעכע מאָל אין טאָג פאָרן דאָ אַדורך זשאַנדאַרמען. אַז זיי זעען אַ פרעמדן, אַרעסטירן זיי אים.

— גייט בעסער אַריין מיטן קינד אין קלויסטערל און וואַרט דאָרט אונטער.

כאָטש ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען יידן.

— גייט נישט אַלע מיטאַמאָל. איך וועל שוין דאָרטן וואַרטן.

ווען אַלע זענען ביסלעכווייז אַריין, האָט ער זיי באַפוילן אַריינצוגיין אין אַ זייטיק חדר. דאָרט איז געווען אויסגעלייגט היי אויף דער ערד. עס איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, בענק.

— דאָ — האָט ער געזאָגט — קענט איר זיך אויסרוען.

און ער האָט די טיר פאַרשלאָסן הינטער זיך. די הערצער ביי אַלעמען האָבן געזומען קלאַפּן: ווער ווייסט, אפשר האָט ער זיי אַריינגענאַרט און אַליין איז ער אַוועק איבערגעבן דער זשאַנ־דאַרמעריע? ס'האָט אַזוי געדויערט אַ גוטע שעה. ביז דער גלח איז צוריקגעקומען מיט אַ הייליקער שוועסטער. זי האָט געטראָגן צוויי גרויסע ברויט, אַ קריג מיט שוואַרצע קאַפע, אַ קריג מיט

מילך. זי האָט אַריינגעברענגט טעפּעלעך, לעפעלעך, צוקער, אַ שטיק פּוטער, און זיי אָנגעזאָגט:

— עסט געזונטערהייט, נאָר רעדט נישט הויך.

דורכן פענצטער, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ לאָדן, האָט זי געוויזן ווו עס איז די גרענעץ אַריבערצוגיין אין דער שווייץ. אַן ערך אַ 700 מעטער, אָבער עס איז דאָרט געווען אַ דראָט־פאַרצוימונג.

אַזייגער 10 אין דער פרי האָט מען געהערט פון הינטער דער טיר, ווי עס קומען זיך צונויף די דאָרפס־לייט צו דער תפילה. קיין שאָרך האָט מען נישט געהערט פון צימער. נאָכן דאַווענען איז אַריינגעקומען די הייליקע שוועסטער און געזאָגט מען זאָל זיך האַלטן רואיק, זי וועט ברענגען עסן. זי האָט געברענגט אַ גרויסן קעסל מיט זופּ. אין אָוונט האָט זי ווידער געברענגט צו עסן. נאָכן עסן איז אַריינגעקומען דער גלח, יעדן געגעבן צו 5 פראַנק און געזאָגט:

— אַרום 11 ביינאַכט וועט איר רירן אין וועג אַריין.

פּונקט 11 ביינאַכט איז ער אַריינגעקומען און געוויזן זיי ווו מען דאַרף גיין. פאַר יעדן איז געווען צוגעגרייט אַ פּעקעלע — ווורשט מיט ברויט. יעדער האָט אים געגעבן אַ קוש אין האַנט אַריין און ער האָט זיי געווונטשן זיי זאָלן האָבן אַ גוטן וועג.

דערשלעפּט זיך צו די שטעכל־דראָטן, האָט יאַנקל באַפוילן די ווייבער זאָלן אויסטון זייערע מאַנטלען, ער אַליין האָט אַראָפּ־געוואָרפן דאָס רעקל און אַרויפגעוואָרפן אויף די דראָטן, מ׳זאָל זיך נישט צעשטעכן. צוערשט זענען אַריבער די פיר קינדער, נאָכדעם די ווייבער. מ׳האָט זיך אַביסל צעשטאָכן, אָבער ווער האָט דאָרט געקוקט, ווען מ׳דאַרף זיך ראַטעווען.

אויף יענער זייט האָט מען זיך ווייטער פאָרזיכטיק געשאַרט. אָפּגעגאַנגען אַ מינוט צען, האָבן זיי דערהערט עפּעס אַ לויפן און אַ פייפן. האָבן זיי זיך אַוועקגעוואָרפן אויף די קוסטן. געזען האָט

מען גאָרנישט, נאָר מ'האָט געהערט, אַז עטלעכע מאַן מיט אַ הונט, וואָס האָט שטאַרק געבילט, זענען דאָ ערגעץ אַרום. זיי האָבן באַלויכטן מיט עלעקטרישע לעמפּלעך דאָס אָרט, ווו זיי זענען אַדורך. ביז ס'איז צוריק שטיל געוואָרן.

האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און ווייטער גענומען קלעטערן. די ערד איז געווען זייער ווייך, בלאָטיק. פינצטער איז געווען, האָט מען באַשלאָסן, אַז ווייטער גייט מען נישט. מען מוז וואַרטן ביז ס'וועט ווערן אַביסל ליכטיק. אַבי מען איז געווען זיכער, אַז מען געפינט זיך שוין אין דער שווייץ, אָדער אין קיינעמס לאַנד. פראַנקרייך איז שוין געווען הינטער זיי.

— דאָס שווערסטע איז מען שוין איבערגעקומען — האָט זיי יאַנקל געמוטיקט.

ווען ס'האָט גענומען ליכטיקן, האָט מען זיך גענומען אַרומקוקן ווו מען געפינט זיך ערגעץ. וואָס ווייטער פון די שטעכלדראָטן — האָבן זיי פאַרשטאַנען.

קאַפּיטל פערצן

אויף דער שוועל פון האָפענונג

אָבער פּלוצים איז אויסגעוואַקסן איינער מיט אַ ביקס און טוט אַ געשריי:

— שטיינבלייבן! אַז נישט ווערט איר דערשאָסן. די הענט אין דער הויך!

יענער האָט געשריגן אויף דייטש, און דאָס לשון איז ביי זיי אַלעמען פאַרשטומט געוואָרן. מ׳האָט פאַר זיך דערזען דעם טויט פאַר די אויגן. דאָס ערשטע וואָרט, וואָס יאַנקל האָט זיך געפרעגט איז געווען:

— ווו געפינען מיר זיך?

— זי ווייסן דען נישט?

קודם האָט דער סאָלדאַט גענומען זוכן, צי זיי האָבן ביי זיך נישט קיין געווער. ווען ער האָט שוין אַלעמען געהאַט רעווי־דירט, דורכגעקוקט די וואַליזקעלעך, האָט ער דערלויבט אַראָפּצו־לאָזן די הענט. ער האָט געזאָגט:

— איר געפינט זיך אין דער שווייץ.

אַז מען האָט עס דערהערט, האָט מען פאַר פרייד גענומען קושן די קינדער:

— מיר זענען געראַטעוועט! איצט זאָל שוין זיין וואָס עס וויל.

דער סאָלדאַט האָט באַפוילן, אַז מען זאָל גיין פאָרויס. יאַנקל האָט גענומען ביידע קינדער פאַר די הענט, די פרויען — זייערע קינדער, ביז מען איז געקומען צו אַ הייזל. אינעווייניק איז גע־

שטאַנען אַ לאַנגער טיש. 3 סאָלדאַטן האָבן געשפּילט אין קאָרטן. איינער, אַן עלטסטער, איז געזעסן, און דער סאָלדאַט האָט זיך געשטעלט גלייך און איבערגעגעבן דעם ראַפּאָרט. אַלץ איז געוואָרן אַריינגעצויגן אין אַ בוך. דער עלטסטער האָט גענומען אויספרעגן יאַנקלען.

— ווי הייסטו? ווי הייסן די קינדער?

ער האָט באַפוילן אַלץ, וואָס ער האָט ביי זיך, אַרויסצולייגן פון די קעשענעס, אַפילו פון די קינדער. דעמאָלט האָבן זיך אויפגעהויבן די דריי קאָרטן־שפּילערס און גענומען זיי אַרומטאַפּן. מען האָט געמוזט אויסטאָן די שיך. זיי האָבן געזוכט, צי איז עפּעס נישט באַהאַלטן. מען האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ צווייט צימער, פאַרשלאָסן הינטער זיי די טיר. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן זיי אַריינגעברענגט קאַפע מיט ברויט. דערנאָך האָט מען זיי ווידער גערופן און גענומען אויספרעגן: פון וואַנען מען איז געקומען? ווי לאַנג מען האָט געוווינט אין פראַנקרייך און פאַרוואָס מען איז געקומען אין דער שווייץ?

שפּעטער איז געקומען אַ מיליטערישער קאַמיאָן און מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין אַ לאַגער. דאָרט זענען זיי אַדורך אַ דיזענפעקציע, אַ באָד.

געשלאָפן איז מען אויף נאַרעס. קיין בריוו האָט מען נישט געהאַט קיין רעכט צו שרייבן. דער לאַגער האָט זיך געצויגן עטלעכע קילאָמעטער. געוווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַן עצה געגעבן, אַרויסגעשמוגלט בריוו, כדי איבערצוגעבן זייערע קרובים, ווו זיי געפינען זיך. די, וואָס מען האָט געכאַפּט, זענען באַשטראָפט געוואָרן מיט קאַרצער. אויב מ׳האָט איינעם געכאַפּט 3 מאָל, האָט געדראָט מ׳זאָל אים אַרויסשיקן פון לאַנד. די אינטערנירטע האָט מען געהאַלטן שטרענג. זיי האָבן זיך געדאַרפט אַליין באַדינען, ריין האַלטן. יעדן טאָג פלעגט מען נעמען אַנדערע צו דער אַרבעט — שיילן קאַרטאָפל, וואַשן געשיר, וואַשן וועש.

נאָך דריי וואָכן, האָט מען זיי איבערגעשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער. עס זענען כסדר אָנגעקומען לאַסט־אויטאָס מיט פריש־געקומענע. עס איז זיי געלונגען אַריבערצוגיין די גרענעץ; אָבער פיל פון זיי האָט מען צוריקגעשיקט, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט מיט זיך קיין קינד הינטער 16 יאָר. אַזאַ געזעץ האָבן זיי געהאַט, די שווייצער. די קינדער האָט מען צעשיקט צו פריוואַטע פאַמי־ליעס. די עלטערן האָבן באַקומען דעם אַדרעס, ווו זייער קינד געפינט זיך. יעדע 6 וואָכן האָבן די פון אַרבעטס־לאַגער געקריגן אַ רייזע־שיין צו פאָרן באַזוכן זייערע קינדער, אַ פּאָר פראַנק אויף הוצאות, געגוי, צוגעציילט, אַז מ׳האָט גאָרנישט געקאָנט קויפן פאַרן קינד. מ׳איז אָבער מיט דעם אויך געווען צופרידן.

יאַנקלען האָט מען געמאָלדן, אַז ער איז באַשטימט צו גיין אין אַרבעטס־לאַגער אין העציגין, נישט ווייט פון ציריך, און זיינע צוויי קינדער ווערן אַוועקגעגעבן צו פריוואַטע פאַמיליעס. ער האָט זיך אַזוי צעוויינט, ביים צעשיידן זיך מיט די קינדער, אַז ר׳האָט זיך נישט געקענט באַהערשן. ער איז צו־זיך געקומען, און געבעטן, אַז די קינדער זאָלן כאָטש זיין צוזאַמען, ביי איין פאַמיליע. מ׳האָט עס אים צוגעזאָגט.

אין אַרבעטס־לאַגער זענען געווען צוגעגרייט באַראַקן, אַ נאַרע מיט אַ שעניק. יעדער האָט געקריגן בלויע אַרבעטס־קליי־דער, שווערע באַטשוועקעטע שיך, אַ האַנטעך. דאָרט זענען געווען פליטים פון בעלגיע, האָלאַנד, דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע. מ׳האָט געאַרבעט אין אַ וואַלד, אויסצושניידן ביימער. יאַנקל איז צוגעטיילט געוואָרן צו אַן עקיפּ. עס איז דאָרט געווען אַ וואַש־שטובע, אַן עס־שטובע, אַ קראַנקן־שטובע, אַ דאָקטאָר מיט פיר באַדינערינס. אַז מ׳איז קראַנק געוואָרן, האָט מען זיך געדאַרפט פאַרשרייבן צום דאָקטאָר מיט אַ נאַכט פריער. די שווער־קראַנקע האָט מען אַריינגענומען אין דער קראַנקן־שטובע. אַלע זענען געווען פליטים, נאָר דער לייטער איז געווען אַ שווייצער.

באַהאַנדלט האָט מען זיי לויט דער לאַגע אויף די פראָנטן. האָט דער דייטש אָפּגעהאַלטן זיגן, האָט מען אויף זיי געשריגן, געיאָגט צו דער אַרבעט; און ווען די דייטשן האָבן געהאַט מפּלות, האָבן זיי געריידט אַביסל ווייכער. די לאַגער־לייטערס זענען געווען זייער שטרענג. מ׳האָט באַדאַרפט זיין געהאָרכזאַם, אויספירן די באַפעלן. די אַרבעט אין וואַלד איז געווען זייער שווער. פּריווי־לעגירט זענען געווען די דייטשן פליכטלינגע. זיי האָבן געריידט דייטש, געהאַלטן זיך אָפּגעטיילט פון די „אָסט־יודען", האָבן געמסרט, אונטערטראָגן דעם לאַגער־לייטער אַלץ, וועגן וואָס ס׳איז גערעדט געוואָרן. מ׳האָט זיך געדאַרפט היטן פאַר זיי מיט אַ וואָרט. דערצו האָט מען פאַר דער שווערער אַרבעט אַפילו נישט געקריגן קיין עסן צו דער זעט. דער לוין איז געווען אומגעפער אַ פּעקל סיגאַרעטן אַ טאָג. מ׳האָט אָבער געהאָפט איבערצוקומען די קריג, און מ׳איז צופרידן געווען מיטן גורל.

איינער אַ פּליט פון פּאַריז, בערל אָקס, האָט נישט קיין מורא געהאַט אַפילו פאַר די דייטשע פליכטלינגע. ער האָט נישט געוואָלט אַרבעטן, געקומען אין וואַלד, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און גענומען שעלטן, זידלען, אויסלאַכן די, וואָס זענען געשטאַנען און אונטערגעזעגט די ביימער.

— פאַרוואָס ווילסטו נישט אַרבעטן? — האָט מען אים געפרעגט.

— כ׳בין נישט קיין פאַרברעכער. כ׳האָב קיינעם נישט גע־הרגעט, ס׳זאָל מיר קומען קאַטאָרגע. וואָס עפּעס רייסט עטץ אַרויס די ביימער? זיי האָבן אייך געטשעפּעט?...

און ער האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ בוים איז געגליכן צו אַ מענטש, אַז מען רייסט אים אַרויס, איז פּונקט ווי מען וואָלט אים געהרגעט. אַרום 4 נאָכמיטאָג איז געקומען דער וואַלד־אינזשיניער אָנצייכענען וועלכע ביימער מען דאַרף אונטערשניידן. בערל אָקס האָט אָפּגעווישט דעם קרייד פון די אָנגעצייכנטע

ביימער. דערפאַר איז ער כסדר באַשטראָפט געוואָרן מיט הויז־אַרעסט. דערנאָך האָט מען אים אַוועקגענומען, און קיינער האָט מער נישט געוווּסט ווו ער איז אַהינגעקומען.

דאָ זענען געווען מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער, פאַרשיידענע שטעט, פאַרשיידענע פאַכן — אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, שרייבערס, מאָלערס, קינסטלער, אַרטיסטן, כעמיקער, אַפילו פּאָליטישע פירער. געאַרבעט האָט מען 5 און אַ האַלבן טאָג. שבת נאָכמיטאָג איז מען געווען פריי ביז מאָנטיק פרי. מ׳האָט געהאַט רעכט אַרויסצו־גיין פון לאַגער, אָבער נישט ווייט. ווייטער פאָרן האָט מען שוין געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון אַרבעטס־לאַגער. און דאָס האָבן געקריגן נאָר פּריווילעגירטע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט ביי דער אַרבעט, אָדער האָבן געהאַט פּראָטעקציע ביים לייטער פון לאַגער. אויב מ׳איז געפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, איז מען באשטראָפט געוואָרן. דער לאַגער־לייטער האָט גערופן אַן אַפּעל, געהאַלטן אַ גאַנצע דרשה און באַשטראָפט מיט לאַגער־אַרעסט.

אין דער פרייער צייט האָט מען פאַרבראַכט ביי פאָרלעזונגען, אַ טעאַטער־סטודיע פון אַמאַטאָרן האָט געשפּילט. ביינאַכט האָבן זיך אַרומגעדרייט לאַגער־וועכטער, קיינער זאָל פון לאַגער נישט אַרויס. אַזוי ווי יאַנקל איז געווען אַ בעקער און איז געווינט געווען אויפצוזיין ביינאַכט, איז ער געווען אַ נאַכט־וועכטער און געדאַרפט היטן קיינער זאָל נישט אַרויסגיין פון לאַגער, אָדער נישט קומען שפּעט. אין לאַגער האָבן אָבער נישט געפעלט קיין יונגע חברה, פלעגט טרעפן, אַז זיי זענען אַהיימגעקומען שפּעט ביינאַכט. אַז אַזאַ איינער איז געקומען, האָט אים יאַנקל אַריינ־גענומען אין דער קיך און מ׳האָט צוזאַמען געטרונקען אַ קאַפע. מ׳האָט זיך געווײַנלעך געהיטן, קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן דערפון. איינמאָל, זיצנדיק אין דער קיך, גיט אַ קום אַריין דער לאַגער־לייטער טאַבלער און גיט אַ געשריי:

— וואַס איז דאָס לאָס היער ?...

דערציילט אים יאַנקל, אַז דער מאַן קען נישט שלאָפן, ער האָט בויך־שמערצן און ער מאַכט פאַר אים אַ וואַרעמען טרונק. נעמט יענער שרייען, אַז ס'איז נישט אמת, דער קערל קומט איצט פון ציריך. ער גייט שיין געקליידעט. עס ווערט אַ גאַנצער קראַך. ער וועקט אַלעמען אויף, און זאָגט, אַז מאָרגן וועט זיין נייעס. קיינער קען שוין די נאַכט נישט שלאָפן.

דערווייל האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען אַ מסירה, מ'האָט עס צוגעטראָגן דעם לאַגער־לייטער. דער לאַגער־לייטער האָט שוין געהאַט אַ גאַנצע ליסטע פון אַזעלכע פאַרשפּעטיקטע. אַז ס'איז געקומען צומאָרגנס, האָט ער אַרויסגעלייגט די ליסטע אויפן טיש און געזאָגט, אַז אַזוי ווי יאַנקל איז דער הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכער, באַקומט ער 6 טעג קאַרצער.

די שטראָף איז נישט געווען קיין לייכטע. קיינער האָט אַהין נישט געקענט קומען עפּעס ברענגען. אין קאַרצער האָט מען געקריגן בלויז 350 גראַם ברויט און אַ ליטער וואַסער.

שווער זענען אַדורך די 6 טעג, ביז ער איז באַפרייט געוואָרן פון קאַרצער. ער איז געווען אויסגעהונגערט, פאַרשוואַרצט, אָבער צופרידן, ווייל אַלע פּליטים האָבן דערפילט אין אים אַ חבר. זיי האָבן געמאַכט פאַר אים אַ יום־טוב, אַלע האָבן זיך צונויפגעלייגט, וואָס זיי האָבן נאָר אָפּגעשפּאָרט. ווען דער הער טאָבלער האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט ער געמאָלדן, אַז ער רופט צומאָרגנס אַן אַפּעל גלייך נאָך דער אַרבעט. אַלע אין לאַגער האָבן געפילט, אַז עס גרייט זיך עפּעס נייעס. אַלע האָבן געוואַרט, וואָס דער לאַגער־לייטער וועט זאָגן. ווען אַלע זענען זיך צונויפגעקומען צום אַפּעל, האָט דער לאַגער־לייטער געהאַלטן אַ רעדע, אַז די שווייץ וועט נישט טאָלערירן די פּליכטלינגע זאָלן פירן דאָ פּאָליטיק ; אַז הער פערלמאַן איז נישט באַרופן צו זיין נאַכט־וועכטער :

— די לויטע מוזן דענקען, דאַס אַלע מוסן זיין געהאָרכזאַם.

ווער עס וויל זיך נישט אונטערוואַרפן, קען פאָרן צו האָוזע, ווייל די שווייץ האָט די לויטע נישט איינגעלאַדן צו קומען אַהער פירן פּאָליטיק...

ער האָט געהאַלטן אין איין קריטיקירן די פליכטלינגע. ווען ער האָט געענדיקט זיין רעדע, איז אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל. מען האָט גענומען פייפן. און אַז מען האָט דערלאַנגט דאָס עסן, האָט יעדער איבערגעדרייט די טעלער און עס איז דערקלערט געוואָרן אַ הונגער־שטרייק. אַלע ווי איינער האָבן גענומען שרייען אַז זיי פאַרלאַנגען אַן אַנדערן לאַגער־לייטער.

ווען ער האָט עס דערזען, איז ער אַרויסגעלאָפן ווי אַ ווילדער און גלייך טעלעפאָנירט אין דער צענטראַלע. עס האָט געדויערט אַן ערך אַ שעה, און עס זענען אָראָפּגעקומען 12 מיליטערלייט מיט אַן עלטסטן, באַוואָפנט מיט מאַשין־געווער. זיי האָבן אַרומגעשטעלט דעם לאַגער, און איינער, אַ ציווילער, איז אַריין און העפלעך זיך גענומען אויספאָרשן וואָס עס איז דאָ פאָרגעקומען, און פאַרוואָס מען עסט נישט. אַ געוויסער אורבאַך וועלכער האָט גערעדט אַ גוטן דייטש, האָט אין נאָמען פון אַלע דערקלערט, אַז דער לאַגער־לייטער איז נישט פּאַסיק פאַר די ליידנדיקע יידן:

— מיר, וואָס בלוטיקן אַזויפיל, זענען נישט ביכולת יעדן טאָג אויסצוהערן פון דעם לאַגער־לייטער, אַז מיר קענען צוריקפאָרן אַהיים. מיר האָבן נישט קיין היים מער! מיר זענען געקומען אין דער שווייץ זיך צו ראַטעווען פון די נאַציס און מיר זענען גרייט אָפּצודאַנקען דער שווייץ מיט יעדער אַרבעט, וועלכע איז צוגעפּאַסט. אָבער מיר פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל נישט אַרויסווייזן קיין יידן־האַס. דער הער טאָבלער איז אַן אַנטיסעמיט, דערפאַר פאָדערן מיר אַזאַ, וואָס זאָל אונדז פאַרשטיין. מיר אַרבעטן, אָבער ווען די נערוון זענען צעטרייסלט, דאַרף מען פאַרשטיין, אַז די הענט לייגן זיך נישט צו דער אַרבעט.

דער ציווילער מאַן האָט פאַרזיכערט, אַז אַלץ וועט דערליידיקט

ווערן צום גוטן. ערשט דעמאָלט איז איבערגעריסן דער הונגער־שטרייק. ער האָט אָבער געמאָלדן, אַז די אויספאָרשונג איז נאָך נישט פאַרענדיקט, אַז די שולדיקע וועלן צוגעצויגן ווערן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ער איז צומאָרגנס געקומען אין וואַלד אַריין, אויסגעפרעגט זיך ביי די אויפזעער, געוואָלט וויסן ווי די אַרבעט גייט צו. ער איז אַוועק צום לאַגער־עלטסטן און זיך מיט אים באַראַטן. ס'האָט זיך אַזוי געצויגן אַ גאַנצע וואָך.

דערווייל האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער לאַגער־לייטער באַגנבעט די פּליטים מיטן שפּייז, וואָס ווערט זיי צוגעטיילט. די מענטשן באַקומען ווייניקער צוקער צו דער קאַפע, דאָס עסן איז נישט ווי געהעריק. מען האָט עס באַלד דערפילט. דער לאַגער־לייטער איז שוין מער נישט אַזוי שטרענג, רעדט העפלעכער. פונדעסטוועגן האָט מען די פיר מאַן, וואָס האָבן זיך אַממערסטן אַרויסגעשטעלט, אַוועקגעשיקט אין אַ שטראָף־לאַגער, און 20 מאַן האָט מען איבערגעשיקט אין אַנדערע לאַגערן. מ'האָט זיי געהאַלטן שטרענג אויפן אויג. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער לאַגער־לייטער טאָבלער איז אויסגעצייכנט געוואָרן.

אויך יאַנקל איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין מאַגיאַזאַ, אין דער איטאַליענישער שווייץ, לעבן לאַגונאַ. דאָרט איז דער לאַגער־לייטער געווען אַ פּראָטעסטאַנטישער גלח. ער האָט שוין געהאַט דורכגעקוקט יאַנקלס פּאַפּירן, און געוווּסט, אַז מ'האָט אים אַהינ־געשיקט אַלס שטראָף פאַר זיין נישט קאָרעקט אַלס נאַכט־וועכטער. ער האָט אים אַריינגערופן און געזאָגט:

— דאָ מוז מען זיין געהאָרכזאַם, ווייל מיר האָבן אייך געראַ־טעוועט פון די דייטשן. דאָ איז נישט קיין פּלאַץ פאַר טרייבן פּאָליטיק.

און ער האָט אים געהייסן מיטגיין. זיי זענען אַוועק ביז דער קיך, און יענער האָט אים געוויזן, אַז ער מוז דאָ אויך היטן די

קיך, אַז ביינאַכט דאַרף קיינער נישט פעלן פון לאַגער. ער האָט אים געגעבן אין האַנט אַריין אַ בינט שליסלען, איין שליסל צו דער קיך, איין שליסל פון טויער, פון מאַגאַזין פון די קליידער. דאָס דאַרף ער היטן. און ער האָט צוגעגעבן:

— הער פערלמאַן, איך גלויב, אַז דאָ וועט איר שוין בלייבן.

דאָס האָט ער יאַנקלען געגעבן אָנצוהערן, אַז אויב ער וועט זיך דאָ אויפפירן ווי אין יענעם לאַגער, וועט מען אים פון דאַנען אויך אַוועקשיקן. יאַנקל האָט אים באַלד נישט געענטפערט, דער־נאָך האָט ער זיך אָפּגערופן:

— וואָס דענקט איר, הער זענעגער, אַז די מענטשן, וואָס זענען געלאָפן אין דער שווייץ, וועלן דאָ אָפּטוען נאַרישקייטן? איר דאַרפט אָבער אויך וויסן, אַז די מענטשן זענען נישט קיין פאַר־ברעכער. עס זענען פאַראַן צווישן אונדז פיל קראַנקע, וואָס קענען נישט אַזוי שווער אַרבעטן.

ער האָט אים באַפוילן אַריינצוקומען צו אים אין הויז אין אָוונט, וועט מען קענען גענויער אַרומרעדן. דערווייל האָבן די פליטים באַטראַכט דעם נייעם נאַכט־וועכטער. זיי זענען אויך נישט געוווינט געווען צו זען דעם לאַגער־לייטער אַזוי לאַנג רעדן מיט אַ פליכטלינג. ער איז אַלעמאָל אַרומגעגאַנגען אָנגעכמורעט, ווי אַ תפיסה־וועכטער. האָבן זיי געמיינט, אַז יאַנקל איז פון זיינע מענטשן און מען דאַרף זיך פאַר אים היטן. ווער ווייסט וואָס דער פערלמאַן וועט דאָ איינפירן אין לאַגער.

אין אָוונט איז יאַנקל אַריינגעגאַנגען צום לאַגער־לייטער אין שטוב. די פרוי האָט געגרייט צום טיש טיי. יאַנקל האָט אים רואיק דערציילט וואָס די היטלער־באַנדעס האָבן אַלץ געמאַכט מיט די יידן. ער האָט, פאַרשטייט זיך, נישט גערעדט אַזאַ גוטן דייטש, אָבער זענעגער האָט אים גוט פאַרשטאַנען. יאַנקל האָט אים דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקומען אין לאַגער העדינגען. יענער איז געווען זייער אַ כיטרער און אַלץ געוואָלט וויסן. אַז

ער האָט די מענטשן ביינאַכט אַרויסגעלאָזט און אַריינגעלאָזט. מען קען די מענטשן נישט האַלטן פאַרשפאַרט, ווי פאַרברעכער, בפרט יונגע מענטשן. ער האָט אים געראַטן, אַז אויב ער וויל ס'זאָל זיין רואיק, דאַרף ער נישט זיין אַזוי שטרענג. דעם זענעגער איז די זאַך אריין אין קאָפּ און ער האָט גענומען אַוועקקוקן אַביסל, איז געוואָרן ווייכער ווי פריער.

אַלע זענען צופרידן געווען מיטן פרישן נאַכט־וועכטער. ניין אַזייגער האָבן שוין אַלע געדאַרפט ליגן אין די בעטן. מען האָט נאָך גערעדט, דיסקוטירט. שפּעטער נאָך געברענט אַ קליין לעמפּל, אַ פאַרהאָנגנס, כדי מ'זאָל זען אַרונטערצוגיין. 6.30 פרי האָבן שוין אַלע געמוזט שטיין אויף די פיס, זיך צו וואַשן. 7 אַ זייגער האָט מען געגעסן פרישטיק. 7.45 איז געווען דער אַפּעל, און 8 אַ זייגער האָט מען שוין געדאַרפט זיין ביי דער אַרבעט.

אין מאַגאַזין איז די אַרבעט נישט געווען קיין שווערע, אייניקע האָבן געאַרבעט אין דער קיך, אין דער שניידעריי, אַנדערע ביים ברענגען פּראָוויאַנט, אין דער וואַש־שטובע, ביים רייניקן. די שוואַכערע האָבן אינגאַנצן נישט געאַרבעט. דער נאַכט־וועכטער איז געווען פריי אַ גאַנצן טאָג. ער האָט אָבער נישט געטאָרט אַרויס פון לאַגער, נישט פאָרן ווייט, אין אַ גרעסערער שטאָט.

דער לאַגער־לייטער זענעגער איז געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. פריער איז ער געווען זייער שטרענג צו די פליטים. פאַר יעדער קלייניקייט האָט ער באַשטראָפט. ער האָט איצט אביסל אַוועק־געקוקט. און ווען אַלץ איז געווען אין אָרדענונג, ס'האָט געקלאַפּט, האָט מען געשאַפן אַ קולטור־קאָמיסיע, עס האָבן זיך געמאָלדן זינגער, אַרטיסטן, אַפילו אַן אָרקעסטער איז אָרגאַניזירט געוואָרן. און אַז מ'האָט געמאַכט אַ פאָרשטעלונג, האָט מען פאַרבעטן די איינוווינער פון דער געגנט.

קאַפּיטל פופצן

די באַפרייאונג

די צייט איז געלאָפן, און ווען מ׳האָט געהערט, אַז די דייטשן הייבן אָן כאַפּן ווייסטע מפּלות אויף די פראָנטן, אַז אין איטאַליע האָט מוסאָליני קאַפּיטולירט, האָט זיך די מאָראַל אין לאַגער גאָר געהויבן. מ׳האָט זיך געקושט פאַר פרייד.

דאַן איז דער לאַגער־לייטער געוואָרן זייער שטרענג. ער איז אַריינגעקומען און גענומען סטראַשען, אַז ער וועט נישט דערלויבן מער קיין אומאָרדענונג. ער האָט פאַראָרדנט, אַז אַלע זאָלן זיין אין לאַגער, קיינער זאָל נישט אַרויסגיין. דאָס הייסט לאַגער־אַרעסט. אָבער ווער האָט אים דען געהערט? מען איז אַרויס אויפן הויף און גענומען זינגען. האָט דער לאַגער־לייטער טעלעפאָנירט קיין ציריך און איבערגעגעבן, אַז אין לאַגער זענען אויסגעבראָכן אומרוען. עס זענען געקומען זעלנער און אַרומגערינגלט דעם לאַגער. כאָטש זיי האָבן אַליין געלאַכט — קעגן וועמען האָט מען דאָ אַראָפּגעבראַכט אַזאַ אַרמיי? דער קאָמענדאַנט זייערער האָט זיך פאַרשעמט און באַפוילן די זעלנער זאָלן אַוועק פון לאַגער. געבליבן זענען בלויז דער קאָמענדאַנט מיט צוויי אָפיצירן. זיי האָבן זיך גענומען אויספרעגן וואָס עס איז פאַרגעקומען, אָבער קיינער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

— וואָס פאַרלאַנגט איר? — האָבן זיי געפרעגט.

— מען זאָל אונדז לאָזן אַרבעטן, און נישט באַטראַכטן ווי שקלאַפן.

עס זענען דערנאָך געקומען נאָך דריי מאַן פון דער צענטראַ־לער לייטונג. זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, צו וואָס דער לאַגער־לייטער האָט געמאַכט אַזאַ אַליאַרם. זיי זענען אַריין אין דער ביוראָ פון לאַגער־לייטער, און זיי זענען אַרויס און געזאָגט צום עולם, אַז הער זענעגער זאָגט, אַז איר פאַרנעמט זיך מיט פּאָליטיק.

— אַז מיר האָבן געהערט, אַז מוסאָליני האָט קאַפּיטולירט, האָבן מיר געמיינט, אַז דער קריג האָט זיך געענדיקט. און דער הער זענעגער איז אפשר נישט צופרידן...

דערמיט האָט זיך עס געענדיקט. צומאָרגנס האָט מען אויס־געטיילט די אורלויבן. יאַנקל איז אַוועק אויף 4 טעג צו באַזוכן די קינדער. די פרייד איז ביי אים געווען זייער גרויס צו זען די קינדער. אויפן וועג האָט ער געקריגן אַ טאָפּלטע פּאָרציע עסן, ברויט, סיגאַרעטן, מאַרמעלאַדע, פאַר די איבעריקע 3 טעג האָט ער געקריגן צו 3 פראַנק אַ טאָג.

ווען ער איז אָנגעקומען קיין לאַנדקוואַרט, האָט ער זיך גענומען נאָכפרעגן צו דער פאַמיליע, ביי וועלכער עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן די קינדער. די שכנים האָבן אים אָנגעוויזן. די קינדער זענען אויף אים אַרויפגעפאַלן און אים געקושט, און אים גאָרנישט געוואָלט אָפּלאָזן. זיי האָבן שוין גערעדט שווייצער־דייטש. די מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן די קינדער, האָבן פאַרגאָסן אַ טרער, זעענדיק ווי זיי טוליען זיך צום פאָטער. זיי האָבן אים איינגעאָרדנט אַ גוט געלעגער. ער האָט געמוזט זיין איין טאָג ביי איין פאַמיליע און אַ צווייטן טאָג ביי אַן אַנדער פאַמיליע. יאַנקל האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דר'ערד און די קינדער האָבן אַרומגעריטן אויף אים, צוגעבונדן אַ שטריקל און ער איז געלאָפן ווי אַ פערדל.

ווען ער האָט זיך געדאַרפט אומקערן אין לאַגער, האָבן די קינדער ווידער געוויינט. זיי האָבן אַזויפיל געוויינט, אַז זיי זענען

קראַנק געוואָרן, עס איז זיי נישט געווען אַוועקצורייסן. וויפל די שכנים האָבן אַריינגעברענגט שפּילצייג און געוואָלט איינגעמען די קינדער, האָט נישט געהאָלפן. מ׳האָט זיי נישט געקענט אַוועקרייסן.

יאַנקל איז אַוועק מיט אַ צעבראָכן האַרץ. ווען ער איז צוריק־געקומען אין לאַגער, איז שוין דאָרט געווען אַ בריוו פון דער צענטראַל־לייטונג, אַז זיין פרוי מיט די איבעריקע קינדער געפינען זיך אין דער שווייץ און אַז ער קען פאָרן זיי באַזוכן. קודם האָט ער זיך געבאָרגט ביי די חברים צו האַלבע פּאָרציעס ברויט. זיין אייגן ברויט האָט ער נישט געגעסן. דאָס ברויט, וואָס ער האָט באַקומען אויפן וועג, האָט ער געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, נישט צו פאַרזוכן.

דער לאַגער, וווּ זיין פרוי און די קינדער האָבן זיך אויפגעהאַלטן, איז געווען אַ מיליטערישער. מען האָט אים דאָרט אַריינגעפירט אין אַ וואַרט־זאַל, נאָכדעם האָט מען באַפוילן אַ זעלנער צו גיין זוכן זיין פרוי מיט די קינדער. מ׳האָט זיי נישט געזאָגט וועגן וואָס עס גייט, נאָר מען האָט זיי אַלע אַריינגעברענגט, נישט וויסנדיק וווהין מען פירט זיי.

ווען זיי האָבן דערזען יאַנקלען, איז אויסגעבראָכן אַ געוויין, אַ געלעכטער, פאַר פרייד און פאַר צער. ער האָט זיי דערלאַנגט די צוויי קילאָ ברויט. דאָס איז געווען אַ גרויס פאַרמעגן. יאַנקל האָט זיי דערציילט, ווי אַזוי ער האָט זיך געזען מיט די קינדער. ער האָט זיי איבערגעלאָזן דאָס ברויט, די מאַרמעלאַדע, דאָס פּוטער, די צוקערלעך.

דאָס געזעגענען איז דאָ צוגעגאַנגען אַביסל לייכטער. ער איז צוריקגעפאָרן אין לאַגער אַריין מיטן גליקלעכן געפיל, אַז די גאַנצע משפחה האָט זיך געראַטעוועט. אָנגעקומען איז ער אייגנס פאַרטאָג. אַלץ איז געשלאָפן. די נאַכט איז געווען זייער אַ שיינע. דער ריח פון פרישן טוי, פון די געוויקסן האָט לייכטער געמאַכט

זיין געמיט. אַזוי ווי ער האָט קיינעם נישט געוואָלט איבערוועקן, איז ער אַזוי געזעסן אויף אַ שטיגל, געקוקט אין הימל אַריין און באַטראַכט די שטערן, די לבנה. ווען די מענטשן וואָלטן געלאָזט לעבן אַזוי רואיק! צו וואָס פּאַרוויסטן אַזאַ שיינע וועלט? אין אַ פרידלעך לעבן קען דער מענטש אַלץ מער שאַפן. וואָס זענען מיר דען ערגער ווי אַנדערע? די דייטשן רעדן זיך איין, אַז זיי זענען דאָס בעסטע. ווי קומט עס וואָס אַ ציוויליזירט פאָלק זאָל זיין אַזוי ברוטאַל און פאַרניכטן אַנדערע פעלקער? אַזוי זיצט זיך יאַנקל און טראַכט אַריין אין דער משונהדיקער וועלט און קען עס נישט פאַרשטיין.

זיצנדיק אַזוי אויפן שטיגל, הערט ער ווי עפּעס רודערט זיך; און ער דערזעט פון דער ווייטנס, אַז מען לייכט מיט אַן עלעק־טריש לעמפל. ער דערזעט עמיצן שאַרן זיך לעבן מאַגאַזין. דאָס איז געווען אומגעפער אַ 200 מעטער. האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוזן זיין גנבים. אַליין האָט ער מורא געהאַט צוצוגיין. וואָס הייבט מען אָן צו טון? ער ריזיקירט און שאַרט זיך צו נענטער. פון דער נאָענט וועט ער אפשר זען צי עס זענען נישט אַמאָל ווער פון די פליטים. ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל זאָגן, אַז די פליטים זענען גנבים. ער באַהאַלט זיך צווישן דיביימער. זיי לייכטן אַריין אין מאַגאַזין. דאָרט ליגט דער גאַנצער פּראָוויאַנט. דערזען האָט ער אָבער אַז דאָס איז דער לאַגער־לייטער, הער זענעגער. ער טראָגט מיט זיך אַ גרויסן קויש. שליסט פאַמעלעך אָפּ די טיר. וואָס הייבט מען אָן צו טון? זאָל ער זיך ווייזן פאַר אים, אָדער זאָל ער וואַרטן און זען וואָס ער טוט. ער זעט ווי ער לייגט עפּעס אַריין אין קויש. האָט ער באַשלאָסן אים אַנטקעגן צו גיין. ווען יענער איז אַרויס מיטן פולן קויש צוקער, קאַפע, מאַרמעלאַד, מעל, רייז, קאַשע, איז יאַנקל קאַפּויער געקומען, אַריינגעלויכטן אים מיטן לעמפל און אַ פרעג געטון:

— ווער איז דאָרט?

— איך, הער זענעגער.

— צי דאַרף איך אייך העלפן, הער לאַגער־לייטער, צו טראָגן דעם קויש? ס'איז אפשר צו שווער...

יאַנקל האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און אים דערציילט, אַז ער קומט איצט צוריק פון אורלויב, און אַז ער האָט געמיינט, אַז אַ פרעמדער האָט זיך אַריינגעריסן אין מאַגאַזין.

צומאָרגנס אין דער פרי, ביים אַפּעל, איז אַלץ צוגעגאַנגען ווי געוויינלעך. קיינער האָט גאָרנישט געוווּסט וואָס עס איז די נאַכט פאָרגעקומען. ווען אַלע זענען אַוועק צו דער אַרבעט, קומט צו דער לאַגער־לייטער צו יאַנקלען און זאָגט אים:

— איר האָט דאָס רעכט צו זיין צוזאַמען מיט אייער פרוי, ווען איר ווילט, איך שטעל אויס אַן אורלויב.

יאַנקל האָט אים געדאַנקט און אים געזאָגט, אַז דאָס וואָלט געווען פאַר אים דאָס גרעסטע גליק. דער לאַגער־לייטער האָט אים אַריינגערופן אין ביוראָ, אויסגעפילט די פּאַפּירן.

אין דריי טעג אַרום האָט מען אים איבערגעשיקט אין אַן אַנדערן לאַגער. דאָס איז געווען אַ פאַמיליע־לאַגער, מיט צימערן באַזונדער פאַר משפחות. אינגיכן איז די פרוי געקומען, און זיי זענען שוין געווען אַלע צוזאַמען. ס'איז אָבער נישט געווען אַזוי לייכט. מ'האָט געדאַרפט האָבן גרויסע פאַרדינסטן, אָדער אינגאַנצן אומפעיק צו דער אַרבעט. אויסער דעם, האָט מען געמוזט דורכגיין עטלעכע קאָמיסיעס, און נישט יעדן האָט מען באַוויליקט. ער האָט זיך געפילט פאַרשולדיקט לגבי זיינע אייגענע חברים, פאַר־וואָס ער האָט נישט איבערגעגעבן, אַז דער לאַגער־לייטער באַגנבעט זיי. כאָטש ער וואָלט דאָ גאָרנישט אויפגעטון, ווייל אַ פליט אין דער שווייץ איז נישט געווען באַגלויבט.

מ'האָט שוין געשמועסט, אַז די מלחמה ענדיקט זיך. יעדן אין דער פרי פלעגט מען הערן די נייעסן פון די פראָנטן. מ'האָט נישט ווייניק איבערגעטריבן. דער טאָג פון 6־טן יוני 1944 איז

געווען אַ גרויסע שמחה אין לאַגער. מ׳האָט זיך דערוווסט, אַז די אליאירטע האָבן געלאנדעט אין נאָרמאַנדיע — די אַמעריקאַנער, די ענגלענדער, די קאַנאַדער און אויך די פראַנצויזן. מ׳האָט שוין גאָרנישט אין זינען געהאַט דאָס עסן. מ׳האָט זיך געקושט פון פרייד, געטאַנצט אויף די טישן. קיינער האָט גאָרנישט געוואָלט אַרבעטן. מען האָט דעם טאָג אַרויסגענומען אַלעמען פון דער קיך, קאַרטאָפל־שיילערס, די קוכערס, און מיט זיי געטאַנצט, — אַ הוראַ, קאַזאַטשאָק, אַנדערע האָבן געטאַנצט אַ חסידיש טענצל. עס איז, מיט איין וואָרט, געווען לעבעדיק.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע, און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז מען דאַרף גיין העלפן באַפרייען פראַנק־רייך. יעדער האָט זיך באַשטייערט מיט אַביסל געלט. ס׳האָט זיך אָבער פאַרצויגן, ווייל די דייטשן האָבן נאָך אַלץ געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד אין פראַנקרייך. די ווידערשטענדלער האָבן געקלאַפּט זיי אין רוקן.

עס האָט זיך אין לאַגער געשאַפן אַ גרופּע פון 32 מאַן, וואָס גייען קיין פראַנקרייך. מען לאָזט זיך אַוועק אין געהיים. זיי האָבן זיך איבערגעטון ווי פּויערים, וואָס אַרבעטן אויפן פעלד, און איינציקווייז אַרויסגעשאַרט זיך. יעדער האָט געהאַט אַ רוק־זאַק מיט ברויט, אַ ביסל געלט; אָפּגעטראָגן זיך, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען מאַרשירט שטילער־הייט, ביז מען איז געקומען צו דער פראַנצויזישער גרענעץ. מ׳האָט געזוכט אַ וועג זיך אַריבערצוקריגן. ס׳איז אָבער נישט געווען אַזוי לייכט. מ׳האָט זיך געדאַרפט היטן פאַר יעדן שווייצער. די גרופּע איז געווען אַ צו גרויסע, האָט מען באַשלאָסן זיך צו צעטיילן אויף קלענערע גרופּעס, גיין ווייט אָפּגערוקט איינע פון די אַנדערע. טאָמער וועט מען אַריינפאַלן, זאָלן די איבעריקע זיך קענען אָפּטראָגן.

צווישן די 8 מאַן פון יאַנקלס גרופּע זענען געווען 5 פּאַריזער,

איינער פון ליאָן און צוויי פון בעלגיע. אַלע האָבן זיי באַשלאָסן, אַז ווען זיי וועלן אָנקומען קיין פראַנקרייך, אָנצושליסן זיך אין די ווידערשטאַנד־כוחות. דערווייל איז מען ליגן געבליבן אין פעלד אַ גאַנצע נאַכט, נאָכגעשפּירט צי עס גייט נישט קיין גרענעץ־וואַך. זיי האָבן מיטגעהאַט מיט זיך אַ קליינעם ראַדיאָ און געהערט די נייעסן פון לאָנדאָן. זיי האָבן אויפגעכאַפּט אַז די אַליאירטע דערנענטערן זיך צו פּאַריז.

באַגיינען זענען זיי אַריבער די גרענעץ. זיי האָבן גלייך דערקענט די אַלטע כאַטעס פון די פראַנצויזישע דערפלעך. אין די בערג האָט מען נישט באַגעגנט קיין לעבעדיקן נפש. פון צייט צו צייט איז אַדורכגעפלויגן אַ גרויסער פויגל. פּלוצים דערהערט מען — עס פליען שטיינער, זיי קאָלערן זיך אין די בערג. פּלוצלונג זעט מען ווי איינער גייט. אַלע שטעלן זיך אויף. יענער טראָגט אַ מאַשין־געווער. האָט מען גלייך פאַרשטאַנען אַז דאָס מוז זיין איינער פון דער „מאַקי". מ'האָט נישט פאַרלוירן דעם קוראַזש, צוגעגאַנגען און אים דערציילט:

— מיר זענען אַנטלאָפן פון דער שווייץ. מיר ווילן העלפן באַפרייען פראַנקרייך.

ס'זענען אונטערגעקומען נאָך עטלעכע, זיי האָבן אַלעמען באַ־זוכט און אַוועקגעפירט זיי אין אַ הייל. דאָרט האָט מען זיי גענוי אויסגעפרעגט, געגעבן צו עסן און געהייסן אָפּרוען זיך פון וועג. אויף ביינאַכט האָבן זיי אַרויסגעשטעלט אַ וואַך.

צומאָרגנס האָט מען די גרופּע אַריבערגעפירט קיין בעלגאַרד. דאָרט זענען זיי געווען אַרעסטירט צוויי טעג. דערנאָך האָט מען יעדן אויסגעשריבן אַ פּראָוויזאָרישן דאָקומענט, אונטערגעשריבן פון קאָמאַנדאַנט, געגעבן זיי אַ קאַרטע אויף פּראָדוקטן און געהייסן גיין ווייטער. אָבער וווּ גייט מען און וווּ קען מען פאָרן, אַז קיין באַן איז נישט געווען? כמעט אַלע געשעפטן זענען געווען פאַרמאַכט. מ'איז געשלאָפן אין פּאַלאַטקעס. אין די שטובן

האָט מען נישט אַרײַנגעלאָזן. מ'האָט נאָך מורא געהאַט.

12 טעג האָט געדויערט, ביז מ'האָט זיך דערשלעפּט ביז ליאָן. דאָרט האָט מען שוין געטראָפן אַביסל באַקאַנטע פּאַריזער ייִדן. אויף דעם באַרימטן פּלאַץ טעראָ, ווו ייִדן האָבן זיך געזאַמלט, האָט מען שוין געקענט אַרײַנגיין אין אַ קאַפע, הערן נײַעס. ס'האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט באַפרײַטע סאָלדאַטן, עס זענען געקומען פון די באַהעלטענישן און די אַרומיקע דערפער ייִדן, וואָס האָבן איצט געטראָגן אַרישע נעמען, מיט פאַלשע דאָקומענטן. זיי זענען אַוועק אין דער פּרעפעקטור אַרויסצונעמען דאָקומענטן אויף זייערע אמתע נעמען. ס'איז אָבער נישט צוגעגאַנגען אַזוי לײַכט. מען האָט געדאַרפט ברענגען עדות, ברענגען די אַלטע דאָקומענטן. דאָס איז זיי נויטיק געווען, כדי אַרויסצוקריגן די קאַרטעס אויף פּראָדוקטן. אין די רעסטאָראַנען איז נישט געווען וואָס צו קריגן. מענטשן זענען פּשוט געשלאָפן אויף דער גאַס, אויף די שטיגן, אויפן וואָקזאַל.

יאַנקל האָט ווי נישט איז געקריגן אַ האָטעל־צימער. די ערשטע נאַכט זענען אין איין צימער געשלאָפן 14 מענטשן, מיט ווײַבער און קינדער, אויף דר'ערד. אויפן מאַרק האָט מען נאָר געקראָגן צוקער־בוראַקעס, קרויט. פון דעם האָט מען פאַרבראָקט מיט אַלט ברויט און אָפּגעקאָכט אַ זופּ. אָבער מען איז איצט געווען צופרידן מיט דעם אויך, אַבי מ'איז איבערגעקומען דעם נאַצי.

דעם 1־טן סעפּטעמבער האָט מען געהערט, אַז פּאַריז איז שוין באַפרײַט. ער האָט שוין נישט קיין געדולד געהאַט צו וואַרטן, און יאַנקל האָט זיך געלאָזן אין וועג אַרײַן, קיין פּאַריז. מיט אים צוזאַמען איז געגאַנגען שאַרל בראָקאַנטער און שמעלקע ווײַצמאַן. אין איין טאָג האָבן זיי זיך דערשלעפּט ביז מאַקאָן. דאָרט איז מען געבליבן נעכטיקן אין אַ שטאַל, צוזאַמען מיט צוויי קי און אַ קעלבל. די צוויי קי האָבן, זעט אויס, פאַרשטאַנען און אָפּגערוקט זיך, געמאַכט פּלאַץ פאַר די היימלאָזע. דאָרט,

אויפן פרישן היי, איז מען נאַטירליך גאַנץ געשמאַק איינגעשלאָפן.

דער ערשטער האָט זיך אויפגעכאַפּט יאַנקל. ס׳האָט קוים גענומען ליכטיק ווערן, און ער האָט גענומען וועקן די אַנדערע צוויי מאַן. שאַרל בראָקאַנטער איז געווען אַ פוילער און נישט געוואָלט אויפשטיין. שימעלע איז באַלד אויפגעשטאַנען און גענומען אַרומזוכן עפּעס אין מויל אַריין. אין אַ ווינקל האָט ער געפונען אַ גרויס ברויט, פון הינטן גוט צוגעברוינט. ער האָט עס איינגעבראָכן, גענומען רייסן שטיקער און קייען. יאַנקל האָט זיך אַביסל געשראָקן, אָבער שימעלע האָט אים באַרואיקט, און גענומען שלעפן שאַרלען ביי אַ פוס, געשריגן, אַז מען דאַרף גלייך גיין. אַז יענער האָט דערזען ווי שימעלע האַלט אין איין רייסן שטיקער פון אַ ברויט, איז ער שוין געשטאַנען אויף די פיס. אַלע האָבן זיך אַרויסגעשאַרט פון שטאַל און זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

אַזוי איז מען דערגאַנגען ביז שאַלאָן. דאָרט האָט מען געהערט רעדן, אַז עס וועט זיין אַ באַן קיין דיזשאָן. איז מען דערווייל געגאַנגען באַקוקן דאָס שטעטל. דאָ איז פריער געווען די דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן דער פרייער און באַזעצטער זאָנע. זיי האָבן באַקוקט דעם אַרעסט, וווּ מ׳האָט פאַרהאַלטן די, וואָס מ׳האָט זיי אַרונטערגענומען פון דער באַן. אין שאַלאָן האָבן זיי געקריגן 2 ברויט און טיקעטן. יאַנקל האָט זיך פאַרגע־שטעלט פאַר אַ פאַריזער בעקער און דערציילט, אַז ער פאָרט איצט צוריק אַהיים. דער בעקער האָט זיי אַריינגעפירט, געוויזן זיין בעקעריי, און זיי זענען גלייך געוואָרן היימיש. די צוויי ברויט זענען גוט צונוץ געקומען.

מיט איין מאָל האָט מען געהערט אַ פייף פון דער באַן און מען איז גיך צוגעלאָפן צום וואָקזאַל און מ׳האָט טאַקע דערזען אָנקומען אַ באַן. זיי האָבן זיך קוים אַריינבאַקומען, ווייל ס׳איז דאָרט געווען אַן ענגעניש, אין די האַלב־צעשאָסענע, האַלב־פאַר־

ברענטע וואַגאָנען. אָבער ווער האָט דען געקלערט וועגן עפּעס בעסערס — אַבי אַ באַן. אַזוי איז מען אָנגעקומען קיין דיזשאָן.

דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט. מען איז אַריין אין אַ קאַפע, זיך אַוועקגעזעצט און געבעטן עפּעס צו טרינקען. זיי זענען געזעסן ווי לייטישע מענטשן, און מ׳האָט יעדן צודערלאַנגט אַ קאַפע מיט מילך. דערווייל האָט מען זיך דערוווּסט, אַז צומאָרגנס 6 אין דער פרי וועט זיין אַ צוג קיין פּאַריז. צו איבערנעכטיקן איז מען ווידער אַוועק זוכן אַ בעקעריי. אָבער שאַרל דער בראָקאַנטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און געזאָגט, אַז ער קען באַשטיין דאָ איבערצונעכטיקן.

— ביי מיר — האָט ער געזאָגט — זענען די פיס אָפּגעריבן.

ער האָט אַראָפּגענומען די שיך און מ׳האָט געזען, אַז די פיס ביי אים בלוטיקן. איז מען שוין געבליבן זיצן. אין מיטן נאַכט זענען צוגעקומען נאָך וואַנדערער. ערשט אַ זייגער 5 פאַרטאָג האָט מען זיך קוים דערשלעפּט צום וואָקזאַל. עס האָבן שוין געשטראָמט מענטשן פון אַלע זייטן. מ׳איז געזעסן אויף דר׳ערד אין די קאָרידאָרן, צונויפגעפּרעסט ווי די הערינג. די באַן איז געגאַנגען לאַנגזאַם. אָפּגעשטעלט זיך אָפט, ענדלעך, דעם 22־טן אָקטאָבער 1944 איז מען אָנגעקומען קיין פּאַריז.

*

ווען יאַנקל איז געקומען אויף רי באָפּרואַ, האָט ער געטראָפן די בעקעריי פאַרמאַכט. די שליסלען זענען געווען ביים קאָמיסאַר־זשעראַנט. די טיר איז געווען פאַרחתמעט. אַליין האָט מען נישט געהאַט קיין רעכט אַראָפּצונעמען די חתימה, נאָר מ׳האָט זיך געמוזט ווענדן צום קאָמיסאַר־זשעראַנט, אָדער אָנגעבן אין פרידנס געריכט.

האָט זיך פאַר יידן געשאַפן אַ פריש בינטל צרות. מ׳האָט שוין

דערלעבט פּטור צו ווערן פון היטלערן, און — מ׳האָט אין דער אייגענער דירה נישט געקענט אַריין.

דאָ האָט יאַנקל געטראָפן אַ חורבן. פון די שכנים האָט ער קיינעם נישט געטראָפן. די גאַס באַפּרואַ איז געווען אָפּגעשטאָרבן. פיל זענען געווען דעפּאָרטירט. יידישע געשעפטן — פאַרהאַקט. ער האָט זיך נישט געהאַט ווו אַהינצוטון. אויסגעמאַטערט, אָן אַ פראַנק אין קעשענע, הונגעריק.

אָבער יאַנקל פאַרלירט זיך נישט. ער נעמט און רייסט אַליין אויף די טיר. וואָס ס׳וועט זיין, וועט זיין. ער איז אַריין און דערזען די בראָך — אַלץ איז געווען אויסגעליידיקט. ס׳איז געקו־מען אַרויפצולויפן די הויז־וועכטערין און געמאַכט קולות, פאַר־וואָס ער האָט אַליין אויפגעריסן די טיר. זי איז אויך פאַראַנט־וואָרטלעך. ער איז געגאַנגען קעגן געזעץ. ענטפערט איר יאַנקל, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך. ער מאַכט זיך נישט קיין צרות, עפנט די פענצטער, ס׳זאָל אַריין אַביסל לופט, און גייט אַראָפּ צו דער הויז־וועכטערין און בעט איר זי זאָל אים עפּעס באָרגן אַריינצושטעלן אין שטוב אַריין. זי גיט אים 2 בענקלעך, אַ מאַטראַץ, אַ קאָלדרע, אַ האַנטעך מיט זייף. ער האָט אויפגעריסן די טיר פון דער בעקעריי און אויך דאָרט איז אַלץ געווען אויסגע־רוימט.

דערווייל איז ער אַריין צו כאַמעלען אין בעקעריי, געבאָרגט ביי איר אַביסל געלט, די ערשטע 1000 פראַנק. די כאַמעלע איז געווען די בעקערין פון רי באַפּרואַ 31 און זיי זענען געווען גוטע שכנים. די מאָראַל האָט זיך געהויבן. זיינע פריינד שימעלע און שאַרל בראָקאַנטער האָבן זיך גענומען פאָרען עפּעס אָפּצוקאָכן. הונגעריק איז מען געווען ווי די וועלף. מ׳האָט זיך ערגעצוו איינ־געשאַפט צוויי ברויט, אַביסל קאַרטאָפל, מילך און מ׳האָט זיך דערווייל אונטערגעלענט דאָס האַרץ. צולעצט קומט אַריין די הויז־וועכטערין און זאָגט, אַז זי מוז באַלד גיין מעלדן דעם

קאָמיסאַר, אַז יאַנקל האָט אַראָפּגעריסן די חתימה. זי איז פֿאַראַנטוואָרטלעך. און איידער וואָס־ווען, קומט אַריין אַ פּאָליס און מעלדעט, אַז מ׳דאַרף זיך אַרויסציען. יאַנקל איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער און גענומען שרייען, אַז ער איז ביי זיך אין דער היים. דער פּאָליס האָט זיך געפונען אַביסל פאַרלוירן, באַקוקט די טיר, וואָס איז געווען פאַרחתמעט מיט אַ זיגל, גענומען עפּעס שרייבן אין אַ ביכל. מ׳האָט גאָרנישט געקענט זיינע פּטור ווערן. יאַנקל האָט זיך געטראַכט — זאָל ער שרייבן, וואָס ער וויל. אַלע דריי זענען זיי געלעגן אויסגעצויגן אויפן צעריסענעם מאַטראַץ, ביז דער פּאָליס איז אַוועק.

אַז מען איז זיינע פּטור געוואָרן, האָט מען זיך איצט גענומען מאַכן באַקוועם. אַזוי ווי עס איז נישט געווען קיין גאַז און קיין עלעקטריע, האָט מען אין דער בעקעריי געקאָכט אויף דריי ציגל, מיט שפּענדלעך.

מ׳האָט זיך גענומען אַרומקוקן ווער עס פעלט פון די שכנים. ס׳האָט געריסן ביים האַרצן, ווען ס׳האָט זיך באַוויזן איינער, וואָס מ׳האָט די גאַנצע משפּחה זיינע צוגענומען. די אַלע האָט יאַנקל אַריינגענומען צו זיך. יעדן טאָג איז דער עולם געוואָרן גרעסער. ביז 18 מאַן.

עס איז געקומען אַ מילנער פון קאָרבעי און אים געפרעגט, פאַרוואָס ער עפנט נישט די בעקעריי. דער מילנער האָט אים צוגעזאָגט אַלץ צו באַזאָרגן, אויב ער וועט אונטערשרייבן אַ קאָנ־טראַקט, אַז ער וועט נעמען ביי אים דאָס גאַנצע מעל. פאַרשטייט זיך, אַז יאַנקל איז גלייך איינגעגאַנגען. עס איז פאַרפאָרן אַ קאַמיאָן מעל פון 50 זעק. פאַר וועמען צו באַקן איז נאָך נישט געווען, אָבער יעדער איז געקומען קוקן וואָס עס הערט זיך.

אין מיטן דעצעמבער איז די משפּחה צוריקגעקומען פון דער שווייץ און מ׳האָט זיך גענומען אויף דאָס ניי איינצואָרדענען. מ׳האָט געדאַרפט אונטערשטעלן אַ פּלייצע און העלפן צוריק

אויפצושטעלן עפּעס אין צעבראָכענעם ייִדישן לעבן. עס האָט זיך געעפנט די פֿאָלקס־קיך. מ'האָט געדאַרפט העלפן די קינדער, וואָס זענען צוריקגעברענגט געוואָרן פון די דערפער. מ'האָט דאָס קליינוואַרג קוים אָפּגעראַטעוועט פון די דייטשע מערדערישע הענט. יאַנקל האָט אומעטום געהאָלפן. געהאָלפן ביים עפענען די קינדער־הייזער, געהאָלפן עפענען דעם קלוב אין 11־טן אַראַנדיס־מאַן. ער האָט אַליין גענומען צו זיך עטלעכע קינדער־יתומים. ס'איז, מיט איין וואָרט, געווען וואָס צו טון און וועמען צו העלפן.

ברײַנדעלע

(דערצײלונג פֿון אַ פֿאַרגאַנגען לעבן)

קאַפּיטל איינס

ברײנדל איז געבוירן געוואָרן אין דאָרף סטאַראַ זשרעביאַ, צווישן פּלאָצק און פּלינסק.

דער טאַטע אירער, מענדל, אַ קליינער ייד מיט אַ קורץ בערדל, איז געווען אַ תבואה־הענדלער, האָט חוץ דעם פּאַרמאָגט דריי מאָרגעס ערד, אַן אייגן הויז, צוויי קי, אַ פערד מיט אַ בריטשקעלע. ס׳ווייב, שרה׳לע, איז געווען פון גרויסן יחוס; באשר אירס אַ שוועסטער האָט זיך משדך געווען מיט אַ שוועסטערקינד פון גערער רבין.

— עפּעס אַ קלייניקייט! — האָבן די שכנים גערעדט — דער גערער רבי...

מ׳האָט געשמועסט, אַז דער גערער רבי פּאַרמאָגט ביז פערציק טויזנט חסידים. די רייכסטע יידן האָבן אַריינגענומען דעם רבין פאַר אַ שותף אין זייערע מסחרים אַריין, גלייך אויף גלייך.

אויף זיינע דריי מאָרגעס ערד האָט מענדל תבואה־הענדלער געזייט אַביסל קאַרטאָפל, בוראַקעס, מייערן, קרויט, אוגערקעס. צו פּאַשען די בהמות, האָט ער ביי די שכנים אויפגעקויפט די קאַרטאָפל־שאָלן, געגעבן זיי דערפאַר אַביסל מילך. אויף ווינטער האָט ער די בהמות אַוועקגעפירט צום שכן יאַצעק. יאַצעק האָט געהאַט אַ סך פּאַשע־פעלד, דערצו איז ער געווען אַ קאָוואַל, האָט

געקאָוועט פּאָדקאָוועס אויף אַלע פערד פון קאַנט. מיט מענדלען איז ער געווען אַ גוטער־ברודער. מענדל האָט אויפגעקויפט ביי אים קאָרן, ווייץ און געפירט עס צו דראַבקינען אין דער מיל אַריין. ביי מענדלען איז געווען אַ גרויס הויז, פול מיט רחבות. שרה׳לע האָט געקאָכט און געבאַקן פאַר די אורחים, וואָס זענען דורכגעפאָרן פון פלאָצק קיין פלינסק. מ׳איז ביי אים אָפּגעשטיגן, געגעסן, געטרונקען, גענעכטיקט אין דער גרויסער שטוב, וו אויף דער וואַנט איז גע־האָנגען דאָס בילד פון רוסישן קייסער.

אין אַנדערן חדר זענען געשטאַנען צוויי הילצערנע בעטן, אַ קרעדענץ, אַ שענקל מיט חומשים, מחזורים, סידורימלעך, דער טלית, אַ תפילין־זעקל. ווייל עס פלעגט טרעפן, אַז די אורחים, וואָס האָבן ביי אים גענעכטיקט, האָבן אין דער פרי געבעטן אַ טלית אָפּצודאַווענען.

קיין גרויסער לערנער איז ער נישט געווען, מענדל, אָבער עברי האָט ער גוט געקענט, געקענט דאָס גאַנצע דאַווענען פון אויסנווייניק, געזאָגט תהילים. ביי אים איז געווען אַן אָפענע שטוב פאַר אורחים. איינמאָל, דערציילט מען, איז דער גערער רבי אַליין איינגעשטאַנען ביי אים.

— איר ווייסט דען ווער ער איז ? — האָבן די שכנים גערעדט — ער איז איינער פון די ל״ו צדיקים... אָן אים וואָלט די וועלט נישט געהאַט קיין קיום...

דאָס ווייב האָט מענדל נישט גערופן ביים נאָמען, נאָר — זאָג נאָר... הער נאָר...

פאַר פרעמדע האָט ער געזאָגט : מאַאַנע... ער האָט אַ געשריי געטון :

— זאָג נאָר... קים שוין אַהער...

אין שטוב זענען געווען צוויי קינדער, ברײַנדל און קלמעלע. דער פאָטער האָט געהאַלטן פאַר די קינדער אַ באַהעלפער אויפן זמן, מיט עסן און שלאָפן. דער באַהעלפער, מאיר טאַם, — האָט

געהאַט אַ גערונצלט פּנים, אויסגעזען גיכער ווי אַ ווייבל. ס'האָט זיך אים נאָכגעבאָמבלט אַ טלית־קטן פון הינטער דער קאַפּאָטע, פול מיט לאַטעס. זיינע קעשענעס זענען פול געווען מיט טייטלען, וואָס מען באַנוצט ביים לערנען. ער פלעגט זיך זיי אַליין אויסשניצן פון ווערבע־צווייגן. אין זיין סידור איז געווען אַן אַלף־בית מיט גרויסע אותיות. דאָס איז געווען אַ פּיעטריקאָווער סידור. נאָכן לערנען מיט די קינדער, האָט ער אָנגעבערנגט וואַסער אין שטוב אַריין, אויסגעפּוצט די שיך, די שטיוול, אויסגעקערט אין הויף. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לערנען, געלערנט פאַר־זיך, מיט אַ שיינעם ניגון, אַז מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים פענצטער זיך איינהאָרכן. מענדל האָט זיך געווונטשן, אַז זיין זון זאָל זיין אַזאַ לערנער, און אַז ברײַנדעלע זאָל קענען כאָטש אַ העלפט.

אַז ברײַנדעלע איז אַביסל אונטערגעוואַקסן, האָט איר די מאַמע אָנגעטון אַ רויט בענדעלע אויפן האַנט, אַ סגולה פאַר אַן עין־הרע. די מויד האָט געהאַט אַ קאָפּ שוואַרצע, געדיכטע האָר, ווי סאַמעט. אַז זי פלעגט לאַכן, זענען אין אירע רויטע בעקלעך שטיינגעבליבן צוויי חן־גריבעלעך. די מאַמע האָט איר פאַרפלאָכטן צוויי צעפּ, פאַרצויגן מיט סטענגעס. אין שפּיגל האָט זי זיך דערזען ווי אַ גאַנצע פריילין. די מאַמע האָט זיך אַריינגעפּרייט אין דער טאָכטער: „מיר זאָל זיין פאַר דיין מינדסט נעגעלע"...

— שוין, דו בענטשסט מיר שוין ווייטער... — האָט די מויד געזאָגט — דו מיינסט טאַקע, אַז דער רבונו של עולם האָט נאָר דיך אין זינען...

— קינד מיינס, וואָס רעדסטו?... בייס דיר אָפּ די צונג...

און האָט מיטן עק פאַרטעך זיך גענומען ווישן די אויגן. זי האָט עפּעס גענומען זען שוואַרצע וואָלקנס, שדים, מורא געקריגן פאַרן אייגענעם שאָטן. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז אין ברײַנדע־

לען האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ גלגול. אַלע זענען שוין געזעסן ביים טיש, צום עסן, און ברײַנדעלע איז נאָך אַלץ נישט געווען. האָט זי גענומען שרייען אויפן קול:

— ווּ איז זי, די מויד?

און האָט אַ כאַפּ געטון אויפן קאָפּ אַ טיכל און איז אַרויס־געלאָפן אין דרויסן. דאָס האַרץ איז איר אַנטפאַלן. ערשטנס האָט זי אַ קוק געטון אין ברונעם. פּלוצים האָט זי דערזען ווי ברײַנדל שטייט לעבן אַ בוים, און סטאַשעק, דעם שכנס זון, וואָס האָט געפירט די בהמות אויף דער פּאַשע, רעדט מיט איר. אַז ברײַנדל האָט דערהערט ווי די מאַמע רופט איר, האָט זי אָפּגעשטעקט סטאַשעקן אַ האַנט און איז געקומען צולויפן.

— וואָס עפּעס האָסטו צו טון מיטן שייגעץ? טרייב מיך נישט יונגערהייט אין קבר אַריין, דו הערסט?... דאָס מוז איך שוין דערציילן דעם טאַטן...

אין שטוב האָט זיך שוין מענדל געהאַט געוואַשן צום עסן. מאיר טאַם אויך. ווען דער טאַטע האָט געזען אַריינקומען ברײַנדלען, האָט ער אַ שאַרפן קוק געטון אויף איר און געמאַכט אַ המוציא, איינגעטונקען דאָס ברויט אין זאַלץ־מעסטל. ברײַנדל האָט קיין סך נישט געגעסן, איז געזעסן ביים טיש, אָבער מ׳האָט געזען, אַז מיט די געדאַנקען איז זי ערגעץ אַנדערש. נאָכן בענטשן, האָט די מאַמע גערופן מענדלען אין אַלקערל און פאַרבראָכן די הענט.

— מיט סטאַשעקן, הערסטו, שלעפּט זי זיך אַרום, די מויד...

אַליין איז זי אַנטלאָפן אין שטאַל אַריין, נישט צו זען ווי מענדל רעכנט זיך אָפּ מיט דער טאָכטער. ער איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז דאָס גאַנצע בלוט האָט גענומען אין אים קאָכן. ער האָט איר אַ כאַפּ געטון ביי די צוויי צעפּ, אַראָפּגעצויגן דעם פּאַסיק פון די הויזן און האָט גענומען אין איר אַריינהאַקן.

— ווערסט האָבן צו געדענקען פאַר דער שאַנדע, וואָס דו פאַרשאַפסט מיר...

ברײַנדל האָט געמאַכט אַזעלכע געוואַלדן, אַז די מאַמע איז געקומען צו לויפֿן. ברײַנדל איז געלעגן אײַנגעגראָבן אין קישן. די אַלטע האָט געשריגן:

— גזלן, וואָס האָסטו געמאַכט פֿון קינד?...

זי האָט געכאַפּט אַ האַנטעך, אײַנגעטונקען אין קאַלט וואַסער און איר צוגעלייגט צום קאָפּ. זי האָט געשריגן:

— ס'איז מײַן שולד. וואָס האָב איך אים דערציילט, דעם גזלן?...

מאיר איז אַרומגעגאַנגען אין שטוב, אַ צעטראָגענער. מענדלען האָט שוין גענומען פֿאַרדריסן דער גאַנצער עסק. ער האָט צוערשט באַדאַרפֿט רעדן מיט גוטן. די מאַמע איז אַרײַן צו ברײַנדלען און זיך געבעטן:

— ברײַנדעלע קרוין, זעסטאָך, אַז דער טאַטע האָט חרטה. קום, מײַן קינד, און בעט אים איבער.

ברײַנדל האָט נישט געוואָלט הערן, באַהאַלטן דעם קאָפּ אין קישן. איז זי אַרויס, געאײַלט זיך צוצושטעלן די וועטשערע. מענדל און מאיר האָבן זיך געשטעלט דאַווענען מנחה. דערנאָך איז מענדל אַרויס אין שטאַל אַרײַן, אונטערגערוקט דאָס פֿערד אַביסל האָבער מיט שעטשקע, אַרײַנגעגאָסן פֿאַר די קי אין דער קאָריטע וואַסער, אַרײַנגעשאָטן קאַרטאָפֿל־שאָלן. מאיר איז אים נאָכגעגאַנגען מיטן לאָמפּ. דערנאָך איז מען אַרײַן אין שטוב וואַשן זיך צום עסן. אַלע זענען געזעסן בײַם טיש, אַחוץ ברײַנדל.

— זאָג איר, זי זאָל אַרײַנגײן עסן! — האָט מענדל אַ רוף געטון.

אָבער ברײַנדל האָט נישט געוואָלט הערן, וואָס די מאַמע זאָגט איר. עטלעכע טעג איז זי געבליבן ליגן אין בעט. סטאַשעק האָט זיך גענומען דרייען הינטערן פֿענצטער און זי גערופֿן: „בראָניאַ, בראָניאַ". ער איז אַוועק און געוואַרט ביז פֿאַרנאַכט, צו זען ווער עס פֿירט אַהיים די קי. האָט ער געזען, אַז שרה

טרייבט גאָר די קי אַהיים. איז ער צו און זי אַ פרעג געטאָן:

— ווו איז די פאַני בראָניאַ?

— גיי צום טייוול, כאָליערע... — האָט אים שרה געענט־פערט.

סטאַשעק האָט זיך נישט באַליידיקט. ער האָט געוווּסט, אַז די פאַני סאַראַ וועט אים אַזוי ענטפערן; ער האָט געוווּסט, אַז זיי זענען צוויי וועלטן. כאָטש ער פלעגט מענדלען זייער פיל העלפן, ביים שמידן פערדלעך מיט פּאַדקאָוועס. ער איז געווען געזונט, סטאַשעק, האָט געקענט בייגן שטאַבעס אייזן. אָבער ער האָט זייער ליב געהאַט בראָניען. פון קינדווייז אָן. זי האָט גערעדט גוט פויליש און ער, סטאַשעק, האָט געקענט רעדן אַביסל יידיש. ער האָט ליב געהאַט צו הערן די מעשיות, וואָס בראָניאַ האָט דערציילט. אַז ער האָט זי נישט געזען איין טאָג, איז ער אַרומגעגאַנגען ווי צעמישט. און טאָמער איז זי נישט אַרויסגע־קומען, האָט ער זיך פאַרגנבעט הינטער די פענצטער פון דעם ייד. ער האָט געזוכט עפעס אַ תירוץ אַריינצוגיין. דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט. ער האָט פּאַמעלעך אויפגעמאַכט די פורטקע, אַריין אין הויף. מענדל האָט אים געעפנט די טיר. ער האָט געהאַט אַ גוטן תירוץ:

— צי וועט מיר סאַראַ נישט באָרגן די באַליע. די מאַמע האָט מיך געשיקט...

אַז שרה האָט דערזען סטאַשעקן, האָט זי גענומען שרייען:

—אַן אָנשיקעניש אויף מיר! וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט אַ גאַנץ יאָר, זאָל אויסגיין צו דיין קאָפּ. גיי ברעך הענט און פיס...

און זי האָט אים מיט אַלע כוחות אַרויסגעשטופּט פון הויז. אין אַלקערל האָט בריינדל עפּעס דערהערט, איז זי געקומען אַרויסצולויפן ווי אַ ווילדע.

— וואָס איז דאָ געווען? — האָט זי געפרעגט.

און זי האָט געטון אַ פראַל אויף די טיר און גענומען שרייען:

— סטאַשעק, סטאַשעק!

די מאַמע האָט איר מיט אַלע כוחות צוריק אַריינגעשלעפּט אין שטוב אַריין. סטאַשעק איז שוין געהאַט אַוועק ווייט, און ער האָט נישט געהערט איר רופן.

— איך גיי ברענגען אַ פעלדשער — האָט די מאַמע געוואָיעט — אַ בראָך צו מיר, ווי דו זעסט אויס.

ברײַנדל איז געלעגן און געהעשעט. שרה האָט נאָר געוואַרט, אַז מענדל זאָל אַריינקומען. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט ער אַראָפּגעצויגן פון זיך די פאַרבלאָטיקטע שטיוול, זיך גענומען איינוואַשן. אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, האָט אים שרה דערציילט פון דעם אָנשיקעניש.

— האָסט גוט געטון, שרה.

— מענדל־קרוין, איך זע, אַז ביסט היינט נישט אַזוי אויפגערעגט, וויל איך דיך פרעגן: וואָס זאָל איך טון? ברײַנדעלע האָט פון נעכטן אָן נישט געהאַט קיין לעפל וואַרעם וואַסער אין מויל. זי וויל פון גאָרנישט הערן און געדענקען. וויי און ווינד איז מיר...

— ביסטאָך אַ קלוגע יידענע, גיב עפּעס אַן עצה.

— וואָס קענסטו פאַרלאַנגען פון אַ יידענע? אַז דו וועסט זאָגן מען דאַרף ברענגען אַ פעלדשער, אָדער פאָרן צום רבין...

— וואָס האָסטו זיך אָנגעלייגט אויף מיר? איך בין אַ פאַרנומענער מענטש...

— איך מיין — האָט שרה געזאָגט — אַז דאַרפסט איר איבערבעטן. שטילערהייט רעדן מיט איר. וואָס זאָגסטו?

— איך זאָג, אַז אַ יידענע בלייבט אַ יידענע. איך זאָל א י ר איבערבעטן? דאָס הייסט אויסטון די זיידענע קאַפּאָטע און אָנטון אַ ראָגאָזשע. זעסטו, ווען דו זאָגסט מען זאָל דער מויד אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע... איבערבעטן גאָר... דאָס וועט מענדל נישט טון...

— מאיר קען אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע.

אָבער מענדל האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף פאָרן קיין פלאָצק און דאָרטן געפינען איינעם אָפּצושפּרעכן אַן עין־הרע. ער וועט זיך דורכרעדן מיטן רבין און דער רבי וועט אים געבן אַן עצה.

ער איז אַרויס, איינגעשפּאַנט דאָס פערדל אין דער בריטשקע און זיך געלאָזן קיין פלאָצק. דער רבי אין פלאָצק האָט אים גוט געקענט. ער האָט באַלד געהייסן דער רביצין שטעלן כיבוד, אַ גלעזל טיי. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען אַ קמיע און אים דערלאַנגט.

— מיט דער קמיע, וועט די בתולה דיינע, אם ירצה השם, געהאָלפן ווערן...

מענדל האָט דעם רבין איבערגעלאָזן אַ פּעטן פּדיון. נאָכדעם האָט דער רבי באַפוילן, אַז אייזיקל תהילים־זאָגער זאָל מיטפאָרן מיט מענדלען. ער וועט אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע און דער רבונו של עולם וועט געבן, אם ירצה השם, אַ רפואה שלימה.

מענדל איז אַהיימגעקומען מלא שמחה, און געוויזן דער יידענע וואָס מענדל קען אויפטאָן. ער האָט די קמיע באַהאַלטן אין דער קאָמאָדע. אייזיק תהילים־זאָגער האָט געהייסן מען זאָל אים ווייזן די בתולה. מ'האָט אים אַריינגעפירט אין אַלקערל. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאַרקנוילטן מיידל, עפּעס געברומט און איז צוריק אַרויס. ער האָט מענדלען איינגערוימט אַ סוד אויפן אויער. מענדל האָט געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, זיך אויס־געדרייט, אַז קיינער זאָל נישט זען, אַרויסגענומען זיין שווערן בייטל פון דער הויזן־קעשענע און דערלאַנגט אייזיקן אַ מטבע. אייזיק האָט די מטבע איינגעוויקלט אין אַ רויטער פאַטשיילע, און גענומען עפּעס מורמלען אין דער שטיל. די טיר צום אַלקערל, וווּ די בתולה איז געלעגן, איז געשטאַנען אָפן. אַלע האָבן באַ־שיימפערלעך געזען ווי עס קומט די רפואה שלימה צו בריינדלען. אין שטוב איז געוואָרן ליכטיק.

דערנאָך האָט מענדל באַזאָרגט אַ גוי, און ער האָט אייזיקן

צוריקגעשיקט קיין פלאַצק. אָבער ברײַנדל האָט דערווײַל גענומען שרײַען:

— מאַמע, איך האַלט עס נישט אויס! דער קאָפּ...

— קינד מײַנס, וואָס איז דיר? מען האָט דאָך דיר אָפּגע־שפּראָכן אַן עין הרע.

זי האָט דער טאָכטער דערלאַנגט טײ מיט ציטרין, אָבער ברײַנדל האָט נישט געוואָלט נעמען צו די ליפּן. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געשרפּהט אין היץ. די שכנות האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף ברענגען אַ דאָקטער.

— וואָס הייסט? — האָט שרה געטענהט — מ'האָט מײַן קינד אָפּגעשפּראָכן אַן עין הרע...

— אַן עין־הרע אָפּשפּרעכן איז גוט, איך בעט איבער אײַער כבוד... — האָט מלכה די מאַרק־הענדלערין אַ זאָג געטון מיט אַ הויך קול — מ'דאַרף ראַטעווען דאָס קינד, און זײ גײען איר אָפּשפּרעכן... אַזאַ בליענדיקע מויד...

אין דער גאַנצער גראַטשקע האָט זיך סטאַשעק אַרײַנגעריסן אין הויז. מאיר טאַם האָט אים געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג, אָבער סטאַשעק האָט אים געגעבן אַ שטויס אָפּ. ער איז אַרײַן אין אַלקערל, זיך גענומען צלמען, איר געגעבן אַ קוש אין קאָפּ, אין די הענט. ברײַנדל האָט אויפגעמאַכט גרויס די אויגן. אין שטוב איז געוואָרן אַ טומל. סטאַשעק האָט זיך צוריק אַרויסגע־ריסן פון שטוב, האָט גענומען לויפן, אַוועקגעריטן קיין פלאָצק, נאָכצופרעגן זיך אויף אַ גוטן דאָקטער. ס'איז געווען 25 וויאָרסט ביזן דאָרף, אָבער סטאַשעק האָט דעם דאָקטער שוין נישט אָפּגע־לאָזן. דער דאָקטער האָט זיך אַביסל געקווענקלט און — איז מיטגעפאָרן. ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין זײַן בריטשקעלע און סטאַשעק איז אים נאָכגעריטן.

ווען זײ זענען פאַרפאָרן פאַרן הויז פון מענדלען, איז שוין דאָרט געווען פול מיט מענטשן. מ'האָט אַרײַנגעפירט דעם דאָקטער

צו בריינדלען אין אַלקערל, אָבער סטאַשעקן האָבן זיי נישט אַריינגעלאָזט. דער דאָקטער האָט באַפוילן, אַז אַכט טעג טאָר זי נישט עסן קיין שווערע עסנס, פאַרשריבן אַ רעצעפּט, געבן איר וואָס מער צו טרינקען. אויפן דריטן טאָג געבן איר אַביסעלע מייערן־זופּ. דער דאָקטער האָט אויך באַפוילן, אַז דאָס פענצטער מוז זיין אָפן, נאָר אין שטוב זאָל זיין טונקל.

סטאַשעק איז יעדן טאָג געקומען געוויר ווערן וואָס בריינדל מאַכט, אָבער מ'האָט אים נישט אַריינגעלאָזן. דאָס מיידל האָט זיך טאַקע גענומען פילן בעסער. נאָך דריי טעג האָט זי זיך שוין אויפגעזעצט. און אַז סטאַשעק איז געקומען געוויר ווערן, האָט שרה אים געזאָגט, אַז עס גייט איר בעסער. סטאַשעק האָט גע־שמייכלט. ער האָט געוווּסט, אַז שרה בענטשט אים נישט. סטאַ־שעק האָט זיך געמאַכט אַוועקגיין און זיך פאַרגנבעט אין אַ זייט, איז אַריבער דעם נידעריקן פּאַרקאַן, געעפנט דעם לאָדן און אַריינגעקוקט צו בריינדלען אין אַלקערל. בריינדל האָט שוין געוואָלט אַראָפּקריכן פון בעט, אָבער סטאַשעק האָט געמאַכט אַ צייכן זי זאָל בלייבן און האָט גיך אָפּגעטראָגן זיך.

— וואָס איז עפּעס דער לאָדן אויפגעפּראַלט? — האָט שרה געפרעגט דערנאָך.

— דאָס מוז זיין דער ווינט... — האָט בריינדל געזאָגט אַ ליגן.

קאַפּיטל צוויי

אַז עס איז געקומען אַ פּרייטיק־צונאַכטס, פלעגט מען זיך צונויפקומען ביי דאָבעלע די גלעזערין. מלכה די הענדלערין האָט דערציילט, אַז מענדל האָט געברענגט פון רבין אַ קמיע, דער בעל־מופת האָט ברײַנדלען אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע און דאָס קינד איז געראַטעוועט געוואָרן.

— ווייבער, עטץ זאָלט גאָרנישט גלויבן, וואָס דאָבעלע האַקט אייך אַ טשייניק. ס'איז שאו ושקר... יעד זאָג ענק, ווען נישט דער שגץ, אַ כפרה זאָל ער זיין, מיטן דאָקטער, וואָלט געווען שלעכט מיט ברײַנדלען.

האָט איר דאָבעלע גענומען איינמעלדעווען:

— מלכה די הענדלערין, אַ בייזער חלום זאָל מיר אויסגיין צו איר קאָפּ. זי מיינט אַז ס'איז אויפן מאַרק, ווו זי קען אַלעמען גענאַרן... ווען נישט דאָס אָפּשפּרעכן די עין־הרע... קומט זי צוגיין מיט אירע גנבהשע שטיק — אַ דאָקטער !... וואָס נאָך ווען זי אויסטראַכטן ?...

שרה האָט נאָר געבעטן, אַז ברײַנדעלע זאָל וואָס גיכער געזונט ווערן, ווייל אָט איז שוין באַלד אונטערגעלאָפן דער מאָנטיק, ווען ס'שטעלט זיך דער יאָר־מאַרק. עס זענען געקומען הענדלער פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך, פון פלאָצק, פון פלינסק, פון ווישע־גראָד, פון זאַקראָטשים, פון מאָדלין, אויסלייגן זייערע סחורות אויף פלאַכטעס. עס זענען געקומען די פויערים פון די אַרומיקע

דערפֿער. אויפֿן יאַרמאַרק פֿלעגן אַפֿילו אַראָפּקומען סוחרים פֿון וואַרשע, און פֿון לאָדזש. פּויערים מיט חזירים, מיט קעלבלעך. פֿון וואַרשע האָבן זיך אַראָפּגעיאָוועט מאַרעוויכערס, טאַלטל־גייערס, פּאַטאַשניקעס, חברה מיט די דריי קאָרטן, אַ שוואַרצע טויז און אַ רויטע טויז; די רויטע טויז האָט געוווּנען. עס האָבן זיך אַרומגעדרייט ציגיינער און געלייגט קאָרטן. סוחרים האָבן פּאַרקויפֿט לייוונט אויפֿן אייל, געמאָסטן מיט אַ לאַנג שטעקעלע. כדי דער פּויער זאָל זען, אַז דאָס שטעקעלע האָט די ריכטיקע מאָס פֿון אַן אייל, האָט מען אים געוויזן:

— זעסט די מאָס פֿון 2 איילן מיט 25... און אַריינגעוואָרפֿן אַ יידיש ווערטל, וואָס דער פּויער האָט נישט פֿאַרשטאַנען — ס'וועט דיר נאָך בלייבן אויף תכריכים...

שרה איז געשטאַנען אויפֿן מאַרק מיט אַביסל פּוטער, קעז, טרוקענע קעזלעך, מילך. געוויינלעך האָט זי מיטגענומען אויפֿן מאַרק ברײַנדעלען, זי זאָל אַכטונג געבן, מ'זאָל נישט גנבענען פֿון הינטער די הענט. דערפֿאַר האָט זי געבעטן, אַז ברײַנדעלע זאָל וואָס גיכער געזונט ווערן. עס זענען געווען די לעצטע טעג פֿון אָדר. עס איז ערב יום־טוב. יידן זענען געקומען אויפֿן מאַרק, אַ קינד דאַרף האָבן אויף יום־טוב אַ שיכל, אַ העמדל, אַ ציצית־כּנפֿות. אָבער אַ גוי דאַרף אַרומלויפֿן מיטן חזיר.

ברײַנדעלע האָט זיך געבעסערט. אָבער מיטן טאַטן איז זי געבליבן ברוגז. זי האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דאָס וואָס דער טאַטע האָט איר געשלאָגן, איז עס נישט אומזיסט. נאָר אים אויף צו להכעיס וועט זי גיין צו סטאַשעקן, אַפֿילו דער טאַטע זאָל איר דערהרגענען. אין דרויסן איז געווען שיין, האָט זי אַרויסגענומען אַ קישן און אַוועקגעזעצט זיך אויפֿן הויף. און סטאַשעק האָט זיך ווידער פֿאַרגנבעט אין הויף אַריין.

— איך בעט דיך, בראָניאַ — האָט ער געזאָגט — אַז דיין מאַמע וועט מיך אַוועקיאָגן, זאָלסטו גאָרנישט זאָגן.

און ער האָט איר געגעבן אַ קוש אין דער האַנט. ער ווייזט איר אַרויס אַזויפיל מענטשלעכקייט, פאַרוואָס זאָל זי אים פיינט האָבן? זי איז צוריק אַריין, אַוועקגעלייגט זיך אויפן בעט, ביז פאַרנאַכט, ווען די מאַמע איז צוריקגעקומען פון יאַרמאַרק. ווען מענדל איז אַרייַנגעקומען, האָט ער באַלד געפרעגט:

— וואָס מאַכט דאָס קינד?

— מיר האָבן אַ גרויסן גאָט... — האָט זיך שרה געווישט די אויגן.

ער האָט זיך גענומען איבערטון. אויך מאיר טאַם האָט אַרומגעוואַשן זיינע שטיוול ביים ברונעם. ער האָט מיטאַמאָל דערזען, אַז זיינע שטיוול זענען אינגאַנצן צעלייגט, ער גייט לעבן די זוילן, פון פאָרנט זעט עס אויס ווי אַ פיש, וואָס וויל עפענען ס׳מויל, די שטיפטן, ווי ציין, ווילן עסן. וואָס טוט מען? רעדן וועגן געלט מענדלען פאַסט אים נישט. דער זמן איז נאָך נישט אַריבער. צווייטנס, זיי האָבן מיט זיך צו טון, זייט ברײַנדל איז קראַנק געוואָרן. און ער פילט זיך דאָ ווי אַ בחינמדיקער פרעסער. ער לערנט יעדן טאָג מיט קלמענען. זי האָט צו טאָן מיט אַ שגץ, ברײַנדל, נאָכוואָס טויג איר דאָס לערנען? ער איז אַריין אין שטוב, זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער מענדלען און זיך געמאַכט גראַבלען ביי די שטיוול, ביז דער באַלעבאָס האָט אַ געשריי געטון:

— מאיר, דיינע שטיוול בעטן עסן...

האָט ער אַ קוק געטון און דערזען דעם חורבן.

— אוי, וויי איז מיר, וואָס טוט מען?

— איך האָב אַ פּאָר אַלטע שטיוול. גיי, מעסט זיי אָן, און אויב זיי זענען גוט אויף דיר, קענסטו זיי נעמען.

— כ׳דאַנק אייך זייער, באַלעבאָס, פאַר אייער גוט האַרץ.

דאָס איז מענדלען זייער געפעלן. מאיר האָט אָנגעמאָסטן די שטיוול און זיך מחיה געווען. און מענדל האָט געזאָגט, אַז אויף

פסח, אַחוץ שכר־לימוד, וועט ער אים נאָך מאַכן אַ גוט מלבוש. אַצינד, ביים עסן, האָט שרה'לע ריזיקירט צו פרעגן ביים מאַן:

— וואָס וועט זיין דער תכלית פון ברײנדלען?

— ביסט אַ יידענע. ס'וועט, אם ירצה השם, גוט זיין. אָבער דעם גוי וויל איך פאַר די אויגן נישט זען.

— נו, ווער וויל דען בעסער?

ברײנדל האָט עס געהערט פון אַלקערל. נאָכן טאַטנס אַוועקגיין, איז זי אַריין אין שטוב, זיך אויפגעקעמט דעם קאָפּ, אָנגעטון אַ שיין ווייס בלוזקעלע, אַ האַלקע מיט אַ קליידל, אויסגעפלאָכטן די צוויי שיינע, לאַנגע צעפּ, פאַרצויגן מיט אַ ראָזע באַנד. אַז זי האָט געהערט די מאַמע איז אַרויס, איז זי צו צו דער טיר. מאיר טאַם מיט קלמעלען זענען געזעסן פאַרטיפט אין לערנען. ברײנדל האָט אַ זאָג געטון צו קלמעלען:

— אַז די מאַמע וועט זיך פרעגן, זאָלסטו איר זאָגן, אַז יאַך קום באַלד.

און איז אַרויס. ווען סטאַשעק האָט איר דערזען פון דער וייטן, איז ער צוגעלאָפן צום ברונעם. זי האָט אויסגעצויגן די האַנט, ער זאָל איר אַ קוש געבן. בראָניע האָט אים געזאָגט, אַז זי מוז שוין גיין, ווייל די מאַמע קען נאָך קומען. און זי האָט גענומען לויפן צוריק אַהיים.

מענדל איז אַריינגעקומען, אַריין צו איר אין אַלקערל און געזאָגט:

— קינד מיינס, וואָס דו פאַרלאַנגסט, גיב איך דיר.

— מיינע פאַרלאַנגען זענען, מיך צו לאָזן פריי צו טון וואָס איך וויל. איך האָב זיך באַקענט מיט אַ פריינד...

— ווער איז דער פריינד? — האָט מענדל געפרעגט אומרואיק.

— מיין פריינד איז ...סטאַשעק, יאַצעקס זון. מיר לעבן אין אַ דאָרף. מיט וועמען ווילסטו זאָל איך דאָ אויסרעדן אַ וואָרט? אַז נישט, לאָמיר אַוועק פון דאַנען, אין שטאָט אַריין...

— ווילסט אונדז באַגראָבן לעבעדיקערהייט... ביסט אַ יידישע טאָכטער און ער איז אַ גוי...

— איך פאַרשטיי גאָרנישט אין ווען דער מזיק איז אַריינגעראָטן... — האָט שרה'לע, דערהערנדיק אַזעלכע רייד, אויסגעשריגן — אויף יעדן וואָרט, ענטפערט זי דיר צען מאָל אַזויפיל.

— זעץ זיך אַוועק, אשה, און הער אויס ווי מיר האַלטן ערגעץ אין דער וועלט. מען קען קראַפירן אויפן אָרט. איך האָב איר געלאָזט רעדן. זי גייט מיט אַ שגץ, ווייל זי קען דאָ אין דאָרף זיך נישט דערקלייבן קיין אַנדערן... די ביכלעך האָבן איר פאַרפירט...

— ווען מען וואָלט געווינט אין שטאָט, וואָלט דער בראָך נישט געקומען.

— וואָס וועט מענדל טון אין שטאָט? כ'וועל ווערן אַ רב?... כאָטש גיי נעם אַ שטריק און הענג זיך אויף.

קאַפּיטל דריי

דעם זעלבן אָוונט איז אַריינגעקומען חיה׳לע, די נייטאָרין צו דאָבעלע די גלעזערין און געפרעגט:

— דאָבעלע, אפשר האָבן זי אַ נאָדל? דער שפּיץ איז מיר צעבראָכן געוואָרן.

— איך האָב ערגעץ געהאַט אַ גאַנץ קאָלערל פּאָדעם, און דאָרט האָב איך אַריינגעשטאָכן די נאָדל. איך האָב אין צו דער־ציילן אַ גוואַלדאָוונע זאַך, אָבער דאָס מוז בלייבן אַ סוד. זי הערן, חיה׳לע, מיין מאַן איז היינט אַהיימגעקומען און דער־ציילט: מענדל תבואה־הענדלער איז אַראָפּ פון גלייכן וועג. און בריינדעלע מזיק, וואָס איז נאָך פון דר׳ערד נישט אויפגעוואַקסן, שלעפּט זיך אַרום מיט יאַצעקס זונדל סטאַשעק. לייטן זאָגן, אַז זי טראָגט שוין. נו, וואָס זאָגן זי דערצו? אַזאַ קליינע כפרה... האָבן זי שוין געהערט אַזעלכעס?

— יאָך וועל אין זאָגן די ריינע וורהייט, עפּעס האָב איך שוין געהערט, אָבער אויף אַזויפיל האָב איך נישט געוווסט. דאָבע־לע, זי מוזן מיר אַנטשולדיקן, כ׳האָב איבערגעלאָזט דאָס קינד אין וויגל.

און חיה׳לע האָט צוגעקלאַפּט די טיר און גענומען לויפן, אין איין אָטעם, גלייך צו מלכה די הענדלערין, כדי צו דערציילן איר אַלץ, וואָס זי האָט געהערט ביי דאָבעלע די גלעזערין.

— ווי קען זי באַקן אַזאַ ליגנט? — איז מלכה אַרויס — איך

בין פונקט געווען ביי שרהן, ווען דער דאָקטער איז געקומען. איך ווייס פון אַלצדינג.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און מ׳האָט זיך גענומען אַריינזאָגן. באלד איז אַריינגעקומען חיה׳לעס עלטסט מיידעלע מיט אַ געוויין, אַז ס׳קינד ווייִנט.

מלכה האָט געהאַלטן מיט מענדלען, און דאָבעלע האָט זיך מיט אַלעמען אַרומגעקריגט. אומעטום האָט זי אַריינגעשטעקט די נאָז.

ביי מענדלען האָט מען זיך געגרייט צום יאָרמאַרק. ער האָט געהאַט ליגן אַ שיינע פּאָר קערץ האָבער, ווייץ, קאָרן. שרה האָט געהאַט צוגעגרייט אַביסל מילכיקס. ס׳איז געווען ערב פסח. עס זענען זיך אָנגעקומען יידן און פויערים פון גאַנצן קאַנט. פויערים האָבן געשלעפּט קי אויף שטריקלעך; יידן, ווי די קאַצאַ־פּעס, מיט אַ רוסישן שינעל און אַ הויך יידיש היטל, האָבן געפירט גאַנצע סטאַדעס קאָזעס. אומעטום — פאַרשטעלט מיט פערד און וועגענער. צווישן אָט דעם טומל איז שרה געשטאַנען מיט איר געשטעל מילכיקס, פרישן און טרוקענעם קעז, פּוטער, זויער־מילך. די הויפּט־צוהעלפערין איז געווען בריינדעלע. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ ברייט פאַרטוך און געקלונגען מיט קליינ־געלט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ „סטאַלע" געמיט. מ׳האָט איר געקענט שאַצן אויף 18 יאָר, אָבער זי איז נאָך קיין גאַנצע פערצן יאָר נישט אַלט געווען. אַלע יונגען האָבן פאַר איר באַקומען די פּלאַץ. סטאַשעק איז פאַרביי, זייערע בליקן האָבן זיך צונויפגע־טראָפן, זיי האָבן זיך איבערגעוווּנקען.

איינמאָל האָט דאָרט אַ פויער געזוכט אַוועקצולקחענען אַ שטיק סחורה ביי אַ ייד. מ׳האָט אים געכאַפּט, און באַלד איז געוואָרן אַזאַ גראַטשקע, אַז מ׳האָט שיער נישט צעטראָגן אַלע סטראַגאַנעס. עס זענען געקומען צולויפן די פערד־הענדלער, מיט שטעקנס אין די הענט. אָבער סטאַשעק האָט זיך אַריינגעריסן

אין דער מיט, געשריגן ס'זאָל זיין שטיל. ער אַליין האָט אַ כאַפּ געטון דעם גוי און אים געטון אַ וואָרף אַוועק, ווי אַ זאַק. געזונט איז ער געווען ווי אייזן. אַז דאַבעלע האָט געזען ווי ברײַנדל שטייט און שײַנט פון נחת, האָט זי אַ געשריי געטון:

— משומדת! — און אויסגעשפּיגן.

שרה'ן האָט געדרייט אין בויך. זי האָט עס נישט געקענט איבערטראָגן. בײַנאַכט, ביי וועטשערע, האָט זי עס דערציילט מענדלען. ער האָט זיך אַביסל פאַרקלערט און געזאָגט:

— הער נאָר, שרה'לע, איך האָב שוין גענוג סטאַראָ זשרעבין.

— וואָס וועט זיין מיט די קי, מיט דער גאַנצער באַלעבאַטיש־קייט?

— מיר ציען זיך קיין וואַרשע. דאָרט וועסטו וויסן פון א לעבן.

ער האָט באַפוילן מאיר טאַם ער זאָל אים גוט ריין מאַכן די שבתדיקע שטיוול, נישט מיט קיין דזשעגעכץ, נאָר מיט שי־וואקס, ביז עס איז אַרויס אַ גלאַנץ. דערפאַר האָט ער אים אָפּגעשטעקט אַ צענער, פינף קאָפּיקעס. שרה'ן האָט ער אָנגעזאָגט זי זאָל צוגרייטן פאַר אים עטלעכע העמדער. ער האָט זיך געקליבן אַרײַנצופאָרן קיין וואַרשע. צי זאָל ער נעמען זיין בריטש־קעלע, אָדער פאָרן מיט דער באַן? אָבער ער האָט באַשלאָסן צו נעמען אַ פויעריש פורל, אַרײַנצופאָרן קודם קיין פּלאָצק, און דאָרטן נעמען דעם סטאַטעק קיין וואַרשע. ער האָט אָפּגערעדט מיטן פויער יאַנעק, אַז ער וועט אים גוט באַצאָלן, ער זאָל קומען באַלד באַגינען. אין טלית־זעקל האָט ער אַרײַנגעלייגט די תפילין מיטן סידורל.

באַלד באַגינען האָט יאַנעק אַ קלאַפּ געטון אין לאָדן. מענדל איז שוין לאַנג נישט געשלאָפן. יאַנעק האָט אַ שמיץ געגעבן דאָס פערדל און — אין וועג אַריין. אין פּלאָצק האָט ער נאָך באַוויזן צו כאַפּן דעם סטאַטעק קיין וואַרשע. ער האָט מיטגעהאַט אַ קויש

עסן, וואָס שרה האָט אים צוגעגרייט — אַ האַלבע געבראָטענע גאַנדז, אַ שטאָף בראָנפן.

אין וואַרשע, ביי דער קערבעדזש־בריק, האָט ער גענומען אַ דראָזשקע און זיך געהייסן פירן אויף אַ לייטישער אכסניה. דערנאָך איז ער אַוועק אין גאַס, זיך אַרומקוקן. ער איז געגאַנגען פון מאַרשאַלקאָווסקע ביזן זאַקסישן גאָרטן, אַריין אין קרולעוו־סקע, ביים גזשיבאָוו. דאָרט האָט געראַיעט מיט יידן. זיי האָבן געשאָלטן, גערעדט געדיכט, ער האָט געטראָפן צוויי ביידלעך, ווי ער פלעגט אַמאָל קויפן אַ יידיש בלאַט. ער האָט געזוכט ווי מען גייט אַריין עפּעס אָפּעסן. ער איז אַריין אויף גנאָינע 7. דאָרט איז פול געווען מיט הענדלער פון אונטער די האַלעס, פורמאַנעס פון פאַרן אייזערנעם טויער, פון גאָשטשינני דוואָר, מעקלערס, אָרע־מעלייט. דערווייל איז צוגעקומען דער רעסטאָראַטאָר, האַריש, און אים געפרעגט:

— וואָס וויל אַ ייד? אַ גוטן שנאַפּס, אַ נייניצקער...

קודם האָט מענדל זיך געהייסן דערלאַנגען אַ טאָפּלטן שנאַפּס.

און האַריש, מיט זיין היפש בייכל, גיט אַ געשריי:

— היי, קעלנער. אַ טאָפּלטן...

און אַז שמשון דער קעלנער האָט אים צוגעטראָגן אַ קעלישעק, איז באַלד אויך געווען דערביי ברויט מיט הערינג, געהאַקטע לעבערלעך, גענדזענע גריוון. און מ'האָט אים ווייטער געפרעגט, צי ער האָט ליב לאָקשן מיט באָבעס, קרעפּלעך מיט יויך, רייז מיט יויך, אָדער אַן אָנגעברענטע זופּ מיט בעבלעך, שוואַרצע קאַשע, קאַרטאָפּל מיט באָרשט, אַ קאַפּושניאַק מיט קישקע. מענדל האָט זיך געהייסן דערלאַנגען קרעפּלעך, נאָר מען זאָל נישט דאַרפן — האָט ער צוגעגעבן — אַרומזוכן קיין קרעפּל אין טעלער. האָט דער קעלנער אַ געשריי געטון אין קיך אַריין:

— טאָפּלט קרעפּלעך!

האָט מען אים דערלאַנגט אַ פולן טעלער מיט קרעפּלעך,

דערנאָך אַ גוט שטיקל זופּן־פלייש. קיין צימעס האָט ער נישט ליב געהאַט. דאָס איז גוט פאַר קראַנקע. בייעריש ביר האָט ער צוגעטרונקען צוויי גלעזער.

נאָכן עסן האָט ער באַצאָלט און איז אַרויס אין גאַס. ער איז אַריין אין גאָשטשינני דוואָר, אין צווייטן הויף האָט ער דערזען בלויז חזיר־געוועלבער, עס האָבן געהאָנגען גאַנצע און געפּערטלטע חזירים. ער איז געגאַנגען אין יאַנושעס הויף, אין די האַלעס. דאָרט זענען געווען די סאַדאָווניקעס, אויפן פּלאַץ כלאָדנע זענען געווען די גרויסע פיש־סוחרים, ס'זענען געשטאַנען אין די הונ־דערטער קויקעס מיט פיש. אויף דער סאָלנע גאַס זענען געווען שפּיליטערס.

ביים לאָמען איטשע האָט ער זיך נאָכגעפרעגט ווו מען קען דאָ קריגן אַ דירה. יענער האָט אים דערציילט וועגן איינעם, וואָס פאָרט קיין אַמעריקע, און יענער באַזיצט אַ גרויסע וווינונג. אויב ער וויל, קען ער מיט אים אַריבערגיין. זיי האָבן זיך באַשטעלט צו טרעפן ביי האַרישן אין רעסטאָראַן. זיי זענען דערנאָך אַוועק אויף אָגראָדאָווע, צו איינעם גאָלדמאַן, אַ שניט־סוחר. ער האָט באַקוקט די דירה און ס'איז אים באַלד געפעלן געוואָרן. ס'איז געווען איבערצונעמען מיט אַלעם, מיט די זאַכן, ווי עס שטייט און גייט. אַ דירה פון פיר שטובן מיט אַ קיך, פאַר 400 רובל. זיי זענען אַוועק צום ראַדאָמער רב, איינצולייגן דאָס געלט און דאָס עסק איז געשלאָסן געוואָרן, אויף נאָך שבועות.

קאַפּיטל פיר

מענדל איז גלייך צוריק אַהיימגעפאָרן, צו ליקווידירן דאָרט אַלץ. ס'איז געווען ערב פסח. ער האָט אין שטוב קיינעם גאָרנישט דערציילט. אין שטוב איז געווען יענער הולד. די בעטן אויפן הויף, אין די שעניקעס האָבן זיי אָנגעשטאָפּט פריש שטרוי, די קישנס איבערגעצויגן. דאָס גאַנצע חמצדיקע געפעס האָט זיך געוואַלגערט אויף דר'ערד. מצה שמורה האָט אים, אין אַ ציכל געשיקט דער פלאָצקער רב. שרה'לע האָט געווייסט די ראָנדלעס. זי האָט געקויפט אַ גרויסן קאָכלעפל, גלאָזוואַרג אין פלאָנסק. אין קעלער זענען געשטאַנען צוויי פעסער מיט באָרשט, וואָס שרה'לע אַליין האָט איינגעלייגט. אַ פולער קעלער קאַרטאָפל. שרה'לע האָט אַוועקגעלייגט אין יעדן ווינקל אַ פּאָר קרישקעס חמץ און מענדל פלעגט עס צונויפנעמען, מאַכן אַ ברכה און מיט אַ גאנדז־פעדער פאַרברענען דעם חמץ.

אָנקוקנדיק דאָס אַלץ, דעם גאַנצן האַרמידער, האָט זיך מענדל פאַרטראַכט — נאָכוואָס דאַרף מען עס? דעם ערשטן טאָג חול־המועד איז מענדל אַוועק צום מילנער און אים געזאָגט, אַז ער זוכט צו פאַרקויפן זיין הייזל מיטן פעלד.

— וואָס איז פלוצים געשען? — האָט יענער נישט פאַר־שטאַנען.

— ווי זאָגט מען ביי יידן — משנה מקום משנה מזל. אָט האָב איך אַ מיידל, 14 יאָר אַלט, און דאָס דאָרף רעדט שוין...

דער מילנער האָט אים באַטראַכט און געזאָגט:

— רעכט. אַז מ׳האָט קינדער, דאַרף מען זאָרגן פאַר זיי. ער האָט אים צוגעזאָגט:

— כ׳וועל עס אין זינען האָבן. דאָס מאַכט זיך נישט אין איין טאָג.

צומאָרגנס איז מענדל געווען ביים סאָלטיס און אים אויך דערציילט, אַז ער וויל פאַרקויפן זיין הויז מיטן פעלד.

צוויי וואָכן נאָך פסח איז געקומען פאָן דראָבניצקי, מענדל האָט אַלץ פאַרשאַכערט, און — געענדיקט מיט סטאַראָ זשרעבין. דריי טעג פאַר שבועות האָט מען זיך געצויגן קיין וואַרשע. ער האָט געסילוקט מאיר טאָם פאַרן זמן, נאָך מיט אַן עודף. ער האָט אים געטריי געדינט אַזויפיל יאָרן. מאיר איז אין וואַרשע אַוועק אין בית מדרש׳ל אויף גנאָינע.

אָגראָדאָווע 25 איז געווען זייער נייער מקום מקלט. ס׳איז מענדלען, דעם שטעטלדיקן ייד, מער נישט געווען צו דערקענען — אַראָפּגעוואָרפן די פאַרבלאָטיקטע שטיוול, אָנגעטון קאַמאַשן, אַ וועסטל מיט אַ זייגער און אַ זילבערנע דעווייסקע, אַ שטעקן מיט אַ זילבערן הענטל, אַ געהאַקטע קאַפּאָטע און אַ נידעריק יידיש היטל. אויך שרה׳לע האָט זיך אָנגעטון מער גרויס־שטאָטיש. ער האָט אָנגעזאָגט בריינדלען:

— גיי מיט דער מאַמען, און זאָל זי זיך איינקויפן שיך, קליידער.

דער בחור, קלמעלע, האָט זיך אין שטאָט גאָר פאַרלוירן. מענדל האָט געזאָגט צו אים:

— קלמן, טו נאָר אַ קוק, איך בין איינגעריכט, צי נישט?

— ניין, טאַטע.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז דו קוקסט נאָר אויף דר׳ערד? האָסט געלערנט די מגילה? געדענקסטו אַוודאי, אַז המן האָט געהאַט צען זין, און איינעם — ויזתא. זאָלסטו נישט זיין קיין

ויזתא, דו הערסט? איך וועל דיר מאַכן אַן „אובראַניע". זאָלסט זיך מער נישט ווישן מיטן אַרבל די נאָז, האָסט געהערט, צי נישט?

ער איז מיטן זון אַרויס אין גאַס, אויפגעזוכט אַ רעזורע און געהייסן אים אָפּשערן די האָר, איבערלאָזן די פּיאות... אָבער אין דער רעזורע האָבן זיי אומישנע פֿאַרקוקט, און ווען ער איז אַרויס, האָט ער זיך אַרומגעטאַפּט און נישט געפֿונען קיין פּיאות. ס'איז אים קאַלט געוואָרן. דער טאַטע האָט געלאַכט. ער איז געגאַנגען מיט אים קויפֿן אַ פּאָר שיך מיט קנעפּלעך. ווען שרה מיט ברײַנדלען זענען צוריקגעקומען פֿון גאַס און דערזען קלמעלען, האָט שרה אַ פּאַטש געטון מיט די הענט:

— ער זעט אויס, אויף מײַן וואָרט, ווי יאַנעק...

זי האָט אים גענומען אַרומקוקן פֿון אַלע זײַטן, צי מ'האָט אים אַמאָל נישט פֿאַרטוישט.

מענדל האָט געלייענט אין „מאָמענט", אַז אין קאַמינסקי־טעאַטער שפּילט „בר־כוכבא". דאָס איז געווען אַ דינסטיק. האָט מענדל געגעבן ברײַנדלען דרײַ רובל און איר געזאָגט:

— גײ אויף דער אָבאָזשנע, אין טעאַטער אַרײַן, און קויף בילעטן.

און זי איז אַוועק קויפֿן בילעטן אויף פֿרײַטיק־צונאַכטס. ס'איז דערווײַל געווען אַ סוד אין הויז, קיינער האָט עס נישט באַדאַרפֿט צו וויסן. ער האָט געזען, אַז אין הויז זאָל גאָרנישט פֿעלן, אַלע צימערן אָנגעשטעלט מיט מעבל. פֿון די קינדער האָט ער געוואָלט מאַכן לײַט, זיי זאָלן זיך לערנען אין אַ פּוילישער שולע.

פֿרײַטיק אין דער פֿרי האָט שרה געגעבן ברײַנדלען געלט און אָנגעזאָגט:

— גײ, מײַן קינד, און קויף אײַן צווײ ברויט, פֿיר חלות, אַ ציבעלע־קוכן, אַ האַלב פֿונט לעקעך, אַ לויט פֿעפֿער, אַביסל

ענגלישע געווירץ און אַ האַלבע קוואַרט וויין לכבוד שבת.

אַליין האָט זיך בריינדל אויך געדאַרפט צוגרייטן, צו גיין אין טעאַטער. זי האָט אויך געטראַכט, אַז די מאַמעשי זאָל שיין אויסזען, ווען מען קומט צווישן מענטשן. און אַז מענדל איז אַריינגעקומען, האָט בריינדל, קעגן איר ווילן, אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. ס'איז געווען פאַרנאַכט, און מענדל האָט שנעל געטון אַ שלינג אַריין דעם „לכו נרננה", האָט אַ געשריי געגעבן: גוט שבת! ער האָט געמאַכט קידוש, געוואַשן זיך די הענט, צעשניטן די חלה און יעדן געגעבן זיין המוציא.

באַלד נאָכן עסן האָט מען זיך גענומען גרייטן, אָנטון זיך. מענדל האָט אַרויסגענומען פון אַ פודעלע אַ האַרטן קאַפּעלוש. אַז ער האָט אים אָנגעטון האָט ער אויסגעזען ווי אַן אַמעריקאַ־נער. שרה האָט זיך אָנגעטון אין אַ ווייסע בלוזקע. קלמענען האָבן זיי אויך אויסגעפּוצט. וועגן בריינדלען איז אָפּגערעדט — זי האָט געשיינט מיט אַלע חנ'ען. נאָר מיט שרה'לען איז געווען אַ שטיקל צרה — די נייע שיך זענען געווען צו גליטשיק, און דער טאַטע מיט בריינדלען האָבן איר געמוזט פירן אונטערן אָרעם. און פאַר שרה'ן איז אַלץ געבליבן אַ סוד — וווהין מען גייט.

אַז מען איז צוגעקומען צום טעאַטער, זענען דאָרט געשטאַנען אַזויפיל מענטשן, אַז ס'איז נישט געווען צו דערשפּאַרן זיך. שרה'לע האָט געפרעגט:

— וואָס איז דאָ? די גרויסע שול? די סינאַגאָגע?...

זי האָט שוין לאַנג געהערט וועגן דער וואַרשעווער גרויסער סינאַגאָגע, ווו עס דאַוונט דער באַרימטער חזן סיראָטע. און דאָ איז זי געוווּיר געוואָרן אַז ס'איז גאָר אַ טעאַטער.

— וואָס איז אַזוינס אַ טראַיאַטער?

— זיי שטיל. — האָט בריינדל דער מאַמען געצויגן ביים אַרבל.

האָט זי שוין מער גאָרנישט געפרעגט. נאָר ס'האַרץ האָט איר

שטאַרק געקלאַפּט. זיי זענען מיטגעצויגן געוואָרן מיטן שטראָם און מ׳האָט זיך באַזעצט אין די טיפע שטולן. די גאַלעריעס האָבן געשטורעמט, אַז זי האָט געמיינט — ס׳ברענט. אין מיטן זאַל איז געשטאַנען אַ בוים מיט לאָמפּן. נאָר פּלוצים איז געוואָרן פינצטער. עס האָט זיך געעפנט אַ פאָרהאַנג. און וואָס האָט זיך עס דאָרט אויבן אָפּגעטון? זי האָט געזען פּלוצים אַ ישיבה, מיט אַ רבין. דאָס איז געווען ר׳ אליעזר. ער האָט געוויינט און געקלאָגט מיט אַלע ציונס קינדער, געבראָכן זיך די הענט אויפן חורבן ירושלים. דאַן איז איינער אויפגעשטאַנען און געזאָגט, אַז פון זיצן און וואַרטן וועט גאָרנישט אַרויסקומען.

— ווער איז ער? — האָט שרה געפרעגט.

— דאָס איז בר כוכבא — האָט איר מענדל שטיל געזאָגט — ער פאַרמאָגט די גבורה פון אַ לייב. אָבער זאָל זיין שטיל...

און זי האָט דערנאָך געזען, ווי אַלע שטייען צו צו אים, שווערן אים טרייהייט, און זינגען: „עס לעבט אונדזער בר־כוכבא, עס לעבט אונדזער משיח״, און אַז ער הייסט נאָך דוד אויך, איז דאָך אַ סימן, אַז ער איז דוד המלך, און ער איז געקומען אויפן ווייסן פערד אונדז אויסלייזן. און ווייטער האָט זי געהערט, ווי דינה זאָגט צו די שוועסטערן און זינגט דערביי:

ווײנט זשע אַלע, ציונס טעכטער,
קלאָגט זשע קינדער אַלע באַנאַנד,
אַזאַ נויט, אַ צייט אַ שלעכטע,
וואָס האָט געטראָפן אונדזער לאַנד.

דאָס איז געווען אליעזר׳ס טאָכטער, און זי רופט אַלע ווייבער זיך צו שלאָגן אַקעגן די רוימער, וואָס האָבן פאַרכאַפּט אונדזער לאַנד. און שפּעטער, אַז מען האָט שוין געקרוינט בר־כוכבאן און ער האָט געמאַכט פּאַפּוסן פאַר זיין פעלדמאַרשאַל, דאָס האָט

שרה'לע נישט געקענט פאַרשטיין. עפּעס יידן זאָלן האָבן אַ לאָמען גענעראַל. און שפּעטער, אַז זי איז געוואָויר געוואָרן, אַז דער רבי ר' עקיבא איז צוגעשטאַנען צו בר־כוכבא מיט זיינע 40 טויזנט חסידים, איז זי געווען איבערגליקלעך. אָבער שפּעטער, ווען זי האָט געזען, ווי צעזאַר טרינקט מיט זיין אַרמיי דעם וויין און שרייט צו די גזלנים: טרינקען, טרינקען! האָט זי געזען פאַר זיך די רוסישע פּאָגראָמשטשיקעס. און זי האָט געבעטן גאָט, אַז בר־כוכבא זאָל ווערן שמשון הגיבור. אָבער ווען זי האָט זיך דער־ווּסט, אַז פּאַפּוס, דער גאַנצער רעדל־פירער פון בר־כוכבא, איז אַ פאַרעטער צו יידן, און אַלץ צוליב אַ בתולה, איז איר מער גאָרנישט איינגעגאַנגען. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַ ייד מיט אַ באָרד זאָל דאָס טון, נאָך בפרט אין אַזאַ צייט? נאָר אַזוי ווי פּאַפּוס איז געווען אַ געלער, האָט זי זיך געזאָגט: אַ געלער איז אַ גנב. זי האָט דערזען ווי דינה זיצט, נעבעך, אין פעסטונג און דער קייסער איז געקומען און זיך געוואָלט כאַפּן צו דינה'ן, האָט זי דערזען דאָס טריפהנע גוישקע בלוט. אַזוי זענען די יידישע שונאים — זיי ראַבעווען און זוכן צו שענדן יידישע טעכטער, אַז די כפרה זאָלן זיי זיין. אָבער בר כוכבא זיגט, און זי איז גרייט געווען צו גיין העלפן שלאָגן דעם שונא. ווער שמועסט נאָך, אַז דער גאַנצער קנאַקער קומט זיך בעטן ביי דינה'ן און וויינט ווי אַ קליין קינד, אַז ער איז איר גרייט צו באַפרייען, אַבי זי זאָל גיין בעטן בר כוכבא; און זי וויל גאָרנישט הערן און געדענ־קען. ווערט דער קייסער אין כעס און הייבט פון איר אָן רייסן שטיקער און וואַרפן פאַר די חיות. זיצט שרה'לע מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

— האָסט עפּעס געזען, ווי איינגעשפּאַרט זי איז... אַ רחמנות, אויף מיין וואָרט...

זי שעלט די יידישע שונאים מיט טויטע קללות, און בעט גאָט, אַז ער זאָל אַראָפּשיקן אַ גזר אויף זיי. אָבער אָט רופט

בר כוכבא אַריין די סנהדרין, זעצט זיי אַוועק יעדן אויף זיין שטול און זאָגט צו זיי: „איר, וואָס האָט געמשפּט מענטשן, זאָגט וואָס קומט אַזאַ איינעם, וואָס איז דעם לאַנד נישט געטריי".

און ר' אליעזר מיט די סנהדרין טראָגן אַרויס דעם פּסק־דין: טויט־אורטייל! און בר כוכבא זאָגט, אַז ר' אליעזר איז דער באַשולדיקטער, ווערט שרה'לע אַזוי אין כעס, גיט זיך אַ שטעל אויף, אָבער מענדל לאָזט נישט. זי שרייט:

— פּאַפּוס האָט דאָס אונטערגעפירט ס'גאַנצע געשעפט... יאַך מוז אים גיין זאָגן... — האָט זי אויסגעשריגן

מענדל האָט זי קוים איינגעהאַלטן. דער עולם האָט געלאַכט. און ווען בר כוכבא דערשטעכט ר' אליעזרן פאַרן פּאַראָט, באַווייזט זיך ווייטער דער גייסט, און ער זאָגט: „ציון'ס ליכט צאַנקט און וועט מער נישט שיינען"... בעט זי נאָר איין קליינקייט, שרה, אַז פּאַפּוס זאָל זיין די כפּרה פאַר אַלע יידן... דער לאָמער טייוול מיט דער געלער באָרד. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי לאָזט מען דאָס צו אַזאַ נפש צווישן יידן...

אַ גאַנצן שבת האָט מען נאָר גערעדט פון בר כוכבא. מענדל איז געגאַנגען שפּאַצירן אין קראַשינסקיס גאָרטן, און שרה'לע — מיט אים. בריינדל איז געבליבן אין שטוב. זי איז נאָך אַלץ געווען עפּעס אומרואיק.

צומאָרגנס האָט דער בריוו־טרעגער געברענגט אַ בריוו, האָט שרה'לע געמיינט, אַז ס'איז פון איר שוועסטער, אָבער ווען זי האָט אים געעפנט, האָט זי געזען, אַז עס איז געשריבן אין פּויליש. ווען בריינדל האָט גענומען דעם בריוו, האָט זי געזען, אַז דאָס איז געווען אַ בריוו פון סטאַשעקן. אויב — שרייבט ער — וועסט מיר אַזוי גיך נישט ענטפערן, בלייבט מיר נאָר איך זאָל זיך הענגען אויף אַ בוים. זי האָט דעם בריוו עטלעכע מאָל איבערגעלייענט און אים באַהאַלטן. זי האָט אויסגעטאָן מיטאַמאָל דאָס פריילעכע פּנים.

קאַפּיטל פינף

אין זעלבן הויף, אויף אַגראַדאָווע 25, האָט אין אַ קעלער־שטיבל געוווינט פעסעלע די הייבאַם. די ווייבער פון דער אַרומי־קער געגנט האָבן איר געקענט. זי האָט זיך שוין מער נישט פאַר־נומען מיט געווינערינס, נאָר האָט געהאַנדלט מיט וויין. וועלכער ייד' דאַרף דאָס נישט אַביסל וויין צו מאַכן קידוש? איר וויין האָט דער קייסער אַליין געמעגט טרינקען. אַרומגעטראָגן דעם וויין האָט זי אין אַ גאָנשער, צוגעדעקט מיט אַ פאַטשיילע. זי האָט אויך מיטגעהאַט אַ קוואָרט און אַ קוואַרטירל. אַז די פעסעלע האָט זיך דערוווּסט, אַז אין הויף האָט זיך אַריינגעצויגן אַ פרישער שכן, איז זי אַרויפגעקומען צו מענדלען, און גערעדט מיט שרה'לען, אַז זי זאָל נאָר קויפן וויין ביי איר.

— זע נאָר — האָט זי אַ געשריי געטון — יעד האָב אויך אַ שוועסטער, וואָס הייסט שרה'לע. זי איז אינגאַנצן „פּאָדאָבנע" צו אייך...

אַז פעסעלע האָט שוין אויסדערציילט דעם גאַנצן יחוס אירן, אַז איר גאָטזעליקער מאַן איז געשטאָרבן יונג, אַז זי איז געבליבן אַ וויסטע אלמנה, אַז ס'איז אַ מצוה צו קויפן ביי איר, האָט איר שרה'לע געהייסן יעדן פרייטיק אַרויפ־ברענגען אַ האַלבע קוואָרט וויין. ווען פעסעלע האָט עס געהערט, איז איר שיער נישט גוט געוואָרן:

— שרה'לע, זי מאַכן חוזק פון מיר? אין אַזאַ שטוב דאַרף מען כאָטש האָבן צווי קוואָרט...

און פּעסעלע האָט איר אַזוי פּאַרדרייט, אַזוי לאַנג אַריינגערעדט אין איר, אַז מ'איז אַדורכגעקומען מיט איין קוואָרט ווייַן.

מענדל האָט דערווייל פאַרבעטן דעם לאָמען איטשע מיט זיין ווייב אויף שבת נאָכמיטאָג. ס'איז געשטאַנען אָנגעגרייט אַ פולער טיש מיט כל־טוב; קיכעלעך, שאָקאָלאַדע, שיינע באַרנעס, פּאָמע־ראַנצן, וויינטרויבן, פלעשער בראָנפן, ביר, סאָדע־וואַסער. רבי־ניסלעך, באַניעקערן. שרה'לע איז געווען שיין צונויפגעשטעלט, מיט אַ נייַ שייטל. אָבער מיטן רעדן איז זי, נעבעך, געווען זייער אונ־טערשטעליק. מ'האָט געמאַכט אַ שנאַפּס, צוגעביסן. קלמן מיט ברײַנדלען זענען אויך געזעסן ביים טיש. איטשעס ווייב האָט זיך געוווּנדערט:

— אייער ברײַנדעלע איז נישט מער ווי פערצן יאָר? איך וואָלט איר געגעבן אַכצן... אַזאַ שיין פריילין, קיין עין הרע...

— דאָס איז אַ שטיקל סחורה — האָט מענדל געריִמט די טאָכטער — זי וועט שוין אין פייער נישט פאַרברענט ווערן.

— איך האָב אַ יונג פון זיבעצן יאָר — האָט די איטשעכע געזאָגט — ער קען איבערקערן וועלטן...

דערווייל האָט מען גערעדט מכוח פרנסה, און דער לאָמער איטשע האָט גענומען דערציילן, ווי אַזוי עס זעט אויס ביי די סאַדאָווניקעס און מיט די קעלערן פון אויבסט.

— די מעקלערס לייגן גאָרנישט אַריין און נעמען אַרויס... און וואָס מען ליידט זיך אַלץ אָן פון די טרעגער־יונגען. זיי האָבן זיך געמאַכט אַ „מודע", אַז עס קומט אַ פור מיט אויבסט, טאָר קיינער נישט אַראָפּטראָגן. זיי אַליין טראָגן אויך גאָרנישט אַראָפּ. זיי האַלטן שיק־ייִנגלעך, און זיי נעמען דאָס געלט... די קאָמפּי־נאַטאָרן... צוויי קאָפּיקעס פון פוד. און איר מיינט, אַז מען קען זיי גענאַרן?

און אַז איטשע האָט געהערט, אַז מענדל טוט נאָך גאָרנישט, האָט ער אים געזאָגט, ער זאָל זיך אַריינכאַפּן צו אים אין קאַנטאָר,

דאָ באַלד, לעבן דער סאָלנע. אויפן וועג אַהיים, האָט די איטשעכע געזאָגט צום מאַן אירן:

— וואָס זאָגסטו נישט צו דער טשאַסטע? כ'מיין מענדלס ווייב... אַ מענטש זאָל זיצן צוויי שעה און נישט אויסרעדן קיין וואָרט. זי איז אַ קלוגע, אָדער זי איז יענץ קעלבל, וואָס קען גאָרנישט רעדן מיט קיין מענטשן...

ווען די געסט זענען אַוועק, האָבן שרה'לע מיט ברײַנדלען גענומען אַראָפּרוימען פון טיש.

— געלויבט צו גאָט — האָט שרה'לע געזאָגט — וואָס יאַך בין זייערע פּטור געוואָרן.

האָט זיך מענדל צעבייזערט:

— איך האָב דיר טויזנט מאָל געזאָגט, זאָלסט נישט זאָגן יאַך נאָר איך.

ער האָט ביידע קינדער אַרײַנגעגעבן אין „שקאָלע האַנדלאָווע" אויף פּראָסטע גאַס. קלמן האָט געטראָגן אַ העל־גרינעם פּאַלטן מיט גאָלדענע קנעפּ, געטראָגן אַ טעקע מיט ביכער. ברײַנדל האָט אויסגעזען שיין, ווי די וועלט. זי האָט שוין געהייסן בראָניאַ, און קלמן — העניעק. שרה'לע איז נישט געווען צופרידן פון די נייע נעמען פון אירע קינדער. זי האָט געוואָרטשעט:

— זיי וועלן זיך נאָך שמדן אויך און גיין אין קלויסטער אַרײַן...

די קינדער האָבן שוין גערעדט פּויליש צווישן זיך. דערווייל איז סטאַשעק געקומען קיין וואַרשע און זיך געדרייט אויף דער גאַס הין און צוריק. ווען די קינדער זענען אַהיימגעגאַנגען פון „שקאָלע", איז סטאַשעק געשטאַנען קעגנאיבער. אַז ס'איז געוואָרן נאַכט, איז ער אַוועק אין די האַלעס. אַהין זענען בײַנאַכט כסדר געקומען פורן, וועגענער, מיט קילקעס פּיש, מיט הינער, מיט אויבסט. דאָרט האָט ער געזען מענטשן אויסגעלייגט אויף די סטראַגאַנעס און שלאָפן. האָט ער זיך אויך אויסגעצויגן. און

ווי ער חלומט אַזוי פון בריינדלען, פילט ער ווי מען קלאַפּט אים אין דער פּלייצע. ער גיט זיך האַסטיק אַ כאַפּ אויף און זעט אַ פּאַטרול. זיי נעמען אים באַטאַפּן. ער שטייט אַ צעמישטער. מען פירט אים אין זיבעטן צאַרקל. אין קאַזע האָט ער זיך אַוועקגעוואַלגערט אויף אַ נאַרע. דאָרט זענען געווען בייגל־הענדלער, שנוראָוואַדלעס־הענדלער, קליינע גנבימלעך. איינער האָט מיט אַ שטעקן און אַ טשוואָק געגנבעט אויבסט פון די געשטעלן. צו־מאָרגנס האָט מען סטאַשעקן משלח געווען מיטן עטאַפּ אין זיין דאָרף אַריין. ער איז אַהיימגעקומען לייזיק, הונגעריק, אָפּגעריסן. ער האָט אָבער געשריבן אַ בריוו צו בראָניען, אַז ער וועט די אַנדערע וואָך קומען. וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט אין וואַרשע, האָט ער נישט געשריבן.

און אָט האָט זיך מענדל אויך משנה־שם געווען — ער האָט געבעטן שרה׳לען זי זאָל אים רופן נישט מענדל נאָר מאָניעק. פּאַר אַ סוחר איז בעסער — האָט ער געזאָגט — אַז מען הייסט מאָניעק. ער האָט אויך אַלעמען געזאָגט, אַז ער איז אַ פּלאַצקער. ער האָט געמאַכט שותפות מיטן לאָמען איטשע. יענער האָט אַרויסגעצאָלט זיינע צוויי פריערדיקע שותפים. די געשעפטן מיט אויבסט זענען אַוועק נישט שלעכט.

בראָניע האָט איצט געבעטן ביים טאַטן, ער זאָל צונעמען סטאַשעקן צו אַרבעטן ביים אויבסט. אָבער ווען די „שטאַרקע" פון דער האַלע האָבן אים דערזען ביי דער אַרבעט, איז עס געקו־מען צו אַ גרויס געשלעג. מענדלען האָבן זיי אונטערגעהאַקט די זייטן, סטאַשעקן האָבן זיי אויך נישט געזשאַלעוועט. אָבער סטאַ־שעק האָט צוריק דערלאַנגט, אַז מ׳האָט איינעם פון די „שטאַרקע", בערל מאָדזש, געמוזט נעמען אין שפּיטאָל אַריין. דער „שטאַרקער" עליע איז געלעגן אין שטוב אַכט טעג. דאָס זעלבע — לייבל טרעגער, וואָס האָט באַקומען אַ שטורך אין די ריפּן און האָט זיך נישט געקענט רירן, איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ באַנדאַזשירטן

קאָפּ. ווען מענדל האָט געוואָלט מעלדן די פּאָליציי, האָט דער לאָמער איטשע דערצו נישט דערלאָזט. מ'האָט געהאַט א דין־תורה, און מענדל האָט געמוזט באַצאָלן פּאַר אַלעמענס קראַנק זיין, חוץ דעם — 200 רובל, און סטאַשעק האָט געמעגט צוריק אַרבעטן. ער איז געוואָרן דער שטאַרקסטער אונטער די האַלעס.

בראָניע האָט זיך דערוויל אָפּט אַרויסגעגנבעט פון שטוב און געגאַנגען מיט סטאַשעקן אין אילוזיאָן, אויף כלאָדנע. אין דעם אילוזיאָן זענען געקומען בלויז יונגע חברה. ביים אַרויסגיין, האָבן זיי איבערגעדרייט די שטולן. דער באַלעבאָס האָט געשריגן, אַז מען מאַכט אים מער שאָדנס, ווי ער פאַרדינט. ווען מען וועט כאַפּן וועט מוזן באַצאָלן. מ'האָט אויפגעהערט צו גיין אין אילוזיאָן.

מענדל איז אויפגעשטאַנען כעלות השחר. ביים אויבסט האָט מען געמוזט זיין אויף די פיס 5 אַ זייגער. די סאַדאָווניקעס פלעגן זיך שלעפּן אַ גאַנצע נאַכט מיט די וועגעלעך, מיט בריטשקעס, אָדער מיט פלאַטפאָרמעס. זיי זענען אַדורכגעפאָרן די ראָגאַטקע, איינגעצאָלט די פּאַר קאָפּיקעס; דערנאָך זענען זיי אַריינגעפאָרן אין דעם גרויסן קעסל, וואָס ראָיעט זיך באַגינען אין די האַלעס. דאָרט האָבן זיך אַרומגעדרייט גנבים, שווינדלערס, קעשענע־שניי־דערס. די סאַדאָווניקעס האָבן געהאַלטן שטעקנס אין די הענט און געקוקט אין אַלע זייטן, צי איינער דערנענטערט זיך נישט צו זיין פורל, אַראָפּצוציען אַ קויש באַרנעס, אָדער עפּל. אָפּגעלאָדן דאָס אויבסט האָט מען אויפן פלאַץ. אין דער קאַנטאָר האָבן זיי פּשוט געשניטן דעם גאָרגל, ווייל זיי האָט מען באַלד געמוזט מעלדן, וויפל מען האָט קויבערס, און זיי האָבן שוין געוויזן אויף וועלכן פלאַץ מען קען זיך שטעלן. ווייל עס פלעגן קומען אַנדערע סאַדאָווניקעס, און יעדער האָט געדאַרפט האָבן זיין פלאַץ. אויך ביים אָפּוועגן האָט מען געדאַרפט גוט אַכטונג געבן, אַרונטערקריכן מיט דער האַנט, צי עס ליגט נישט אונטן צוגעבונדן אַ שטיין. זיי האָבן געשריגן:

— יענגלקעס! אַ דרייער אַ פונט. אַלעקסאַנדער עפּל 8 גראָשן. באַרנעס, שוויענטע מיכאַלסקע — 14 גראָשן. וווּנגערקעס — אַ זעקסער. פּאַפּירוווקעס — אַ פירער.

אַזוי פלעגט דער סאַדאָווניק אויסשרייען. אָבער ביי די אויפ־קויפערס האָט ער געקענט קריגן אַ האַרץ־פעלער און קיין געלט האָט ער נאָך אַלץ נישט אָנגעזען; מען האָט געקריגן עפּעס אַ צעטעלע, און מיט דעם צעטעלע האָט מען זיך געדאַרפט ווענדן 10 אַ זייגער אין רעסטאָראַן ביי האַרישן. דערווייל האָט זיך דער סאַדאָווניק אַרומגעדרייט, און אַז גאָט האָט געהאָלפן, אַז ער איז שוין אַריינגעקומען, די אויגן פון קאָפּ זענען אים שוין אַרויס־געקראָכן, צוגעגרייט זיין צעטעלע, געוואַרט אויפן געלט, פלעגט מענדל, אָדער דער לאָמער איטשע אַ געשריי געבן צום קעלנער:

— העי קעלנער, וואָס לאָזסטו זיצן מענטשן?

פונקט ווי דער קעלנער וואָלט געדאַרפט אויסצאָלן דאָס געלט. דער קעלנער איז באַלד געקומען מיט אַ טאַץ שנאַפּס, צובייסן. און אַז מ׳האָט זיך שוין געהאַט צוגעווונטשן, האָט דער בוכהאַלטער צוגעגרייט דעם חשבון. פון דער סומע איז קודם אַראָפּ 5 פּראָצענט. און אַז דער סאַדאָווניק האָט שוין דערלעבט צו דערזען די פּאָר גילדן, האָט ער שווער אָפּגעאָטעמט:

— זיי זאָלן נאָר אויסקרענקען מיין פּראַצע...

אַהיים איז מענדל געקומען פאַרנאַכט, אַריינגעקוקט אין דער צייטונג, און אויך שרה׳לע האָט אַריינגעבליקט צו זען, וואָס מען שפּילט ביי דער קאַמינסקאַ אין טעאַטער, צי ביי קאָמפּאַניִיעצן, אָדער אין צירק, צו זען די „וואַלקעס". אין צירק אַריין גייט מען נישט, נאָר מען פאָרט. זי האָט זיך אָנגעטון אַ הוט, אַריינגעזעצט צוויי שפּיזלעך. אין צירק איז מען געזעסן ווי די „כּראַביעס". די גאַלעריע האָט געפּאַטשט מיט די הענט און געטופּעט מיט די פיס. זיי האָבן אָנגעקוואָלן פון די געזונטע, לייביקע יונגען, וואָס האָבן זיך געוואָרפן איינער אויפן אַנדערן, אומגעלייגט זיך, צוריק אויפ־

געשטאַנען, און דער עולם האָט פאַרהילכט מיט געשרייען און פייפערייען. ווען זיי זענען שפעטלעך אַהיימגעקומען, איז אויך בראָניע געקומען פון גאַס.

— פון וואַנען קומסטו אַזוי שפעט? — האָט שרה געפרעגט.

— איך בין געווען אין קינאָ „אַפּאָלאָ", אויף מאַרשאַל־קאָווסקע.

— אַ מיידל דאַרף נישט אַהיימקומען אַזוי שפעט ביינאַכט.

בראָניע האָט דער מאַמען גאָרנישט געענטפערט, נאָר איז אַריין צו זיך אין צימער.

צומאָרגנס, שבת איז זיך מענדל דורכגעגאַנגען, צו דער סינאַ־גאָגע אויף טלאָמאַצקע. דאָרט איז ביי דער טיר, ביי די טרעפּלעך, געשטאַנען אַ סטאָיקאָווע און געהיט ס'זאָל זיין אָרדענונג, מ'זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן, ווייל אין דער סינאַגאָגע זענען געקומען רייכע יידן, אין צילינדערס, אויסגעסטראָיעט, זיי זענען געקומען צו פאָרן אין דראָזשקעס, אין קאָטשן, כאָטש ס'איז געווען שבת.

— שטעל זיך פאָר, אַז מען גייט אין שול אַריין דאַווענען, און מען פאָרט אין אַ דראָזשקע אום שבת... — האָט מענדל דערנאָך דערציילט זיין שרה'לען די ווונדער פון דעם כרך וואַרשע — און דאָס הייסט ביי זיי דאַווענען...

— אַז ווי, וואָס ס'ווערט דאָ פון ביסל יידישקייט... — האָט שרה'לע געקרעכצט.

דערווייל האָט סטאַשעק אָפּגעוואַרט אין די אָוונטן בראָניען אין די אויאַזדאָווער אַלייען, אַמאָל אין די לאַזשענקעס. אין שטוב איז זי אַרומגעגאַנגען שטיל, שוין צו־שטיל. די מאַמע האָט עפּעס באַמערקט, אַז זי איז נישט מיט אַלעמען, שאַרט אָוועק דאָס עסן.

— קינד מיינס — האָט שרה זיך געכאַפּט — גייסט־איין... אפשר האָסטו היץ? אַ מאַמעס האַרץ פילט...

בראָניע לייגט זיך צו. זי וועט שפּעטער, זאָגט זי, מאַכן די

לעקציעס. זי גייט צומאָרגנס אין שקאָלע, ווי יעדן טאָג, אָבער עפּעס איז זי אויסגעבלייכט. זי קומט אַהיים, גייט נישט אַרויס אין אָוונט שפּאַצירן. שרה האָט עס באַמערקט און באַלד געוואָלט לויפן ברענגען אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר, וואָס איז געקומען, האָט באַפוילן בראָניען צו ווייזן די צונג. אויסגעהאָרכט איר און האָט פאַרזיכערט, אַז ס'איז איר גאָרנישט. אָבער שרה איז צוגע־שטאַנען, און דער דאָקטאָר האָט איר שטיל אויסגעזאָגט:

— ס'איז נישט דאָס... זי איז שוין אין פערטן מאָנאַט...

שרה האָט פאַרבראַכן די הענט, ס'האָט איר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. זי איז אַריינגעפאַלן צו בראָניען, און די מאַמע האָט איר געפרעגט:

— וואָס וועט איצט זיין, בריינדל?... אַ בראָך איז מיר געשען...

בראָניע האָט זיך צוריק אַוועקגעוואָרפן אויפן בעט און גע־נומען העשען.

— זאָל שוין זיין גענוג געוויינט — האָט שרה געזאָגט — עס וועט שוין גאָרנישט העלפן. דערווייל זאָל קיינער נישט וויסן, אַפילו נישט דער טאַטע.

ווען מענדל איז אהיימגעקומען עסן, איז גאָרנישט געווען צו דערקענען אין שטוב. אַ פאַרנומענער מענטש, איז ער צופרידן געווען, אַז אין שטוב איז רואיק. און ווען ער האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין, איז זי שטיל אַריין צו אים אין חדר. זי האָט מער נישט געקענט איבערטראָגן איינע אַליין.

— זיי וויסן, מענדל, ביסט דאָך אַ טאַטע, מיט בריינדעלען איז עפּעס געשען. אוי, דער סטאַשעק...

מענדל איז געוואָרן ווייס ווי די וואַנט. ער האָט באַלד אַלץ פאַרשטאַנען.

ער האָט זיך אויפגעזעצט און דאָס בלוט האָט אין אים גענומען קאָכן:

— איך וואָלט איר צעריסן אויף שטיקער און געוואָרפן פאַר די הינט...

— נאָר מיט גוטנס... — האָט שרה׳לע זיך געבעטן.

ווער האָט שוין געקאָנט שלאָפן? זיי זענען ביידע געזעסן און גענומען מאַכן פּלענער וואָס ווייטער צו טון. וואַרשע איז דאָך נישט סטאַראָ זשרעבין. קיינער דאַרף דערפון נישט וויסן.

— אַז מיר וועלן איר פאַרשפּילן — האָט שרה׳לע געקלאָגט — זי וועט זיך, חס ושלום, אַ מעשה אָנטון, וועט זיין בעסער?...

מענדל איז געוואָרן אַביסל ווייכער:

— וואָסזשע טוט מען?

— איך מיין, אַז מען זאָל איר אַרויסשיקן אויף דאַטשע, ביז זי וועט איבערקומען. דאָס קינד וועט מען אַוועקגעבן צו אַן אַם.

— און אפשר — „קאַליע" מאַכן?...

— מען קען אַמאָל גיין פון דער וועלט. — האָט שרה׳לע מורא געקריגן.

קאַפּיטל זעקס

אין דער פרי איז מענדל צוריק אַנטלאָפן אין זיין קאַנטאָר. בראָניע איז געבליבן אין שטוב. דערווייל איז שרה געלאָפן און באַשטעלט אַ קאָרסעטן־מאַכערין. מען האָט זי איינגעצויגן די טאַליע, און בראָניע איז נאָך שענער געוואָרן.

אין שטוב האָט מען זיך גענומען צוגעווינען צום אומגליק. אָבער מענדל איז אַרומגעגאַנגען פאַרדאגהט. ער האָט זיך אין קאַנטאָר מער שוין נישט אַזוי געוויצלט, האָט אויפגעהערט צו לויפן אין טעאַטער. בראָניע האָט גענומען דאָס רענצל מיט די ביכער און זיי געטון אַ שליידער אַוועק, פונקט ווי דאָס רענצל ביכער וואָלט שולדיק געווען אין אַלעם. זי האָט זיך איצט געמאַכט נישט־וויסנדיק, ווי די גאַנצע זאַך וואָלט איר גאָרנישט געאַרט. שרה׳לען האָט מען דערווייל אונטערגעטראָגן, אַז מ׳האָט געזען איר ברײנדלען טאַנצן אין ווינער זאַל מיט לייזער קשיוואַק. ער איז געווען דער גאַנצער אָנפירער אין דער טאַנץ־סאַליע. האָט איר די מאַמע געפרעגט:

— בריינדלשי, ווי קאָן דיר נאָך ליגן אין קאָפּ צו גיין טאַנצן?

האָט בריינדל, די שמדניצע, געענטפערט:

— אַז מען טראָגט, איז בעסער, אַז מען טאַנצט...

— זע נאָר דעם מזיק.

שרה׳ן האָט אַביסל פאַרדראָסן, אָבער צופיל האָט זי נישט געזוכט אויפצופלאַקערן דאָס פייער. דעריבער האָט זי איר געלאָזט

לויפן, און ביי זיך האָט זי געטראַכט: ס׳איז דאָך, נעבעך, מיין צרה, וואָס זאָל איך טאָן? אָבער לענגער וואַרטן קען מען שוין נישט. מען מוז זוכן ברײנדלען ווי צו באַשטאַטן, ווייל איר בויך שטעכט שוין אויס די אויגן ביי מענטשן. נאָך גוט, וואָס מען ווינט אין אַ גרויסער שטאָט, מ׳האָט נישט צו טון מיט קיין יידישע יאַכנעס, ווייל די אָגראָדאָווע גאַס איז געווען מער פויליש ווי יידיש. מענדל האָט געזאָגט, אַז נאָך די וואָך פירט ער אַרויס ברײנדלען אויף דער „ליניע״, קיין אָטוואָצק. טאַקע צומאָרגנס האָט ער גערעדט מיטן לאָמען איטשע, אַז ער דאַרף נייטיק אַוועקפאָרן אויף צוויי טעג.

ער איז געפאָרן און אָפּגעדונגען אַ שיינע ווילע אין פאַלעניץ, ביי אַ געוויסן פאָזנאַק. פיר שיינע שטיבן אין דער נידער און דריי שטיבן אויפן ערשטן שטאָק, מיט אַ שיינעם באַלקאָן. אונטן איז געווען אַ גרויסע ווערענדע, קאַרשן־ביימער, באַרן־ און עפּל־ביימער, בעז־ביימלעך, בלומען. ער האָט געטראָפן אַ מציאה. ר׳האָט באַלד באַזאָרגט אַ גוווערנאַנטקע, און זי האָט געדאַרפט היטן און ריין־האַלטן, אַכטונג געבן אויפן גאָרטן. פאַר איר איז געווען אַן עקסטרע שטוב מיט בלומען־טעפּלעך און פאָרהענגלעך.

אַהער איז שרה מיט ברײנדלען אַרויסגעפאָרן. די פּוילישע גוווערנאַנטקע איז געווען זייער אַן אנגענעמע, אַן אינטעליגענטע. זי האָט געלייענט ביכלעך. גערעדט האָט זי מיט אַ חנדעלע, און אַז זי האָט זיך צעלאַכט, האָט זי געהאַט טויזנט טעמים. גערופן האָט זי זיך מאַרוסיאַ. וואָס די אויגן האָבן געזען האָט זי געקענט. שרה איז דאָרט אונטערגעוועזן אַביסל און צוריקגעקערט זיך אין שטאָט אַריין. ווי קען מען דען איבערלאָזן די ווירטשאַפט?

און קיין פאַלעניץ האָט סטאַשעק אויך געטראָפן. אַ גאַנצע וואָך איז געווען שטיל, קיינער איז נישט געקומען. סוף וואָך איז מען אַרויסגעקומען, ביז איבער שבת. אַזוי איז עס געגאַנגען, ביז בראָניע איז איבערגעקומען דעם קימפּעט. געבוירן האָט זי אַ

שוואַרץ־חנוודיקן יונגאַטש. סטאַשעק איז משוגע געוואָרן פון פרייד, אַז ער האָט דערזען דאָס קינד, ווי ס'האָט געמאַכט פויסטעלעך. ער האָט יעדעס מאָל מיטגעברענגט אַנדערע מתנות פאַר בראָניען מיטן קינד, און איר געפרעגט וואָס זי וויל, וועט ער איר ברענגען. שרה אַליין האָט אים נישט געקענט אָנקוקן, אָבער ער איז פאָרט געווען אַ היימלעכער יונג. מענדל איז כסדר אַרומ־געגאַנגען שטאַרק פאַרזאָרגט: ווי אַזוי קריכט מען אַרויס פון די צרות, וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטון אויף זיין קאָפּ? דערצו איז עס נאָך אַ יינגל, צו די אַכט טעג דאַרף מען עס מלה זיין. וואָס הייבט מען אָן צו טון? ער איז שיער נישט משוגע געוואָרן.

דער לאָמער איטשע איז געווען אַ פייערדיקער דריי־קאָפּ. אין קאַנטאָר האָט זיך מענדל אָפּגערופן צו אים:

— כ'האָב מיט דיר עפּעס איבערצורעדן, נאָר ס'מוז בלייבן אַ סוד.

און ער האָט אים אויסדערציילט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן.

— קודם — האָט איטשע געזאָגט — דאַרפסטו זיך איבער־בעטן מיט סטאַשעקן. נעם אים אַריין צו האַרישן אין רעסטאָראַ־ציע, גיב אים אַ שנאַפּס, איך וועל אויך זיין דערביי, און מ'זאָל ביי אים אַרויסנאַרן אַן אונטערשריפט, אַז ער דערלויבט דאָס קינד מלה צו זיין...

מענדל איז איצט אָפּטער אַרויסגעקומען קיין פּאַלעניץ. ס'איז דאָרט טאַקע געווען היימלעך אויך. סוף וואָך — די האַלע־ווייבער האָבן אַהין געברענגט פון כלער גוטס — פּוטער, קעז, הינער, גענדז, פיש. עס איז דאָרט צוגעפּאָרן אַ „חסדל", אַ מין האַנט־וועגעלע און געברענגט מעל, צוקער, פעפער, קנאָבל, גע־ווענזלטע הערינג, געבעקס. מיט איין וואָרט, אַלץ, וואָס מען קריגט אין די געוועלבער אין וואַרשע.

מאַרוסיאַ האָט אָפּגעהיטן ברײנדעלען, ווי אַן אויג אין קאָפּ.

זי האָט געקאָכט, געבאַקן, פאַרנומען זיך מיטן קינד. דאָס קינד איז געלעגן אויף דער ווערענדע אין וויגעלע און בראָניע אַליין האָט אַריינגעקוקט אין אַ ביכל. מענדל האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויפן קינד. ס'האָט אין אים נאָך אַלץ געברענט דער כעס און די חרפה, וואָס די טאָכטער האָט אים אָנגעטון. ער האָט זיך כסדר געזאָגט: „וואָס וועט זיין מיטן ממזר"?...

איטשע איז גאָר צופרידן געווען, וואָס מענדל קומט וויניקער אין קאַנטאָר. ער לייגט נישט צו צום געשעפט. ביז בראָניע אַליין האָט זיך אַרומגעזען אַז דער טאַטע אירער דרייט זיך עפּעס צופיל אַרום מאַרוסיאַן.

— טאַטעשי — האָט זי געזאָגט — לאָז אָפּ די שיקסע. זי וועט דיר נאָר פאַרדרייען דעם קאָפּ...

ווייל בראָניע האָט איינמאָל אַ כאַפּ געטון אַ דערעלע אויף זיך, צוגעשלאָסן די טיר און איז אַוועק אין וואַלד אַריין; און זי האָט געזען ווי דער טאַטע ליגט צווישן די ביימער און לעבן אים — מאַרוסיע. אַז זי איז אַהיימגעקומען, האָט דאָס קינד זיך געריסן. זי האָט דאָס קינד געגעבן צו זויגן. דער קליינער פּרעסער האָט גענומען זוכן מיט די הענטעלעך, זיך גענומען קרימען. זי האָט דאָס קינד פאַרוויגט. ווען מאַרוסיע איז אַריינגעקומען, איז נאָך בראָניע געווען פאַרנומען מיטן קינד.

מענדל איז אויפגעשטאַנען ווי פון הינערפלעט, נאָך דער טאָכטערס רייד. ער איז דאָס מאָל אַוועק אַ האַלב־ברוגזער. ער איז אַהיימגעקומען און האָט דערפילט זיך שולדיק קעגנאיבער שרה'ן. כאָטש ער האָט געטראָגן אַ ווונד אין האַרץ, האָט ער שרה'ן דערציילט דעם נחת:

— דאַרפסט זען וואָס פאַר אַ פרעסערל דער קליינער איז.

ער האָט זיך איצט אַרומגעקוקט אין וואָס פאַר אַ בלאָטע ער איז פאַרקראָכן. דאָס, וואָס בראָניע האָט אים אַריינגעזאָגט, האָט אין אים געאַרבעט. ווען מענדל איז אַוועק אין קאַנטאָר, אַרויסנע־

מען די וואָך פּרנסה, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. דער לאָמער איטשע האָט אים צוגעשטעלט אַ רעכענונג, אַז נישט בלויז וואָס ס'איז נישט געבליבן קיין אויבסט, אַלץ איז פאַרפוילט געוואָרן, נאָר מען האָט פולע קוישן אַוועקגעגנבעט. און ער, דער לאָמער איטשע, פאָדערט צוריק זיין חלק. ווייל — האָט ער געטענהט — צוויי אויגן זענען נישט קיין פיר אויגן. עס פרעגט זיך נאָר — ווער איז געווען דער גנב, צי דער לאָמער איטשע, צי די גנבים פון אונטער דער האַלע?

איז שטוב איז מענדל געוואָרן אַזוי גוט, אַזוי ווייך. ער האָט זיך געבעטן ביי שרה'ן זי זאָל אַרויספאָרן אַביסל צו בראָניען, ווייל ער מוז אַכטונג געבן אין געשעפט, אַז אויף איטשען קען מען זיך נישט פאַרלאָזן.

אין פאַלעניץ האָט שרה זיך עפּעס געכאַפּט און אַ זאָג געטון צו דער מאַרוסיע זי זאָל פאַרשאַרצן די אַרבל און אַביסל צורוימען, מאַכן אָרדענונג. האָט מאַרוסיע געענטפערט, אַז דאָס געהערט נישט צו איר. דערווייל האָט איר שוין אַ יידענע אונטער־געטראָגן, אַז מענדל קומט דאָ צופיל אַרויס, איז שרה אַרויס מיטן פּיסק:

— דו געמיינע יאַכנע, זאָלסט נישט נעמען מיין מענדלען אין די ציין.

יענע האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן. שרה האָט זיך נישט געקענט שענקען: טראַכט אויס אויף מענדלען וואָס אין דער קאָרט. הענט און פיס האָבן איר געציטערט ווען זי איז אַריין צו בריינדלען און אַ זאָג געטון:

— אַ בייזער חלום זאָל מיר אויסגיין צו איר קאָפּ...

— מאַמעשי, וואָס ביסט אַזוי צעטראָגן?

— פאַלעניץ מעג איינגעזונקען ווערן. עס הייבט זיך שוין אָן די זעלבע שפּיל ווי אין סטאַראָ זשרעבין.

בריינדל האָט באַרואיקט דער מאַמען:

— דאַרפסט זיך נישט אָנהייבן. יענע איז נעבעך אַ קראַנקע.
דערווייל איז סטאַשעק געקומען. אַ גדולה, אַ פרייד. ער האָט געכאַפּט דאָס קינד אויף די הענט און זיך אַריינגעפרייט אין דעם. בראָניע האָט דאָס קינד געגעבן צו זויגן. ווען ער איז אַוועק, איז שרה געבליבן מיט בריינדלען אויג אויף אויג. זי האָט איצט דערציילט בראָניען, ווי אַזוי די יידענע האָט באַרעדט דעם טאַטן.
— נו, גענוג — האָט שרה צולעצט געזאָגט — דו דאַרפסט זיך נישט אויפרעגן, דו זייגסט אַ קינד, און די מילך קען דיר נאָך קאַליע ווערן.
שרה האָט די נאַכט גענעכטיקט אין פּאַלעניץ. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי נאַכגעטראַכט. אין דער פרי איז זי צוריקגעפאָרן אַהיים. זי איז אַוועק צו מענדלען אונטער דער האַלע און געזען, ווי ער פּאָרעט זיך אַרום די קוישן. זי האָט געזאָגט, אַז ס'איז שוין צייט מען זאָל דער מאַרוסיען אָפּזאָגן. מענדל האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. ער האָט שוין אַצינד מער אַכטונג געגעבן אין זיין שותפות מיטן לאָמען איטשע. נאָך גוט, וואָס ער האָט זיך באַ־צייטנס אַרומגעזען און אָפּגעהאַקט מיט דער מאַרוסיע.
שרה איז אַרומגעגאַנגען צערודערט, אויפגערעגט, אָבער זי האָט באַטראַכט, אַז אפשר איז בעסער זיך נישט וויסנדיק מאַכן פאַר מענדלען. מענדל איז די לעצטע צייט געווען פאַרמוטשט, פאַר־דאגהט איבער זיינע מסחרים. ער האָט אַוועקגעלייגט אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר, לאַנג געחשבונט, באַרעכנט די היזקות, די פאַרדינסטן. ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער אַזוי געזעסן, געשריבן, געמעקט. שרה האָט זיך צוגעקוקט פון דער זייט און גאַנץ גוט פאַרשטאַנען — פון וואַנען ער האָט אַזויפיל היזק. ער הולטאַיעוועט, שטילער־הייט, הינטער אירע פּלייצעס.
קודם האָט זי באַפוילן, אַז בריינדל זאָל אַהיימקומען, זי דאַרף נישט מער פּאַלעניץ, מיט די גרויסע הוצאות דאָרט. זי וויל, אַז די קינדער זאָלן זיין דערביי און זען דעם חורבן, וואָס

מענדל האָט אָנגעמאַכט אין דער היים. מער קען זי שוין נישט אויסהאַלטן.

מענדל איז אַריין אין אַלקער. ס'האָט אים געשווידערט, ס'האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. ער האָט אַ גאַנצע נאַכט כמעט קיין אויג נישט צוגעטון. פאַרטאָג איז ער אַוועק פון שטוב, אַוועק אין קאַנטאָר. איטשע האָט גלייך עפּעס דערקענט אין אים.

— איך זע, מענדל, אַז האָסט היינט נישט געהאַט קיין גוטע נאַכט. וואָסי, אַלץ די ווייבער ?...

— גיי, רעד נישט קיין נאַרישקייטן.

און ער האָט דעם שותף גענומען דערציילן וואָס פאַראַ בראָך אים האָט געטראָפן. אַז זיין שרה איז אינגאַנצן משוגע געוואָרן, זי מאַכט אים שוואַרץ־שבת.

אין שטוב ביי מענדלען איז געבליבן הענגען אַ טרויעריקייט. איר האַרץ, שרה'ס, איז געווען פאַרקלעמט. זי האָט גערעדט צום זון צו קלמנען :

— מיין קינד, וועסט היינט נישט גיין אין שקאָלע. מיר וועלן פאָרן ברענגען בריינדלען מיטן קינד אַהיים.

— אין שקאָלע טאָר מען נישט פעלן.

— נו, גוט, לאָז איבער דיין מאַמע אויפן הפקר. פון טאַטן דיינעם האָב איך שוין גענוג צרות, אצינד — די קינדער.

נאָך דער גאַנצער גראַטשקע, איז מענדל קוים אַנטלאָפן פון שטוב. ס'איז געווען פאַרנאַכט. נאָך אַ טאָג לייזונג, האָט ער פאַרלייגט דעם פרענט אויף דער האַלע און גערופן דעם לאָמען איטשען אַריינצוגיין אין אַ קאַוויאַרניע. ער וויל אים עפּעס וויכטיקס דערציילן, וואָס עס איז געשען מיט אים, און אפשר קען ער אים עפּעס עצה'נען. אָבער אין אַלע קאַוויאַרניעס איז געווען פול געפּאַקט, און זיי האָבן געזוכט עפּעס אַ שטיל ווינקל אַוועקצוזעצן זיך. ביז איטשע האָט אים געזאָגט :

אַמבעסטן איז שוין אין קאַנטאָר.

מענדל האָט אָפּגעשלאָסן די טיר, און האָט גענומען איטשען דערציילן די גאַנצע געשיכטע, פון אלף ביז תיו.

—־ני, וואָס זאָגסטו דערצו, און וואָס זאָל איך איצט טון?

איטשע איז געבליבן זיצן, זיך גענומען קראַצן אין נאַקן, און האָט צולעצט אַ זאָג געטון:

— ס'איז אַ מיאוס עסק. ביסט שלעכט פאַרקראָכן. אין דער אמתן, וואָס פאַר אַן עצה קען איך דיר געבן? וועלכער מענטש איז דען אַ צדיק און ווער זינדיקט דען נישט אונטער, אכיבאַ אַ גלח. אויך נישט!... מען קען זיי... דאַרפסט אונטערשיקן ווייבער, אָבער קלוגע...

— וווּ נעמט מען אַזאַ איינע?

— ווער וויל דען האָבן מיט זיי צו טון? דו ווייסט דען וואָס פאַראַ פּעבל דאָס איז.

— איך קען מער נישט אַהיים גיין אין שטוב אַריין — איז מענדל געוועזן דערשראָקן — וואָס הייבט מען אָן צו טון?

— הער, מענדל, איך וועל זיך אַדורכרעדן מיט מיינע. מיינע, זאָלסטו וויסן, איז נישט קיין פאַרשלאָפענע. אפשר וועט זי עפּעס קענען מאַכן.

— וואָס זשע זאָל איך איצט טון?

— איך האָב פאַר דיר אַן עצה. וועסט זיין ביי מיר צוויי טעג, נאכער וועט מען ווייטער זען.

מענדל איז באַשטאַנען און מיטגעגאַנגען צו איטשען אַהיים.

אַז שרה איז געקומען אַהיימנעמען ברײַנדלען פון פאַלעניץ, איז זי געוועזן צופרידן. זי האָט שוין גענוג געהאַט די דאַטשע. אָבער וואָס טוט מען מיט מאַרוסיען? ברײַנדל האָט אַ זאָג געטון צו דער מאַמען:

— זעץ זיך אַוועק אַביסל. ס'ברענט נישט. זיי נישט אַזוי צעפלאָשעט.

— נאַרעלע, דו ביסט דאָך אינגאַנצן פון זינען. דו ווייסט דען וואָס דער טאַטע האָט אָפּגעטון?

— איך האָב דאָ אַליין אַלץ צוגעזען. געדענק, מאַך נישט קיין לייטיש געלעכטער. צעברעך נישט די היים, ווייל עס קען זיין נאָך ערגער. לאָמיר אַהיימפאָרן און מען וועט שוין זען אין שטוב וואָס צו טון.

— און וואָס וועט זיין מיט דער ווילע?

— וואָס דאַרפסטו אַריינקלערן? זאָל די כפרה דאָ בלייבן. וואָס האָסטו מורא, אַז זי וועט אויפעסן די ווענט?

די מאַמע האָט גאָרנישט געענטפערט. גענומען איינפּאַקן די וויגדעלעך, אַלע קלייניקייטן, געמאַכט אַ פּעקעלע. בראָניע האָט גוט אַרומגעוויקלט ס׳קינד. די איבעריקע זאַכן האָט מען געלאָזן; אַפילו נישט אָנגעזאָגט מאַרוסיען, אַז מען פאָרט אַהיים.

אין דער היים האָט בראָניע באַפוילן, אַז קודם זאָל די מאַמע אויפהערן צו קלאָגן, ווייל דאָס גייט אַלעמען אויף די נערוון. זי זאָל זיך אָנטון ווי אַ מענטש. און וועגן טאַטן האָט זי נישט געלאַזט רעדן קיין שלעכט וואָרט:

— איך ווייס, אַז דער טאַטעשי האָט זייער שלעכט געהאַנדלט קעגן דיר. אָבער אַז די קינדער וועלן בלייבן יתומים, אַז דער טאַטעשי וועט אַוועק פון שטוב, איז דען בעסער? דער טאַטעשי האָט שוין באַצאָלט רבי־געלט, ער וועט בעסער ווערן.

שרה איז געזעסן און געקוקט ברײנדלען אין מויל אַריין. זי האָט איינגעפונען, אַז די טאָכטער רעדט נישט נאַריש. דער ווייטיק איז טאַקע אירער, אָבער וואָס זענען די קינדער שולדיק? נאָכוואָס מאַכן לייטיש געלעכטער, אַז גאַנץ וואַרשע זאָל דערמיט קאָכן. אָבער איין זאַך האָט זי זיך נישט געקענט שענקען — ווי אַזוי קען מען אַזוי בלייבן אין איין שטוב, ווי וועט זי אים קענען קוקן אין די אויגן אַריין? ווו וועט זי זיך אַהינטון? אפשר זאָל זי אַוועקפאָרן צו דער שוועסטער קיין גער. אָבער ווי לאַנג

קען מען זיין ביי אַ שוועסטער ? דאָ איז זי ביי זיך, מיט די קינדער. זאָל זיך מענדל שעמען, נישט זי. אָבער ווי נעמט זיך צו דעם מזיק ברײַנדל שכל, אַזוי צו רעדן ? זי האָט דער טאָכטער געקושט און געוויינט.

און דאָ האָט זיך אַרײַנגעשטעלט דעם לאָמען איטשעס פרוי, שיין אָנגעטון, געגעבן אַלעמען די האַנט. שרה האָט זי געבעטן זיצן. זי האָט זיך גענומען אויספרעגן וואָס מען הערט, אַ בליק געגעבן אויפן קינד אין וויגל, און האָט אַ זאָג געטון צו שרה'ן :

— זי זענען שוין אַ באָבע, און איך האָב גאָרנישט געוווּסט...

— אַוודאי האָבן זי נישט געקענט וויסן...

איטשעס פרוי איז געווען אַביסל זשענירט, אָבער זי האָט געהאַט דעם קאָפּ אויפן קאַרק, און נישט צופיל נאָכגעפרעגט זיך. ווייל זי איז געקומען וועגן עפּעס אַנדערש, אַדורכצורעדן מיט שרה'לען. שרה האָט געפרעגט :

— מיט וואָס זאָל איך אײַך עפּעס מכבד זיין ? אפשר טיי מיט מאַלינע־סאָק ?...

און זי האָט איר גענומען אויסרעכענען וואָס פאַראַ סאָקן זי פאַרמאָגט אַלץ אין הויז. יענע האָט זיך געהייסן געבן אַביסל קאַרשן־סאָק. שרה איז באַלד געלאָפן צו די קרעדענצן, אַוועקגע־שטעלט אויפן טיש קיכעלעך אין אַ קרישטאָלענער טאַץ, צום פאַר־בייסן. דערנאָך האָט מען ווייטער גענומען אַביסל רעדן. מען איז אַרויסגעקומען אויף דעם, וואָס עס טרעפט זיך אַלץ ביי לייטן. איטשעס פרוי האָט אַרײַנגעוואָרפן אַזעלכע „קיילעכדיקע" ווער־טער, ביז זי איז אַרויסגעקומען אויף די היינטיקע מענער, ווי זיי מוזן האָבן עפּעס „זייטיקס", אַפילו די בעסטע מענער. שטעלט זיך בראָניע אויף און גיט איר אַ זאָג, נישט מער און נישט ווײַ־ניקער :

— איך זע, ליבע פרוי, אַז איר זענט געקומען רעדן אַ שידוך מיין מאַמען מיטן... טאַטן. טאָ זייט וויסן, אַז דאָס איז שוין אַן

אַלט פּאַרפּאַלק, און מיין מאַמעשי איז שוין אַ באָבע. וויל איך אין בעטן, זייען זי אַזוי גוט און העלפֿן, און זאָגן זי מיין טאַ־טעשי, ער זאָל שוין אַרויפֿקומען, ווען נישט וועל איך אים גיין זוכן. זי מיינען נאָר גוט צו מאַכן, און ביי אונדז איז אַלץ זייער גוט...

בראָניע איז אַריין אין אַנדערן צימער, זיך אַביסל אָראָפּווייגען פֿון האַרצן. אַלע זענען געבליבן זיצן ווי געפּלעפּט. איטשעס פֿרוי איז פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. זי האָט נישט געטראָפֿן צו דער טיר. זי האָט געטון אַ כאַפּ איר מאַנטעלע און איז אַוועק, ווי אַן אָפּגעשמיסענע.

בראָניע האָט זיך געפּאָרעט אַרום קינד, איבערגעלייגט די ווינדעלעך, אָנגעשאָטן טאַלק אַרום געזעסל, אויסגעצויגן די הענ־טעלעך. דערנאָך האָט זי געגעבן צו זייגן דעם קינד. זי האָט געבעטן ביי דער מאַמען:

— זאָלסט דעם טאַטן גאָרנישט פֿאַרהאַלטן, הערסט? ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען. אויב נישט — האָט זי געגראָזשעט, — וועט זי אַוועק פֿון שטוב. זי האָט פֿון גאָרנישט געוואָלט הערן. זי זייגט אַ קינד, און ס׳איז נישט געזונט פֿאַרן קינד, זי זאָל זיך אויפֿרעגן.

— איך אַליין וועל אים גיין אויפֿזוכן.

— צו וואָס זאָלסטו זיך איילן אים אויפֿצוזוכן?

— איך וויל מיטן רעדן.

דערווייל איז מענדל אַריינגעקומען, מיט אַ ברייטן גוטמאָרגן, איז גלייך צוגעגאַנגען צו בראָניען און איר געגעבן אַ קוש אין קאָפּ. ער האָט אַ קוק געגעבן צום קינד, ווי ס׳האַלט די פֿינגערלעך אין מויל. שרה איז אַריין אין קיך זיך פּאָרען, ווי זי וואָלט דעם מאַן גאָרנישט געזען. בראָניע האָט אים דערווייל שטיל אַ זאָג געטון, אַז ער דאַרף אַרויספֿאָרן קיין פּאַלעניץ און דערליידיקן מיט דער מאַרוסיע. ער האָט עס איר צוגעזאָגט, און האָט אַזוי געטון.

קאַפּיטל זיבן

גרעסערע דאגות זענען געווען אין שטוב. מ'האָט געדאַרפט זוכן אַ תכלית צו דער לאַגע פון בראָניען. זי האָט פאַרלאַנגט, אַז סטאַשעק זאָל אַרויפקומען אין שטוב אַריין, אַז דער טאַטע פון קינד זאָל נישט אָפּגעפרעמדט ווערן. איין מאָל האָט בראָניע פאַרלייגט אַ טענה מיטן טאטן, אַז זי וויל חתונה האָבן מיט סטאַשעקן. האָט מענדל געזאָגט, אַז ער איז גרייט זיך אויסצוטון דאָס לעצטע העמד, אַבי זי זאָל נעמען אַ יידישן יונגערמאַן.

האָט ברײַנדל געזאָגט:

— טאַטע, איך בין גרייט וועש צו וואַשן און זיין מיט דעם, וועמען איך האָב ליב. סטאַשעק פאַרדינט גענוג. ווען נישט וועל איך אים העלפן.

— איך וויל נאָר זאָלסט בלייבן אַ יידיש קינד.

— מיר גלויבן אין מענטש, און נישט אין קיין געטער...

אַז מענדל האָט געזען, אַז ער וועט ביי איר גאָרנישט פּועלן, איז ער מרוצה געוואָרן. ער האָט אַפילו געטראַכט וועגן אַ חתונה. אָבער ווי אזוי חתונה צו מאַכן אַ יידישע טאָכטער מיט אַ נישט-יידן, האָט ער נישט געקענט פאַרשטיין. ער האָט זיך שואל-עצה געווען מיט זיינע גוטע פריינד, מיט די סוחרים, סאַדאָווניקעס, די גרויסע טרעגערס, מעקלערס, רעסטאָראַטאָרן. אַפילו מאיר טאַם האָט פון אַלץ געוווסט, און ער האָט זיך נישט געקענט שענקען, וואָס ברײַנדל געהערט צו אַן אַנדערן. ער האָט אָבער געזאָגט:

— אַזוי ווי ברײַנדל איז געשטראָפט פון גאָט, וואָס זי האָט

אַ גוי פאַר אַ מאַן, טאָר זי נישט געשטראָפט ווערן פון אייגענעם טאַטן.

שרה איז שוין באַשטאַנען אויף אירס:

— בראָניע דאַרף נייטיק אַ חתונה? מען דאַרף זען די קינדער איינצואָרדענען מיט אַ גוטער פּרנסה און — שוין.

איז מענדל געגאַנגען צו סטאַשעקן, אים געגעבן די האַנט און געזאָגט צו אים:

— הער, סטאַשעק, זיי וויסן, אַז דו ביסט מיין קינד, פּונקט ווי בראָניע.

סטאַשעק האָט אים געענטפערט דאָס זעלבע וואָס בריינדל:

— מיר האָבן זיךביידע ליב, און אויב דו ווילסט עפּעס מאַכן פאַר דיינע פריינד, זענען מיר נישט קעגן.

די געשעפטן ביי מענדלען זענען דווקא גוט אַוועק. ער האָט נאָר אַלץ אַריינגעקלערט ווי אַזוי צו מאַכן, עס זאָל זיין גוט צו גאָט און צו לייט. ער האָט לסוף באַשלאָסן צו דינגען דעם ווינער זאַל ביי די פּיליאַרן, באַשטעלט מוזיקאַנטן, אָפּגעמאַכט מיט אַ רבין ער זאָל געבן חופּה וקדושין, דאָס הייסט, אַז סטאַשעק איז זיך מגייר. און מ'האָט זיך גענומען גרייטן צו דער חתונה.

די גאַנצע האַלע איז געגאַנגען אויף רעדלעך. די חתונה איז פאָרגעקומען טאַקע ווי מאיר טאַם האָט געפּסקנט. מיטן רב איז מען אַדורכגעקומען. אַפילו לייבעלע טענצער איז אויך געווען. אָבער פאַר דער חופּה איז עפּעס געשען. אין גרויסן ווינער זאַל האָבן זיך אַרומגעדרייט מענטשן מיט ווייכע ציינגער. זיי האָבן עס איינגערוימט איינעם דעם אַנדערן אין אויער אַריין, אַז דער חתן איז אַ גוי. דאַן האָט לייבעלע טענצער אַ מאַך געטון מיטן שטעקעלע און די כלי־זמרים האָבן גענומען שפּילן. און אַלע זענען געשטאַנען און געקוקט ווי סטאַשעק טאַנצט זיצנדיקערהייט, ווי אַ ריכטיקער קאָזאַק. אָבער די חתונה איז סיי ווי געווען צע־שטערט.

סטאַשעקן האָט מען דערנאָך באַלד גערופן צום מיליטער, כאָטש עס האָבן זיך אונטערגערוקט „מאַכערס". זיי האָבן סטאַ־שעקן געוואָלט מאַכן פאַר אַ בלינדן, אַרויסנעמען אים די ציין, מאַכן אים אַ קילע. אָבער אָנקוקנדיק סטאַשעקן, אַזאַ ריז, האָבן זיי אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. ער איז אַוועק און בראָניע האָט שטילערהייט פאַרגאָסן טרערן. דאָס קינד איז שוין געווען אַנטווייַנט. ס'איז אַרומגעקראָכן אין שטוב, אַראָפּגעשלעפּט דעם טישטעך פון טיש, אָנגעמאַכט שאָדנס.

אין איין טאָג איז געקומען אַ בריוו פון סטאַשעקן, אַז ער געפינט זיך אין קאַווקאַז. מען זאָל זיך גאָרנישט זאָרגן וועגן אים. ס'וועט נאָך אָבער לאַנג דויערן ביז ער וועט אַהיימקומען.

מאיר טאַם איז געקומען אין שטוב אַריין, האָט אים בראָניע דערווייל געגעבן צו האַלטן דאָס קינד, ער זאָל דערמיט אַראָפּגיין שפּאַצירן. מאיר האָט זיך געדרייט אין שטוב. מ'האָט געזען, אַז עפּעס קאָכט אין אים. בראָניע האָט געזען ווי ער גייט אָפּגעשליסן, איז זי צו צו דער שאַנק, אַרויסגענומען דעם טאַטנס אַ העמד און אים געגעבן. ס'איז איר אַליין אויך געווען שווער אויפן האַרצן. זי האָט געזאָגט צו דער מאַמען, אַז זי וויל גיין אַרבעטן. מען מוז אָבער געפינען אַ מענטש צום קינד. ביז מען האָט געפונען אַן עלטערע פרוי, אַן אלמנה. בראָניע איז אַוועק אַרבעטן אין אַ קאָלאָניאַל־געשעפט אויף זשימנע גאַס. ביז איין טאָג האָט בראָניע באַשלאָסן, אַז זי וועט דאָרט אַהינפאָרן צו סטאַשעקן, און זען, אפשר קען מען עפּעס מאַכן מען זאָל אים באַפרייען, אָדער ער זאָל אַנטלויפן און זיך „קריען". זי האָט זיך אָבער דערוווּסט, אַז נישט אין קאַווקאַז, נאָר אין סיביר געפינט ער זיך. זי וועט דאַרפן וואָכן־לאַנג, ביז די טייגעס, אָן אַ באַן, נאָר מיט שליטנס פאָרן, איז איר געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן. ווי קען מען דען מאַכן אַזאַ רייזע, און איבערלאָזן אַ קינד אין פרעמדע הענט? זי איז שיעור נישט משוגע געוואָרן. ווען מען זאָל איינפאַלן, אַז דאָס געפינט

זיך ערגעץ הינטער די הרי חושך. עס האָט זיך איר מער נישט געלייגט די הענט עפּעס צו טון.

אין אַ טאָג קלינגט מען ביי דער טיר און ס'שטעלט זיך אַריין אַן עלטערער פויער, מיט צוויי ווילדע וואָנסעס, אָנגעטון אין אַ הויך ווינטער־היטל, די שטיוול פאַרבלאָטיקט, אַ פּעלצל פול מיט לאַטעס. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטיקל פויע־רישע לייוונט, ווו ס'איז געווען איינגעוויקלט אַ שטיק ראַזאָווע ברויט מיט קעלבאַס און אַ פּערציקסטל בראָנפן. ער פרעגט זיך, צי דאָ ווינט בראָניאַ. שרה לאָזט אים שטיין און גיט אַ רוף:

— בריינדל, קום נאָר, עפּעס עמיצער פרעגט זיך אויף דיר.

בריינדל קומט אַריין, קוקט זיך גוט צו און דערקענט אַז דאָס איז יאַצעק, דער שכן זייערער פון סטאַראָ זשרעבין.

— דו קענסט אים נישט? — זאָגט זי צו דער מאַמען — דאָס איז דאָך יאַצעק קאָוואַל.

זי נעמט ביי אים צו דאָס פּעקל און פרעגט אים וואָס ער מאַכט, וואָס עס הערט זיך דאָרט אין דאָרף. און צולעצט — צי ער באַקומט בריוו פון סטאַשעקן? זי לאָזט אים זיצן, לויפט אַריין און ברענגט אַריין דאָס קינד. שרה פרעגט אים וואָס ער וויל טרינקען. ער גיט זיך אַ וויש די צוויי ווילדע וואָנסעס, שלעפּט אַרויס עטלעכע צעקנייטשטע בריוו, שוין נישט פון סטאַשעקן, נאָר פון אַ צווייטן סאָלדאַט, און ווייזט איר זיין אומגליק. סטאַשעקן האָט מען געפונען אויפגעהאָנגען אין קאַרצער. אַלעמען איז געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן. אויך דאָס קינד האָט זיך צעוויינט.

ווען מענדל איז אַריינגעקומען און געטראָפן אַלעמען וויינען, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען דאָס אומגליק. ס'איז שוין געווען אָוונט, און מ'האָט דעם אַלטן יאַצעקן אויסגעבעט אַ געלעגער. ער האָט איבערגענעכטיקט און איז צומאָרגנס באַלד אינדערפרי אַוועק.

בראָניע האָט נאָך איין מאָל איבערגעלייענט דעם בריוו, איז איר אַריין אַ ווילדער משוגעת אין קאָפּ אַריין, אַז עס איז איר נישט געווען צו דערקענען. זי איז אַרומגעגאַנגען אָפּגעלאָזן, נישט אויפגעקעמט אירע שיינע דאָרפּישע האָר. אויך אין שטוב איז געווען אַן אומאָרדענונג.

איין מאָל האָט פּאַסירט אַ זאַך, און בראָניע האָט אינגאַנצן פאַרלאָזן די היים. ביי מענדלען האָט געאַרבעט אַ יונג, מ׳האָט אים גערופן בערל קאַשטאַן; אַ געזונטער, אַ שיינער, מיט אַ פּנים פול קלייענדלעך, דערפאַר האָט מען אים גערופן קאַשטאַן. ער איז נישט געווען קיין טרעגער, ווייל נישט יעדער האָט געהאַט אַזאַ זכיה. אַ ריכטיקער טרעגער, פון אונטער דער האַלע האָט נאָר געקענט זיין איינער פון די ווילע יונגען. און דאָס איז נישט געווען אַזוי לייכט צו דערגרייכן. אָבער אונטערהעלפערס זענען געווען. בערל קאַשטאַן פלעגט אַרויסשלעפּן די קוישן אויבסט פון געוועלב, און אונטערטראָגן די קונים צום וועגעלע, אויפלאַ־דעווען. אָבער ווען ס׳איז געקומען אַ סאַדאָווניק, און מ׳האָט געדאַרפט אַראָפּלאַדעווען, דעמאָלט האָט שוין געמוזט זיין אַ ריכטיקער טרעגער. זיי האָבן שוין געהאַט זייער פּרייז פון קויש. דער בערל קאַשטאַן האָט זיך גוט אָנגעהאָרעוועט, און דערפאַר האָט מען אים צוגעוואָרפן אַ פּאָר קאָפּיקעס. אָבער דערפאַר האָט ער פאַרדינט טרינק־געלט ביי די קונים. דער הורטאָווניק האָט אַזאַ קוישן־שלעפּער צוגעוואָרפן 10 קאָפּיקעס, אָדער 20 קאָפּי־קעס. און ער האָט נישט שלעכט פאַרדינט, ס׳ווענדט זיך אַ טאָג. דערביי האָט מען זיך אויף אים געבייזערט, וואָס די קוישן שטייען פונקט דאָ, פאַרוואָס זיי זענען נישט צוגעדעקט, פאַרוואָס זיי זענען אויפגעדעקט. בערל קאַשטאַן האָט געהאַט אַ מאַמע מיט פינף יתומים אויף וואָלינסקע גאַס. זיי האָבן געוווינט אין דער נידער. די מאַמע האָט מען נאָר געהערט שעלטן די קינדער:

— נאָר זיי פרעסן... זאָלסט נישט דערלעבן אויפצוואַקסן...

אַ גאַנצע וואָך איז בערל קאַשטאַן געגאַנגען אַרומגעוויקלט מיט אַ גראָבע שטריק אַרום זיך. ווייל קוים האָט זיך געמאַכט אַ „יאַזדע״, האָט ער דעם שטריק פאַרוואָרפן אויפן קויש, פאַר־וואָרפן אים אויף דער פלייצע. אַהיימגעקומען, האָט ער מיטגע־בראַכט אַ 3־פונטיק ברויט און די פּאָר קאָפּיקעס אַוועקגעגעבן דער מאַמען. אַמאָל פלעגט ער זיך „אַראָפּמאַקלען״ אַ פּאָר קאָ־פּיקעס פאַר זיך. די שוועסטערלעך און ברידערלעך האָבן אים אָפּגעוואַרט, ער זאָל צעשניידן דאָס ברויט און יעדן געבן אַן המוציא. זיי האָבן זיך געדונגען, געמאַכט געוואַלדן. דאָס איבערי־קע האָט ער אַוועקגעגעבן דער מאַמען. אַליין האָט ער זיך גאָר־נישט אַראָפּגענומען. ער האָט געגעסן ביי די האַלעס בראַקאָווגע באַרנעס, עפּל. ער האָט נאָר ליב געהאַט דער מאַמעס אָנגעברענטע זופּ. דאָס קלענסטע מיידעלע איז געלעגן אין בעט און געברענט פון היץ, דאָס 5־ער לעמפּל אַראָפּגעדרייט.

אָט דער בערל קאַשטאַן האָט פאַרלאַנגט מענדל זאָל אים עפּעס דערלייגן, און מענדל האָט אים אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. דאָס האָט זיך דערוווּסט ביינדל. בערל איז אַרויפ־געקומען אין שטוב, זיך בעטן מענדל זאָל אים צוריקנעמען צו דער אַרבעט. ווען ס׳איז געקומען אין אָוונט, ביי וויעטשערע, האָט ביינדל דערציילט וועגן דעם אָרעמען יונג.

— מאַמע — האָט זי אַ זאָג געטון — זאָלסט אַזוי נחת האָבן פון דיינע קינדער, ווי זאָלסט גיין זען בערל קאַשטאַנס היים... ביטערע קבצנים נעבעך... ער איז אַ מענטש מיט אַ ריין האַרץ, בערל...

סיי מענדל, סיי שרה האָבן געפילט, אַז איצט דאַרף מען דער טאָכטער נישט ענטפערן. זי איז אַזוי אויך פאַרביטערט. ער האָט באַלד צוריק אַריינגענומען דעם אָרעמען יונג צו דער אַרבעט, דערלייגט אים אַ פּאָר קאָפּיקעס. בראָניע האָט איינמאָל פאַר־בלאָנדזשעט צו זיי, אין דער אָרעמער היים, און ווען בערל איז

געקומען פון דער אַרבעט מיט אַ ברויט אונטערן אָרעם, האָט בראָניע אים געפרעגט, צי ס׳גייט אים בעסער ביי דער אַרבעט, האָט בערל אַרויסגענומען אַ גילדן און איר געוויזן, און געזאָגט, אַז דאָס האָט אים איר טאַטע געגעבן, אַז ער לאָזט אים נישט אַוועק מיט ליידיקע הענט, גיט אים אַביסל קאַליעדיקע אויבס. אַז בראָניע האָט זיך אויפגעשטעלט אַהיימצוגיין, האָט איר בערל געבעטן זי זאָל נאָך אַביסל בלייבן. בערל איז געווען אין זיבעטן הימל, וואָס בראָניע זיצט מיט אים ביים טיש און רעדט אַרום די לאַגע פון אָרעמע מענטשן.

קאַפּיטל אַכט

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן מיט דעם יונג בערל קאַשטאַן. זי האָט אים געפירט אין אילוזיאָן, אין קאַמינסקי־טעאַטער, צו קאָמפּאַניעיעצן אויף מוראַנאָוו. ברײַנדל האָט שוין גענומען אַרײַנקלערן וועגן אַ דירה פֿאַר בערלס פֿאַמיליע. מענדל איז שטילערהייט געווען צופֿרידן. ס'וועט זײַן, האָט ער געטראַכט, אַן אָפּלײַזונג פֿאַר אַלע זינד. ער איז גרייט געווען צו לאָזן זיך קאָסטן וויפֿל נאָר מ'וועט דאַרפֿן. בראָניע האָט איצט געזען, אַז בערל זאָל גיין אָנגעטון לײַטיש, האָט אַפֿילו באַקלייט דאָס קליינוואַרג, זײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך. זי האָט בערלען אַרויפֿגעבעטן אָפּטער אין שטוב אַרײַן. און ברײַנדל אַליין — ווי זי האָט זיך געענדערט. שרה האָט עס צוגעזען און אַ זאָג געטון צו מענדלען:

— מ'דאַרף אַ טראַכט טון און נישט לאָזן עס אין דער לאַנגער באַנק אַרײַן...

— ביסט דאָך אַ מאַמע — האָט מענדל זיך געגלעט דאָס שפּיץ־בערדל — זע ווי ווײַט עס האַלט שוין.

— פֿאַרלאָז זיך אויף מיר.

אַז בערל איז אַרײַנגעקומען האָט שרה אָנגעשטעלט אויפֿן טיש כּיבוד. זי האָט אים אויך באַפֿוילן, אַז די מאַמע זײַנע זאָל אַרײַנקומען, מ'דאַרף עפּעס איבערשמועסן. דערווײַל האָט בראָניע געפֿונען פֿאַר זיי אַ לײַטישע דירה אויף סאָלנע נומער 8, צוויי שטובן מיט אַ קיכל. ס'איז געווען זייער נאָענט פֿון זיי. מען האָט

דאָס דירה׳לע אויסגעקאָלכט. בערלס מאַמע איז אַרויפגעקומען, און שרה האָט זי שיין באַזעצט, לאַנג געשמועסט וועגן היינטיקע קינדער און אַריינגעוואָרפן אַ ווערטל:

— זי זעען דאָך, די קינדער האָבן זיך גערן. מ׳דאַרף אַ טראַכט טון וועגן אַ תכלית...

שבת זענען זיי אַלע אַוועק אין טעאַטער צו קאָמפּאַניעיעצן, אויפן מוראַנאָוו. בראַניע מיט בערלען זענען אַוועק שפּאַצירן אין די לאַזשענקעס, אָדער אין פּראַגער וועלדל. זיי זענען אַרומ־געגאַנגען שוין אַ שטיקל צייט. בראַניע האָט געקויפט פאַר בער־לען אַ סיגנעט און געשיקט עס אנשטאַט שלח־מנות, ווייל עס איז גראָד אויסגעפאַלן פּורים־צייט. זי האָט אויך געשיקט צוויי פלעשער וויין, פּאָמעראַנצן, טערקישע ניס. בערל האָט צוריק־געשיקט פאַר בראַניען אַ בריליאַנטן פינגערל. אייגנטלעך איז דאָס פינגערל געווען בראַניעס, אָבער זי האָט עס איבערגעמאַכט, טאַטע־מאַמע זאָלן נישט וויסן, און ס׳האָט געהייסן, אַז בערל האָט עס איר געשאָנקען. אַזוי זענען זיי געוואָרן ריכטיקע חתן־כלה. די חתונה איז באַשטימט געוואָרן אויף שבת נאָך שבועות. שרה האָט אַפילו געוואָלט פריער, נאָר אין די ספירות, ווייסט יעדער, פּראַוועט מען נישט קיין חתונות.ביידע מחותנסטעס זענען געוואָרן זייער אויפגעלעבט צווישן זיך. אַז בערלס מאַמע איז געגאַנגען אונטער די האַלעס קויפן בוראַקעס אויף באָרשט, האָט זי שוין פאַראייננוועגס אויך געקויפט פאַר שרה׳ן און אָפּ־געשיקט עס מיטן יינגל. שרה האָט צוגענומען די בוראַקעס, געגעבן דעם יינגל 2 קאָפּיקעס, ער זאָל זיך קויפן נאַשוואַרג. אַליין האָט זי גענומען די בוראַקעס און אַריינגעוואָרפן זיי אין מיסט. און ווען שרה האָט געזען דער מחותנסטע האָט זי איר געזאָגט, אַז די בוראַקעס האָבן געהאַט טעם מעדנים.

— וויפל האָבן זי אויסגעגעבן?

— עט, אַ קלייניקייט... — האָט יענע אַוועקגעמאַכט.

די מחותנסטע האָט אויף דער סאַלנע גאַס זיך באַקענט מיט אַנדערע שכנות. איין שכנטע אירע איז געווען מאַשע מאַק. זי האָט געהאַנדלט אויפן סמאָטשער באַזאַר מיט אויבסט. זי האָט נישט געקויפט ביי מענדלען, ווייל ביי אים האָט שטענדיק געפעלט צו דער וואָג. אָט די מאַשע מאַק האָט גענומען באַרעדן מענדלען, אַז ער איז אַ גנב, אַז איר טאָכטער האָט זיך אַרומגעטליקעט מיטן גאַנצן דאָרף שקצים.

— און די בריינדעלע, דאָס איז יענע סחורה. זי גיט זיי טאַבעק צו שמעקן... זי איז נישט מקנא יענעם, וואָס וועט צו איר אריינפאַלן...

האָט זי דאָך שוין געזען בערלס מאַמע, וואָס פאַר אַ בראָך איר האָט געטראָפן. און בערל וויל חתונה האָבן מיט אַזאַ מכשפה. ווען בערל איז אַהיימגעקומען אַ פריילעכער, נאָכן שפּאַציר מיט בראָניען, האָט די מאַמע געפּרוּווט רעדן מיט אים:

— קינד מיינס, מיט אַ שידוך טון, דאַרף מען זיך גוט אַרומ־קוקן, איידער עס ווערט צו שפּעט...

— הער נישט, מאַמע, די בייזע צינגער. דו מיש זיך נישט!

אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן די גראַטשקעס אין שטוב. די מאַמע איז קראַנק געוואָרן, און מאַשע מאַק איז אַריינגעקומען עפּעס צוהעלפן אין שטוב. אָבער אַז בערל איז דערגאַנגען, אַז די גאַנצע זאַך שטאַמט פון מאַשע מאַק, האָט ער זי גענומען און אַרויס־געוואָרפן. שרה איז אַרויפגעקומען, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, און נישט געענטפערט. שרה איז געלאָפן ברענגען אַ דאָקטער. דער דאָקטער האָט איינגעפונען, אַז יענע איז, נעבעך, גערירט פון זינען. זי האָט געשריגן, געמאַכט געוואַלדן, אַז די קינדער לאָזן זי אַליין. מען האָט איר געכאַפּט און אַרויסגעפירט קיין אָטוואָצק, אָבער דאָרט האָט מען זי נישט געוואָלט אויפ־נעמען. האָט מען זי אָפּגעפירט אין טשיסטע שפּיטאָל, אין 8־טן אָדזשיאַל, די אָפּטיילונג פאַר משוגעים. די דאָקטוירים האָבן

געזאָגט, אַז מ'קען זי היילן, ווייל זי מאַכט קולות. ערגער איז מיט די, וואָס זענען שטיל, נאָר עס מוז געדויערן אַ שטיקל צייט.

דערווייל האָט בערל אין שטוב געמוזט פאַרנעמען זיך מיט די קינדער. ער האָט בראָניען אויך אויסגעמיטן, איר נישט געענטפערט קיין גלייך וואָרט. בראָניע איז געווען זייער באַזאָרגט, זי איז גאַנצע טעג געזעסן ביי זיך אין צימער, מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. שרה האָט זיך זייער איבערגענומען:

— אַ בראָך האָט מיך געטראָפן. זי מאַכט אַ תל פון זיך, די מויד.

ס'האָט נישט געהאָלפן קיין בעטן, נישט מיט גוטן, נישט מיט בייזן. זי איז געלעגן פאַרטראָגן. די שלייפן האָבן געהאַקט. דער קאָפּ האָט וויי געטון. זי האָט איינגעדרימלט. און אַז מענדל איז אַהיימגעקומען און דערזען דעם חורבן אין שטוב, האָט ער אויך אַראָפּגעלאָזן די הענט. איינמאָל האָט בראָניע אַריינגערופן דער מאַמען און איר געזאָגט:

— מאַמע, פאַר מיר האָט זיך די וועלט געענקט... כ'וויל שטאַרבן...

זי האָט פאַרשטאַנען, די מאַמע, און האָט זי מער אויף קיין מינוט נישט געלאָזן אַליין. מענדל האָט אַפילו אַרויסגענומען די קליאַמקע פון איר טיר, זי זאָל זיך נישט קענען פאַרמאַכן. דאָס קינד האָט מען אַוועקגעפירט צו אַן אַם. מ'האָט בראָניען גע־פּרוווט צו טרייסטן, אַז אַלץ אין לעבן קען זיך נאָך ענדערן צום גוטן, אָבער זי האָט פון גאָרנישט געוואָלט הערן. מען האָט זי מיט געוואַלט אַרויסגעפירט שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן. די פרישע לופט האָט איר אַביסל אויפגעמונטערט.

בערלס מוטער איז געשטאָרבן אין טשיסטע שפּיטאָל. באַלד נאָך שבעה איז ער געקומען אין הויז אַריין צו בראָניען און איר איבערגעבעטן פאַר דיליידן, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט. אַזוי איז שוין בערל אָפּטער אַרויפגעקומען. ביז מ'האָט גענומען אונ־

טעראײלן די חתונה. מענדל האָט צוגעזאָגט בערלען אַרײנצונעמען אים אין האַנדל. אַרום די האַלעס האָט מען גערעדט, אַז בערל פֿאַרקויפֿט זיך פֿאַר געלט. די װײַבער האָבן אים געװאָרנט, אַז ער זאָל זײַן טויטער מאַמען נישט אָנטון קײן חרפּה. די גאַנצע רעדל־פֿירערקע איז געװען מאַשע מאַק. זי האָט אַלײן געהאַט דרײַ טעכטער, פֿאַרזעסענע מײדן. זי האָט זיך אַרײַנגעלײגט מ׳זאָל נישט דערלאָזן צום שידוך.

איז מענדל אײנמאָל אַהײמגעקומען מיט אַ באַשלוס, אַז מען ליקװידירט דאָ אַלץ און מען ציט זיך איבער קײן לאָדזש. ער מוז עס טון צוליב בראָניען, אַז נישט װעט דאָ אַלץ אונטערגײן. אַזױ האָט ער טאַקע געטון, מיטגענומען די גאַנצע פֿאַמיליע, צוזאַמען מיט בערלען.

אין לאָדזש איז בערל, מיט דער צײַט, געװאָרן אַ גרױסער סוחר פֿון פּרוכטן אויף יונה פּילצערס פּלאַץ. דאָרט איז אויך פֿאָרגעקומען די חתונה פֿון בערלען מיט בראָניען.